STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03163

DRAY YOR IN POYLISHN MILITER

J. Kahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב כהן
(בן־אהרן)

דריי יאָר אין פוילישן מיליטער

יעקב כהן

יעקב כהן
(בן אהרן)

דריי יאר
אין פוילישן מיליטער

24.10.1919 — 22.11.1922

מעמוארן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ח — 1967

יעקב כהן / דריי יאָר אין פוילישן מיליטער

DRAI JUR IN POLISHEN MILITER

19.10.1919 — 22.11.1922

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, ישראל

„Hamenora" Publishing House
24, Zangwill Str. Tel-Aviv, Israel

©
אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשכ״ח

Printed in Israel, 1967

דפוס „אור״ בע״מ, לבנדה 36, תל־אביב

גועוידמעט

מיין יונג־פאַרשטאָרבענעם פאָטער

אהרן בן משה הכהן

(נפטר געוואָרן ערב יום־כיפור תרע״ו — 1916)

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון מעמאָריאַל־פאָנד
פאַר יידישער קולטור אין ניו־יאָרק

3 יאָר אין פּוילישן מיליטער

מלחמה־צייכענונג

1919 — 1922

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט (1930) — י. כ. 11

דער גורל פון אַ בוך — יעקב כהן 12

וועגן יעקב כהנס „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער"
יצחק באַשעוויס . 14

קאַפּיטל איינס 17
איך ווער גערופן צום פוילישן מיליטער.

קאַפּיטל צוויי 19
ערב דינסט־צייט אין פ. ק. או. — אין זבאָרנע סטאַציע.

קאַפּיטל דריי 27
כ׳פאָר קיין כעלם — די ערשטע „טשוויטשעניעס" — אין כעלמער פּאַקע — ביים פּאָרוטשניק וועסעלאָווסקי — אַנטעק פּאָרט אויף פּאָלסקי אורלאָפ — ערשטער פּסח אין כעלם.

קאַפּיטל פיר 41
אין אָסטראָוו־קאָמאַראָוו — אין שפּיטאָל — אַרויספאָר קיין וולאָדאַווע — דער אַרויסמאַרש אויף די פּלאַצוווקעס — אַרויסמאַרש קיין קאָדניע — די ערשטע שלאַכט מיט די באָלשעוויקעס.

קאַפּיטל פינף 64
דער מאַרש קיין לובלין — אין כעלם — פּויסק — אין לובלין — די אַנטשיידונג.

קאַפּיטל זעקס 83
אין ביאַלאַ־ביעלסק — יום־כּיפּור — סוכות — אין אַנדערע קאַשאַרן — דער אַרויספאָר קיין קאָזשעניץ.

קאַפּיטל זיבן 90
אין קאָזשעניץ — דאָס מיליטערישע לעבן.

קאַפּיטל אַכט 93
דער אַרויספאָר קיין לידע — אין דער 3־טער קאָמפּאַניע פון ערשטן באַאָן, 35־טן פּיעכאָטע פּולק.

קאַפּיטל ניין 100
אין דער שטאַבאַווער קאַמפּאַניע — שטאַבאַווער אַרעסט — יאַנעק, די פּולקאַווע „אַפּערמע״ אין תפיסה — דאָס איבערגיין אין 22־טן פּולק.

קאַפּיטל צען 110
אין דער זיבעטער קאַמפּאַניע — וואָלקאָוויטש פּרווט זינדיקן — די לאַגע פון דעמאָלסטיקן מיליטער — פּאַרוטשניק קאַזשעניעווסקי — דער צווייטער פּסח אין גערעניאַן — דער אַרויסמאַרש קיין מאַלאָדעטשנע.

קאַפּיטל עלף 125
אין דער נײַנטער קאַמפּאַניע — פּאַרוטשניק בירא — מ׳ריכט זיך אויפן „דזשאַדעק״ — אין „פּאַליאָוון״ שפּיטאָל — „אוזשאַנד גאָספּאָדאַרטשי״ — אין דער אַכטער קאַמפּאַניע.

קאַפּיטל צוועלף 143
אין קאַנצעלאַריע פון דריטן באַאָן — דער דריטער פּסח אין מאָלאָדעטשנע — דער גראָדנער ש. שמדט זיך — דער איבערגאַנג אין דער פערטער קאַמפּאַניע.

קאַפּיטל דרייצן 152
קיין זאַמבראָווע — אין זאַמבראָווע — דער זעלבסטמאָרד און מורא פאַר די בייזע רוחות — די באַפרייאונג פון 1900 — אין שעדלעץ — זיבן געשעענישן — אַהיים.

אויסטייטש (גלאָסאַר) פון פרעמדווערטער און מיליטערישע אויסדרוקן 167

זוכצעטל פון נעמען און ווערטער 172

רשימה פון ביכער 174

אַרײַנפיר־וואָרט
(1930)

די יידישע ליטעראַטור איז שוין גענוג רייך מיט מע־מואַרן פון דער וועלט־מלחמה, געשריבן פון דאָקטוירים, אָפיצירן און לעצטנס אויך דורך פשוטע זעלנער. די לעצטע פויליש־סאָוויעטישע מלחמה איז נאָך אָבער כמעט נישט באַלויכטן געוואָרן.

און ווייל דער גרויסער יידישער קיבוץ אין פוילן פאַר־דינט אַ שילדערונג פון די איבערלעבונגען און עפיזאָדן, וואָס ס'איז אויסגעקומען דורכצולעבן דעם יידישן זעלנער אין אָט דער לעצטער מלחמה, וועל איך זיך דעריבער באַמיען, ווי ווייט מעגלעך, צו פאַרפולן דעם בלויז אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור, און צוליב דעם צוועק טאַקע שרייב איך דאָס דאָזיקע בוך.

הגם איך בין נישט געגאַנגען פוסטריט — מיטן פראָנט, איז מיר דאָך אָבער אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ ריי מיליטערישע עטאַפּן, פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן, און צו קומען אין באַרירונג מיט אַ סך יידישע שטעט. און דעריבער, גלויב איך, וועלן זיך אינעם בוך אָפּשפּיגלען, ווי געהעריק, אַ שטיק מיליטעריש לעבן און דער מצב פון אַ טייל יידישע שטעט אין יענער תקופה.

אויב דאָס בוך האָט נישט קיין גאָר הויכע קינסטלע־רישע פּרעטענזיעס, דאָך איז זיין מינימאַלער געשיכטלעכער ביישטייער אויך עפּעס ווערט.

כ'האָב נישט געזוכט צו מאָלן די איבערלעבונגען מיט ספּעציעל גרוילנדיקע און שרייענדיקע פאַרבן, און איך האָב זיך אויך נישט באַמיט צוצוגעבן קיין טרויעריקע פאַנ־טאַזיעס, ווייל די ווירקלעכקייט אַליין, ווי זי איז איבער־געגעבן אינעם דאָזיקן בוך, זאָגט שוין גאַנץ גענוג.

דער מחבר

דער גורל פון אַ בוך

(צו דער צווייטער פאַרגרעסערטער און פאַרבעסערטער אויפלאַגע)

דאָס בוך „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער", דערשינען אין 1930 אין ביאַליסטאָק, איז אַ פּליט-בוך. עס האָט געטיילט דעם גורל פון זיינע לייענער, די פוילישע יידן, און איז, ווי זיי, פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן.

די דייטשע „קולטור-טרעגער", וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויסצוראָטן דאָס יידישע פאָלק, האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן אויסצוראָטן דעם יידישן גייסט און זיינע מכשירים, די יידישע ליטעראַטור א. א.

און אַ חוץ די ביכער, וואָס איז זיי נויטיק געווען פאַר זייערע באַרימערישע מוזעאום-צוועקן — כדי בולטער צו מאַכן דעם דייטשן זיג און דעם יידישן אונטערגאַנג — האָבן זיי, ווי די יידן אין אייראָפּע, אויך די איבעריקע יידישע ביכער פאַרניכטעט.

און נאָר אַ מאָדנער צופאַל האָט געפירט צו דעם, וואָס איין עקזעמפּליאַר פון צענדליקער, געשיקטע אין יידישע ביבליאָטעקן און אינסטיטוציעס, זאָל זיך אָפּראַטעווען אין דער ביבליאָטעק פון דעם פאַרשטאָרבענעם פאַריזער קולטור-טוער, קולישער, צו וועמען דער מחבר האָט בכלל נישט געשיקט.

און דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר (איינער געבליבן אין קאַנאַדער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק), וואָס איז מיר געשענקט געוואָרן פון קולישערן, — וועגן וועלכן מיין פריינט, יצחק באַשעוויס, האָט בשעתו געשריבן אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס". באַשעוויס איז צו מיר דאָן צוגעשטאַנען, איך זאָל אַרויסגעבן אַ ניי, פאַרגרעסערט בוך, וואָס האָט געפירט צו אָט דער איצטיקער פאַרבעסערטער אויפלאַגע.

זאָל דאָס דעריבער זיין מיין דאַנק צום באַרימטן שריי־בער, יצחק באַשעווים־זינגער, אי פאַר זיין אָנרעגונג, אי פאַר זיין אַריינפיר.

ביים צוגרייטן דאָס בוך האָב איך אַביסל אָפּגעפרישט דעם זכרון, האָב צוגעגעבן פאַקטן און אויך, ווי נויטיק, פעסטגעשטעלטע דאַטעס, באַזונדערס אַרום דער שלאַכט ביי דער ווייסל.

איך מיין, אַז דווקא אַצינד, נאָכן אָנוווער פונעם וואָרצל־דיקסטן טייל פונעם יידישן פאָלק, איז כדאי אַזאַ בוך אַרויסצוגעבן אויפסניי, וואָס איז אַ חוץ אַ צושטייער פאַר דער יידישער געשיכטע, אויך אַ צוגאָב, ווען אַפילו בלויז אַ באַשיידענער, צום זכר פונעם פאַרשוווּנדענעם יידישן לעבן אין פוילן.

יעקב כהן

וועגן יעקב כהנס „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער"

די יידישע ליטעראַטור איז פאַרהעלטנישמעסיק רייך אין בעלעטריסטיק, אָבער שרעקלעך אָרעם אין ווערק, וואָס גיבן פאַקטן. אַן אויסנאַם זיינען די מעמואַרן פון די היטלער־יאָרן.

דער יידישער שרייבער פון דער צוקונפט און דער יידישער פאָרשער, וועט זיכער האָבן תרעומות פאַרוואָס מען האָט אים איבער־געלאָזט אַזאַ אָרעמען רעזערוו פון פאַקטן.

מיר ווייסן, צום ביישפּיל, אַז אַ סך, אַ סך יידן האָבן געדינט אין פוילישן מיליטער צווישןביידע וועלט־מלחמות. אָבער ווי אַזוי האָט מען דאָרט באַהאַנדלט אַ יידישן סאָלדאַט? ווי אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין דער פּוילישער קאַזאַרמע פון פאַרטאָג ביז אין אָוונט? וואָסערע ראַנגען זיינען געווען אין פוילישן מילי־טער? צו וואָס האָט אַ ייד זיך געקענט דערדינען? און וואָס איז געווען דער גורל פון אַ ייד אין דער צייט פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה?

אויף ווי ווייט איך ווייס, איז פאַראַן בלויז איין שרייבער, וואָס האָט פאַרצייכנט דאָס דאָזיקע צעטל צרות, און דאָס איז יעקב כהן. די ערשטע ווערסיע פון דעם בוך „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" איז דערשינען אין 1930.

איך האָב דאָס בוך געלייענט מיט גרויס אינטערעס און געשריבן וועגן דעם אַן אויספירלעכע רעצענזיע. עס זיינען געווען אַ צאָל בלויזן אין יעקב כהנס זכרונות, אָבער דאָס בוך איז אַ יחיד במינו, ווי עס איז יעקב קרעפּליאַקס זכרונות פון דער רוסישער קאַזאַרמע.

איך האָב צוגערעדט יעקב כהנען אַרויסצוגעבן אַ פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון יענעם וויכטיקן ווערק, וואָס איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון ביכער־מאַרק און ס'איז געבליבן בלויז איין איינציקער עקזעמפּליאַר. יעקב כהן האָט אויפגעפרישט זיינע זכרונות, צוגעגעבן אַ סך איינצלהייטן און אויך געטאָן אַ היפּש ביסל פאָרשערישע אַרבעט.

דער סך־הכל איז אַ נײַ און בעסער בוך וועגן יידישן סאָלדאַט אין פּוילישן מיליטער, אַ בוך וואָס וועט זיכער ווערן געלייענט און אָפּגעהיט פון אַלע יענע, וואָס יידישע געשיכטע, יידיש לעבן, יידישער שטייגער איז ביי זיי חשוב.

ביי לייטן זיינען פאַראַן אוניווערסיטעטן און פאָנדן, וואָס פינאַנ־סירן אַזעלכע אונטערנעמונגען, אָבער ביי אונדז איז דאָס נישטאָ. און אַפּילו יענע אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפן כלומרשט יאָ העלפן אַזעלכע מחברים, טוען עס אויך נישט, אויב דער מחבר איז נישט אַ טייל פון זייער גרופּע, זייער קלייזל.

יעקב כהן דעקט אַליין די הוצאות פון דעם ווערק, און איך האַלט, אַז דער יידישער לייענער און די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן באמת רעספּעקט פאַר אונדזער פאַרגאַנגענהייט, דאַרפן אים שטיצן און פאַרשפּרייטן זיין ווערק.

די דריי יאָר אין דער פּוילישער קאַזאַרמע זיינען געווען פאַר יעקב כהן דריי יאָר פון מאַרטירערשאַפט — אַ מאַרטירערשאַפט, וואָס קען געכפּלט ווערן אויף צענדליקער טויזנטער.

דער צוקונפטיקער פאָרשער וועט זיין דאַנקבאַר דעם מחבר פאַר געבן אים די פאַקטן אַזוי ווי זיי זיינען געווען. עס איז אַ בוך, וואָס וועט זיין נויטיק פאַר דעם בעלעטריסט און דעם היסטאָריקער צוגלייך.

יצחק באַשעוויס

קאַפּיטל איינס

איך ווער גערופן צום פוילישן מיליטער

דאָס יאָר 1919 איז פאַר פוילן געווען אַ שווער יאָר. די פרייד און דער ענטוזיאַזם פון די ערשטע אויפקום־טעג איז ביי ביידע, ביים שכנותדיקן רוסלאַנד און ביים באַנייטן פוילן, געווען פאַרביי.

די נייע ווירקלעכקייט האָט באַצוווּנגען דאָס מלוכהשע לעבן, און די אַלטע פּרעטענזיעס און מוראס צווישן ביידע לענדער זיינען ווידער אַרויף אויף דער אויבערפלאַך.

דאָס באַנייטע פוילן האָט, באַמיענדיק זיך אויסצו־גלייכן די גרענעצן, זיך אָנגעשטויסן אין דער קעגנערשאַפט פונעם נייעם רוסלאַנד אונטער די סאָוויעטן.

די באַציאונגען צווישן פוילן און רוסלאַנד האָבן זיך פאַרשאַרפט, דערפירנדיק צו דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה פון יענע טעג. און אין אָט דער צייט בין איך, אַ בחור פון אַכצן און מיטן אויסזען פון אַ יאָר פערצן, געוואָרן גערופן אין מיין געבורט־שטאָט ביאַלאַ־פּאָדליאַסקע זיך צוצושטעלן צו דער „פּאָבאָראָווער" קאָמיסיע.

איך האָב זיך צוגעשטעלט צו דער קאָמיסיע אָן ווידער־ווילן און מורא פון די אַמאָליקע „פּריזיוויניקעס" (רעקרוטן), דאָך מיט דער דערוואַרטונג צו ווערן באַפרייט, צוליב מיין שוואַכן געזונט.

און ווירקלעך האָט מיך טאַקע ס׳ערשטע מאָל די קאָמיסיע באַפרייט. נאָר ערשט מיטן פונאַנדערפלאַקערן זיך פון דער מלחמה און מיטן וואַקסן פון דער נויט אין סאָל־דאַטן, האָט זי מיך ווידער גערופן און געשיקט קיין וואַרשע פאַר אַן אונטערזוכונג אין אויאַזדאָווסקין שפּיטאָל.

מיין באַשטימונג איז געווען צו דינען הינטערן פראָנט (פּאָזאַפראָנטאָוואַ סלוזשבאַ), נאָר שפּעטער האָט זיך די אַרמיי מיט דעם נישט גערעכנט און, ווי דער לייענער וועט זען, מיך יאָ געשיקט אויפן פראָנט, וווּ איך בין טאַקע געווען.

☆

אַרום דער פּוילישער פּאָבאָראָווער קאָמיסיע איז שוין נישט געווען אַזוי טומלדיק און פול מיט פּחד, ווי אַמאָל אַרום דער רוסישער.

די באַציאונג פונעם ייד צו מיליטער־דינסט האָט זיךביים נייעם פּוילן געביטן — כאָטש יידן האָבן קיין צו גרויסע אילוזיעס לגבי דעם נייעם פּוילן נישט געקענט האָבן, ווייל סיי די פּאַרגאַנגענהייט, סיי די סאַמע ערשטע טעג פון פּוילנס אויפקום, האָבן ביטער אויסגעלאַכט דעם „קאָכאַימי שיען" (לאָמיר זיך ליב האָבן) און האָבן, פאַר־קערט, באַוויזן ווי עס זעט אין דער אמתן אויס די פּויליש־יידישע פריינטשאַפט — האָבן דאָך די פּוילישע יידן זיך אַנדערש באַצויגן צום אויפגעקומענעם פּוילן, ווי צום פרי־ערדיקן צאַרישן רוסלאַנד.

זיי האָבן זיך אָן תנאים איבערגעגעבן צום נייעם פּוילן, ווי צו זייער היימלאַנד און צום לאַנד פון זייער געבוירן. און דאָס צושטעלן זיך צו די קאָמיסיעס און גיין אין דער פּוילישער אַרמיי האָט אָנגענומען נאָרמאַלע פאָרמען.

און נישט נאָר האָט מען זיך געשטעלט אויף פּוילנס

רוף, נאָר סיי אין די פוילישע לעגיאָנען און סיי אין דער שפּעטערדיקער מלחמה קעגן די סאָוויעטן, זיינען געווען פיל יידישע פרייוויליקע.

געבליבן זיינען נאָך די אַמאָליקע פּריזיוו־מנהגים. ווי אַמאָל, האָט זיך דער רוב יידישע רעקרוטן פאַרזאַמלט אין די שטיבלעך, דאָס מאָל אינעם קאָצקער (סאָקאָלאָווער) שטיבל, און געפּראַוועט „חצות" אונטערן אָנפיר פונעם שטאָ־טישן „שטאַרקן", יאַנקל „קרעמפּלס", וועלכער איז מיט זיין „פּייפער" אויך געשטאַנען צום פּריזיוו.

קאַפּיטל צוויי

ערב דינסט־צייט

אין פּ. ק. או. — אין „זבאָרנע סטאַציע"

דעם 24־טן אָקטאָבער 1919 האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון פּ. ק. או. זיך דאָרטן צוצושטעלן. דער פּ. ק. או. איז געווען אין דער געביידע פונעם סעמינאַר פאַר גלחים ביי דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע.

דער סעמינאַר איז אַמאָל פאַר אונדז יינגלעך געווען אַ באַזונדערע אַטראַקציע. ער האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן אַרומגעצוימטן הויף, וועמענס הויכע הילצערנע שטאַכעטן האָבן אים אָפּגעטיילט פון דער שמאָלער גאַס, וואָס האָט געפירט צום טייך און צו דער באַן.

און וואָס מער אָפּגעצוימט דער הויף איז געווען פון דרויסן, אַלץ מער האָבן מיר יינגלעך זיך אַהין געריסן און אַלץ מער האָט זיך ביי אונדז די נייגעריקייט צעשפּילט אים צו זען און צו באַהערשן. ס'איז דער דראַנג אינעם מענטש, וואָס נורטעוועט אין אים נאָך פון זיין קינדהייט אַלץ צו באַהערשן און באַזיצן.

צוויי שטערונגען האָט אָבער דער דאָזיקער הויף געהאַט: אַ פעסט־פאַרמאַכטן טויער מיט אַ קודלעוואטן בייזן הונט, וואָס האָט געוואַכט איבער אים, פאַר וועמען יעדעס יידיש ייִנגל האָט געציטערט אימת מוות, און הויכע הילצערנע שטאַכעטן.

און כאָטש זיי זיינען געווען הילצערנע, די שטאַכעטן, זיינען זיי אָבער געווען הויכע און גראָבע, אַז אונדזערע ייִנגלשע כוחות זאָלן זיי נישט קענען בייקומען.

אַ חוצן הויף האָבן אונדז באַזונדערס געצויגן די שטאַכעטן, ווייל אויף זיי האָבן זיך אָנגעלענט יונגע בעז־ביימלעך, וועלכע האָבן באַלד נאָך פסח זיך צעקנאָספּעט און צעבליט און אָנגעהויבן שיטן מיט אַזאַ ווייסן שמע־קעדיקן געשיט.

צו די פאַריסענע בעז־קרוינען, וואָס האָבן שטאָלץ געשטרעקט זייערע קעפּ צו דער זון, האָבן מיר ייִנגלעך נישט געקענט צוקומען. דערפאַר אָבער האָבן מיר אַדאַנק די שטאַכעטן דערגרייכט צו די נידעריקערע צווייגן.

און יעדעס ייִנגל האָט אין די פאַר־שבועות טעג, בפרט ערב שבועות, געפונען פאַר נויטיק און פאַר אַ מצווה פון זיי אָפּצורייסן און אַהיים צו ברענגען אַ פאַר בינטלעך.

אַזוי אויך האָט יעדע יידישע גרופּע, גייענדיק אויף אַ מאַיִוּוקע אין וואַלד, געהאַלטן פאַר איר חוב מיטצו־נעמען און צו געניסן פונעם סעמינאַרס בעז. און סיי דער סעמינאַר און סיי די ביימלעך אַליין האָבן זיך צו דעם געהאַט ווי צוגעוווינט.

מיט דער טומאה (צערקווע) האָבן מיר, פרומע ייִנגלעך, נישט געוואָלט האָבן צו טאָן, אפילו אין איר פרצוף נישט קוקן. נאָר מיט דעם סעמינאַרס בעז־ביימלעך זיינען מיר

געוואָרן גאַנצע מחותנים. זיי זיינען פאַר אונדז ווי געוואָרן יידישע חמשה־עשר בשבט ביימער.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען פריער, ביים צאַר. אַצינד אָבער, ביים נייעם פוילן, איז סיי די צערקווע, סיי דער סעמינאַר, וואָס איז געווען אין איר הויף, אַראָפּ פון דער גדולה און געוואָרן אַ יורד. און אַז אַ יורד און פאַרוואַכעדיקט — האָט זיך שוין אַהין אַריינגעקליבן די נייע פוילישע פּ. ק. או.־קאָמאַנדע.

און איך, אַ ייד, וואָס האָט דאָרט יינגלווייז קיין דריסת־הרגל נישט געהאַט, ווער אַצינד אַהין גערופן צו דער „עליה", כדי מיט די איבעריקע רעקרוטן עולה צו זיין אין פוילישן מיליטער.

✡

אויפן פּ. ק. או.־הויף ווו איך האָב זיך טאָקע גלייך אויף מאָרגן צוגעשטעלט, האָב איך שוין געטראָפן אַ גרעסערע גרופּע „פּאָפּיסאָוועס" (רעקרוטן), אויף וועמען עס האָט געוואַרט אַ וואָך פון איין זעלנער, אגב, אַ שטאָטישער (קיוועלעס אַן אייניקל).

אין אַ שעה אַרום האָבן מיר באַקומען ברויט אַלס „צידה לדרך" מיט אַ שפּייז־קאַרטע, און נאָך אַ קאָמאַנדע האָבן מיר אַרויסמאַרשירט פון הויף.

ס'איז געווען די צייט פונעם פוילישן מאַרש אויף די קרעסן און דאָס אויסברייטערן די מזרח־גרענעצן. אין פוילנס באַזיץ איז שוין געווען פינסק (מעשה פינסק — אַ באַזונדער קאַפּיטל), לידאַ, ווילנע (פאַרנומען דורכן גענעראַל זשעליגאָווסקי), און אַ ריי אַנדערע פונקטן (אַפּריל, 1919). און אין אויגוסט 1919 איז געוואָרן פאַרנומען די בערעזינע. אינעם זעלבן יאָר איז גענעראַל האַלער אָנגעקומען פון פראַנקרייך.

און טראָץ דעם וואָס די מלחמה האָט זיך שוין געהאַט צעפלאַקערט אינעם פולן ברען, און אויך אויפן מערב זיינען פאָרגעקומען קאַמפן צווישן די פוילישע „פּאַווסטאַנצעס" און דייטשן מיליטער, בין איך פונדעסטוועגן געגאַנגען צו דער עקידה פריי, דרייסט און אָן שום שרעק, ווי אַ חדר־ייִנגל, וואָס ווערט באַפרייט אויף יום־טוב פונעם רבין.

ס'איז געווען עפּעס אַ מין זאָרגלאָזע הפקרות, וואָס באַהערשט יונגע מענטשן. עס האָט מיך בלויז פאַרדראָסן, וואָס מען פירט מיך עפּעס מיט אַ „פּאָסטערונקאָווי", און ווי אויף צו להכעיס האָט אונדזער שומר, דווקא אַ ייִד, זיך געהאַלטן אַזוי שטייף, מיליטעריש שטרענג, און ביים צופירן אונדז צו דער באַן, נאָך אַרויפגעזעצט דעם באַגנעט אויף דער ביקס, וועלכע איז געווען געלאָדן, ווי ער וואָלט דאָ געפירט געפערלעכע באַנדיטן.

דער דאָזיקער אָנבליק פון דער געלאָדענער ביקס מיטן אויף איר אַרויפגעזעצטן באַגנעט, דאָס פירן מיך, אַזוי שטרענג באַוואַכט, האָט מיך אויסגעטשוכעט פון מיין פריערדיקער ייִנגלשער לייכטזיניקייט, האָט צעשטערט די אויפגעקומענע אין מיר יונג־גויישע זאָרגלאָזיקייט און הפקרות. עס האָט מיר דערמאָנט אין דער טאָפּלטער אומבאַהאָלפנקייט, ייִדישער און מענטשלעכער, וואָס דער ייִד טראָגט אין זיך, ווי אינעם מענטשנס און נאַטורס גאַנצן צוואַנג.

נישטאָ נאָך אַזאַ אומבאַהאָלפענע בריאה, ווי דער מענטש איז. נאָר עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז פריי. אין דער אמתן אָבער איז עס בלויז די צעשפּילטע איינרעדעניש, וואָס אין אים, דאָס ביסל שיכרות, וואָס מאַכט אים אַזוי צו גלויבן, כדי אים וואָס טיפער אַריינצוציען אין דער לעבנס־נעץ. און אויך דאָס, דאָס ביסל שיכרות אַליין, איז מער נישט ווי אַ צוואַנג, אַן אומבאַהאָלפנקייט.

נאָך פאַר זיין געבוירן, שוין אינעם בראשית פונעם סדר־העולם, איז די באַשטימונג פונעם מענטשנס גורל, פון זיין צוואַנג. קיינער פרעגט אים נישט צי ער וויל געבוירן ווערן, ווי קיינער פרעגט אים נישט צי ער וויל שטאַרבן.

ער ווערט געבוירן דורך דער צעשפּילטער לוסט פון זיינע עלטערן, ווי דורך דער פאַרבאָרגענער גלוסט צו קיום (וואָס איז קיום ?...). און אויך דאָס איז נישט מער ווי צוואַנג, אַ צוואַנג פון דורות, וואָס קומט נאָך פון דער אור־רגע פון באַשאַף.

און דאָס שטאַרבן, ווי דער גאַנצער לעבנס־פּיין, איז ווידער נישט מער ווי אַ שטראָף פאַרן געצוווּנגענעם געבוירן ווערן. שפּילט נישט ווער מיט אונדז אַ וויסטן, גרויזאַמען קאַטאָוועס ?...

און אָט אינעם אָנבליק פון דער געלאַדענער ביקס, זע איך ווי אַ נייע צוואַנג, אַ נייע אומבאַהאָלפנקייט, רוקט זיך אָן אויף מיר.

עס וועט מיר נישט גרינגער מאַכן די קרוין פון העל־דישקייט, וואָס מען וועט אפשר פּרווון אָנטאָן אויף מיין צעהאַקטן קאָפּ. — אָ, אונטער פאַרשידענע נעמען, אונטער פאַרשידענע שם־המפורשן, צירט זי זיך, אָט די קרוין, וועלכע קען פאַרן זעלנער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לעצטער בלו־טיקער קרוין.

זי צירט זיך מיטן גאָלד פון פאָטערלאַנד, מיטן פיין־זילבער פון דיסציפּלין און שווערן בליי פון מיליטערישן „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם", ווי מיטן גאַנצן קאַזאַרמע־ און פראָנט־פּיין, וווּ עס צערינט יעדע מענטש־לעכקייט און פרייד.

און אָט דאָס אַלץ דריקט אויפן יחיד און אויף גאָר זיין לייב און לעבן. און ווידער אומגעפרעגט, ווערט ער ווי

קערנער צעריבן דורך די מיל־שטיינער פון אומשטענדן און נויטווענדיקייטן — ווי דורך די אַלע אויסגעטראַכטע נעמען, ווי זיי הייסן דאָרט.

אינעם וואַגאָן זיינען מיר געווען אַ מאַן דריי, צוויי יידן און איין קריסט. אַנקומענדיק קיין וואַרשע, האָט אונדז דער שומר צוגעפירט מיט אַ טראַמוויי צו אַ גאַס, וווּ מיר זיינען אַראָפּגעשטיגן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָרטן געווען די ביוראָ פון „אויאַזדאָווסקין" שפּיטאָל. פון דאָרטן זיינען מיר ווידער געגאַנגען מיט די פרישע פּאַפּירן צו דער „זבאָרנער סטאַציע".

אין „זבאָרנע סטאַציע"

הגם איך בין נאָך נישט געווען באַקאַנט מיטן מיליטערישן לעבן, דאָך האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען פירט מיך איצט אַריין אין אַ מין מקום מקלט פון אַ מיליטערישן ערב־רב.

דורכן וואַרטע־טויער זיינען מיר אַנגעקומען אין קאַנצעלאַריע, און פון דאָרטן אין זבאָרנע. טראַגי־קאָמיש איז אויסגעקומען דער קבלת־פּנים, וואָס די זבאָרניקעס האָבן פאַר אונדז געמאַכט.

מורא האָבנדיק, אַז ס'וועט מיר אויסקומען צו זיין עטלעכע טעג אָן עסן, האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ שפּאָר ביסל פּראָוויאַנט, וואָס כ'האָב געהאַלטן ביי זיך אין קוישל.

אַריינקומענדיק אָבער אין „זבאָרנע", זיינען מיר גלייך אַנטקעגן געקומען עטלעכע חברה־לייט, וועלכע האָבן פאַרלאָשן די עלעקטריע און זיך גלייך אַ נעם געטאָן צו מיין „זאַפּאַס". פאַרשטייט זיך, אַז דער פלוצלינגדיקער אַנפאַל איז זיי געלונגען, און איך בין שוין געבליבן אָן עסן.

כאָטש כ׳האָב זיך פאַר קיין הונגער נישט געשראָקן, טיילווייז צוליבן „פּאַסונעק״, וואָס מ׳באַקומט דאָ, און טייל־ווייז צוליב מיין פאַמיליע, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשע, דאָך אָבער איז מיר פון אַזאַ מין קבלת־פנים געוואָרן שטאַרק קאַלעמוטנע אויפן הארצן. כ׳האָב זיך ממש נישט געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי איך וועל זיך איינהאַלטן אין אַזאַ סביבה און נאָך שלאָפן צוזאַמען מיט אַט אַזעלכע „בריונים״.

אַ שוידער האָט מיך אָנגעכאַפּט און שוין גאָר אַנדערע געפילן האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַהערשן. די פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט, געמאָלן איין בילד שרעקלעכער פאַרן אַנדערן און דער מוח האָט כסדר געקלערט און געזוכט עצות, ווי אַזוי פון דאַנען אַרויסצוקריכן. נאָר פאַרפאַלן. כ׳בין הילפלאָז.

מיר זיינען אַריין אין זאַל. אינעווייניק זיינען פון ביידע זייטן געווען „נאַרעס״, איינע איבער דער אַנדערער, ווו ס׳זיינען געלעגן הפקרדיק, וויל־יונגעריש צעשפּרייט, זעלנער פון פאַרשיידענע טיפּן דינסט, ווי פּיעכאָטע, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע, א. א. וו., אַן אמתער מישמאַש פון פאַרשידנ־פאַרביקע „ליאַמפּעס״.

פונעם צווייטן צימער האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון אַ געשלאָגענעם יידישן זעלנער, איבער וועמען דער עולם האָט זיך לוסטיק געמאַכט. דערזעענדיק אַזאַ ספּעקטאַקל, בין איך שוין אַריינגעקראָכן אין אַ ווינקעלע, אויסגעצויגן זיך, אַראָפּגערוקט דאָס היטל און, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, זיך געמאַכט שלאָפן.

איך האָב דערנאָך שוין אויף אַן אמתן געוואָלט שלאָפן, איך האָב אָבער נישט געקענט. געדאַנקען זיינען מיר געקראָכן אין קאָפּ איינע נאָך די אַנדערע און מיך נישט געלאָזט איינשלאָפן, ביז איך בין נאָך פיל אָנשטרענ־גונגען אריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

כאַטש דער שלאָף איז געווען אַ גענוג שווערער, האָט מיך פאַרט די אינדערפריענדיקע „פּאַבודקע" אויפגעוועקט. די ערשטע זאַך מיינע איז געווען — זיך אויסצוגרינען.

כ'האָב זיך דעריבער אָנגעהויבן נאָכצופרעגן ביי עלטערע זעלנער, ווי מ'באַגייט זיך דאָ, וואָס מען טוט? און כ'בין דערגאַנגען, אַז מען קען דאָ אַזוי אָפּליגן אין „זבאַרנע" וואָכן און חדשים, אויב מ'סטאַרעט זיך נישט אַליין, דורך פאַר־שידענע מיטלען, אַרויסצוקריגן זיך פון דאַנען.

דער טאָג פלעגט אַוועקגיין מיטן „אַפּעל", טרינקען קאַווע, שיילן אין קיך קאַרטאָפל, ווייטער „אַפּעל" און שלאָפן. אַזוי מאָנאָטן פלעגט זיך ציען יעדער טאָג.

דאָס ערגסטע און פּיינלעכסטע איז אָבער געווען דווקא דער אָפּרו, דאָס שלאָפן אין די קאָשאַרן, אונטערן אַקאָמ־פּאַניאַמענט פון געשרייען, אויסגעמישט מיט אַ זינגעריי און גרילצעניש פון נאַכט־ווערים.

נאָכן אָפּזיין אין „זבאַרנע" עטלעכע טעג, האָב איך באַשלאָסן, אַז „איך האָב עס גענוג", און איך וועל נישט וואַרטן אויף מיין ריי, ביז מ'וועט זיך דערמאָנען מיך אָפּצושיקן אין שפּיטאָל, כדי מיך אונטערצוזוכן, צי איך בין פּעאיק צו דינסט, נאָר כ'וועל פּרוּוון מיין מזל און אַליין גיין אין שפּיטאָל אויף „זבאַדאַניע", אפילו אָן די געהעריקע פּאַפּירן.

באַמערקנדיק אויפן „זבאַרנע"־הויף, ווי צווישן עטלעכע „כשרע" דרייען זיך אויך אַרום אויפן גאַס אייניקע „נישט כשרע", ווייזנדיק דעם „פּאַסטערונקאָווי" גלאַט אַזוי עפּעס אַ פּאַפּירל, האָב איך עס אויך אויסגענוצט.

הינטער מיר האָב איך אפילו געהערט עטלעכע מאָל אַ קול: „סטאַטש! כ'שיס!" — האָב איך דאָך אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט, נאָר כ'האָב זיך כסדר דערווייטערט, ביז כ'בין אָנגעקומען אין „אויאַזדאָווסקן" שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָב איך געפונען „פּראַנטאָווע" קראַנקע, סתם קראַנקע זעלנער און קאָמיסיע־„לאַזשיקעס", שיעור נישט אַזאַ „זבאַרנע" פון וואַנען איך בין נאַר וואָס אַנטלאָפן. די אונטערזוכונגס־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון עטלעכע דאָקטוירים, אַ ציווילער, אַ מיליטערישער און אַ „האַלערטשיק".

עטלעכע טעג האָב איך געוואַרט אויף מיין ריי, ביז כ'האָב זיך ענדלעך דערוואַרט, און נישט ווייסנדיק דעם רע־זולטאַט פון דער אונטערזוכונג, בין איך געפאָרן אַהיים, ווו כ'בין ווידער „געשטאַנען אויף אַ קאָמיסיע" און מ'האָט מיך שוין אַנערקענט אַלס מיליטער־פעאיק.

נאָך דער שבועה האָב איך באַקומען אַן אומבאַ־שטימטן אורלויב.

קאַפּיטל דריי

אין אַקטיוון דינסט

כ'פאָר קיין כעלם — די ערשטע טשוויטשעניעס — אין כעלמער „פּאַקע" — ביים פּאָרוטשניק וועסעלאָווסקי — אַנטעק פּאָרט אויף „פּאַלסקי אורלאָפּ" — ערשטער פּסח אין כעלם

דעם 29־טן אַפּריל 1920 האָב איך געדאַרפט קומען אין פּ. ק. או. דעם טאָג בין איך אָבער נישט געקומען, ווייל ס'האָט זיך מיר פּשוט נישט געגלוסט אַוועקצופאָרן פאַר פּסח.

ס'איז געווען פרילינג אויף דער וועלט. אַ פּייערדיקע קויל האָט זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער און האָט געשפּרייט מיט ליכט און וואַרעמקייט. די פרילינג־זון האָט צעשמאָלצן די איבעריקע אייז־רעשטלעך און, צו־

זאַמען מיטן ברוק־שמוץ, עס אַפּגעשווענקט אין די רינ־שטאָקן.

די קינדער האָבן פריילעך אַרומגעשמייעט און די דינסט־מיידלעך האָבן זיך שוין עוסק געווען מיטן רייבן די פאַרשימלטע אַלמערס און שופלאַדן.

— ס׳איז פסח אויף דער וועלט. אַוועקגיין איצט ? ניין ! דערווייל פלעג איך יעדן טאָג קומען אין סעמינאַר (אַ סעמינאַר ביי אַ רוסישער צערקווע, וועמענס לאָקאַל פלעגט באנוצט ווערן פאַר די פאַרשידענע צוועקן), אויס־הערן די אויסגערופענע נעמען פון די צוגענומענע זעלנער און קאָנטראָלירן צי מיין נאָמען געפינט זיך נישט אַמאָל צווישן זיי.

נאָך פסח ערשט האָב איך זיך דעצידירט צו קומען אין פּ. ק. או., ווו כ׳האָב שוין געפונען אַ גאַנצע היימישע גרופּע. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ׳האָט מיך שוין געהאָט אויסגערופן מיט עטלעכע טעג פריער, האָט מען מיר פונדעסטוועגן נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן, נישט אויסגעבראַקירט, נאָר מ׳האָט מיך מיטגענומען צוזאַמען מיט „קהל” (אַזוי יעדנפאַלס האָב איך געמיינט אין יענעם מאָמענט).

אין „סאַליע” האָט זיך שוין געפונען אַן עסקאָרט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאַפּראַל מיט עטלעכע זעלנער. דאָ איז מיר ווידער אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט אַן אומנויטיקער מענטשלעכער רשעות און ווילדקייט, וואָס האָט נאָך געמאַכט אויף מיר אַן ערגערן איינדרוק, ווי אויף דער „זבאָרנער” סטאַציע.

ווייל אויב דאָרטן האָט מען אפשר געקענט באַרעכ־טיקן אַזאַ מין האַלטונג פון פּראָנטאָווע זעלנער לגבי נאָך ציווילע ספּקדיקע זעלנער, וועלכע האָבן אויף אַזאַ מין אופן

געוואַלט אויסדריקן זייער פאַרביטערונג פאַר די שווערע ענויים, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו ליידן אויפן פראָנט, איז אָבער אַזאַ ברוטאַלע באַהאַנדלונג לגבי שוין צוגענו־מענע זעלנער, וואָס גרייטן זיך צו שיצן דעם כבוד פונעם לאַנד, געווען פשוט אַן אומדערלאָזבאַרע.

דער קאַפּראַל איז געווען הויך, שלאַנק און פולבלו־טיק, מיט אַ קצבישן רויטן קאַרק. איבערן ברוסט זיינען אים געהאָנגען אַ רויט־געפלאָכטן בענדל און אַ פייפל. ער האָט מיט אונדז קאָמאַנדעוועט, ווי מיר וואָלטן געווען זיינע לייב־אייגענע.

האָט מען צווישן זיך גערעדט יידיש, פלעגט ער גלייך אַ פייף טאָן אויפצוהערן. האָט מען געוואָלט אַרויסגיין, האָט מען ביי אים געדאַרפט בעטן אַ דערלויבעניש. האָט מען עמיצן געבראַכט עסן, האָט ער עס ניט צוגעלאָזט.

פון מויל צו מויל זיינען געגאַנגען קלאַנגען, אַז אָט דער „אוצר" וועט זיין אונדזער „דרוזשינאָווי". ס'איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן פון אָט דער שמועה.

מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז מיר פאָרן קיין כעלם. און טאַקע אויף צו מאָרגנס באַגינען זיינען מיר שוין געווען ביים באַן. מיר האָבן זיך צעזעגנט מיט די נאָענטסטע און געפאָרן קיין כעלם.

אָנקומענדיק קיין כעלם, האָט אונדז דער עסקאָרט צוגעפירט צו דער באַאַנאָווער „דאָווודסטוואָ", און נאָכן דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן האָט מען אונדז באַשטימט צו אַ געוויסער קאָמפּאַניע, פון וואַנען ס'איז אַרויס אַ סערזשאַנט און אונדז איבערגענומען.

מיר האָבן זיך שטאַרק געפרייט, וואָס מיר זיינען פּטור געוואָרן פונעם רויט־הויטיקן קאַפּראַל, הגם מיר האָבן נאָך נישט געוווסט וואָס פאַראַ עלטסטע מיר וועלן האָבן איבער זיך אין דער נייער קאָמפּאַניע.

ראשית כל האָט מען אונדז אַוועקגעפירט צום פריזירער, כדי אָפּצושערן די קעפּ. נאָכן פריזירער האָבן מיר געקראָגן עסן.

די ערשטע טשוויטשעניעס

מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן מחנך צו זיין מיליטעריש.

טראַגי־קאָמיש האָט אויסגעזען דער ערשטער פרימאָרגן. אונדזערע בעל־הבתישע זינדלעך האָבן שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט זיך אויפצוהויבן אַזוי פרי פון די האַרטע ברעטער. נאָר נאָכן „פּאַרזוכן״ עטלעכע מאָל די זעלנערישע פּאַסקעס, האָבן זיי, נעבעך, אויסגעגלאָצט די אויגן און נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ס׳קומט זיי אַזאַ מין „כבוד״.

ערשט אַז דער „וסטאַטש!״־געשריי מיט די קיצלעניש פון די לעדערנע רימענס האָבן זיך איבערגעחזרט, האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען, אַז אין די קאָשאַרן איז נישט קיין היים, ווו מ׳קען זיך אויפהויבן ווען מען וויל.

שפּעטער האָט מען מיט אונדז איינגעשטודירט די ערשטע לעקציעס ספּאָרט, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ מין שפּיל מיט אַ פּאַס. נאָכן אַרומלויפן כסדר אָן אַן אָפּרו איבערן איבונג־פּלאַץ און נאָכן כאַפּן אַ פּאָר שמיץ מיטן פּאַס, זיינען מיר צוריק אַריין אין די קאָשאַרן.

דער סדר־היום איז דערוויַיל געווען פאָלגנדיקער: מאָרגנדיקע „מאָדליטווע״, וואַשן זיך, טרינקען קאַווע, טשוויטשעניעס, אַרום 12 אַזייגער — מיטאָג, פון 2—4 ווידער טשוויטשעניעס, „קאָלאַציע״, „מאָדליטווע״ און שלאָפן.

אין אָנהויב האָבן מיר זיך געאיבט אָן ביקסן. מ׳פלעגט שלאָפן אויף די הוילע ברעטער, עסן שלעכט, קיין ברויט

פלעגט מען כמעט נישט פאַרזוכן, נאָר זיך פאַשען כסדר מיט סוכאַרעס.

אונדזערע לערער זיינען געווען פרימיטיוו. די תורה פלעגט מען אונדז אַריינשטופן אין קאָפּ דורך פאַרשידענע שטראָפן, ווי „סקאָק" (שפרינגען), „פאַדני־פּאָווסטאַן" (פאַלן און אויפהויבן זיך), „טשאָנגנישיען" (ציען זיך אויף די עלנבויגנס) א. א. וו. אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט.

אין כעלמער פּאַקע

ווען זאָל איינפאַלן, אַז מ׳ווערט זיך איצט דערמאָנען פאַר מיין נישט צושטעלן זיך אין סעמינאַר צוליב פּסח? איך האָב שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן די געשיכטע.

איז אָבער דער מיליטערישער גאָט אַ „קנא ונוקם", האָט מען זיך דעריבער דערמאָנט אין מיין חטא, וואָס איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט צוצושטעלן און מ׳האָט מיך דערפאַר איינגעזעצט אין „פּאַקע".

אין פּאַקע זיינען מיר געזעסן אַ מאַן זעקס. מיר האָבן אַפילו דאָרטן נישט שלעכט פאַרבראַכט, ס׳איז אונדז נאָך געווען בעסער ווי אין קאָמפּאַניע גופא.

פון קיין „פּאָבודקעס" האָבן מיר דאָ נישט געוווסט. מיר האָבן זיך געקענט ליגן אויף די נאַרעס ווי די גראַפן, וויפל אונדזער האַרץ האָט זיך נאָר געגלוסט, און קיינער האָט אונדז אין דעם קיין דעה נישט געזאָגט. דערצו נאָך זיינען מיר זיך געזעסן רואיק און נישט געוווסט פון קיין „טשוויטשעניעס", ביי וועלכע מיר פלעגן זיך גוט אויס־מאַטערן. און דעריבער טאַקע האָבן מיר זיך געווונטשן צו פאַרבלייבן דאָרטן וואָס לענגער.

##ביים פּאָרוטשניק וועסעלאָווסקי

נאָכן אָפּזיצן אין אַרעסט בין איך געוואָרן צוגעטיילט צו דער 5־טער קאָמפּאַניע, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָדפּאָרוטשניק וועסעלאָווסקי.

אונדזער „דאָוודצאַ" איז געווען אַ יונג אָפּיצירל, בלוט און מילך, נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נאָר וואָס געענדיקטן גימ־נאַזיסט. ער האָט שטענדיק געקוקט שטרענג, פון אויבן אַראָפּ, און קיינמאָל האָט זיך אויף זיין גרויס־האַלטנדיקן פּנים נישט באַוויזן קיין שמייכל.

די איבונגען זיינען ביי אים נישט געווען קיין מיטל, נאָר אַ ציל פאַר זיך. ער איז קענטיק געווען צופרידן פון זיין פאַך. דעם זעלנער האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרשטיין, נישט נאָכגעפרעגט זיך אויף די סיבות פון אַ זאַך, נאָר דער עיקר, געקוקט אויפן רעזולטאַט.

פאַרשטייט זיך, איז זיין מעטאָדע געווען אַריינצו־שטופּן די מיליטערישע תורה מיט געוואַלט, ווי ער וואָלט נישט געהאַט צו טאָן מיט מענטשן, נאָר מיט מעכאַנישע אויטאָמאַטן.

אין דער אמתן האָבן די העכערע מיליטערישע קרייזן פון אַזאַ טאַקטיק נישט געהאַלטן. זיי האָבן פונדעסטוועגן געשטרעבט מיט אַלע מעגלעכקייטן דעם זעלנער צו פאַר־שטיין און געבן צו פאַרשטיין, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מען האָט זיך שטאַרק געאיילט מיטן אויסשולן די קאַדרען, ווייל אויפן פראָנט איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער געראַנגל צווישןביידע קעמפנדיקע צדדים.

די פּוילישע אָפענסיווע קעגן טוכאַטשעווסקיס די־וויזיעס איז אָנגעגאַנגען מיטן פולן שווונג. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון רוסיש־פּוילישן

פראָנט, קאַמעניעוון, זיינע איבערגעוואָרפענע רייטער־טיילן.

די רוסישע אַרמיי, וואָס האָט געקראָגן איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן, איז שוין געווען ווי דעמאָראַליזירט און כמעט נישט קאַמף־פעאיק. און דורך אַ ריי צוגן איז דער פוילישער אַרמיי געלונגען צו פאַרנעמען זשיטאָמיר, ראָ־קיטנע, און אין מאַי 1920 איז זי אַריין אין קיעוו.

און זי האָט דעריבער געצילט דורכן איבערוואַרפן אויפן פראָנט פריש־אויסגעשולטע קאַדרען, איינצוהאַלטן און זיך פאַרזיכערן דעם דאָזיקן זיג, ביז אַן ענדגילטיקן שלום.

אין אונדזערע קאַשאַרן איז איינגעשטאַנען דער גאַנ־צער באַאַן. אַנטקעגן אונדזערע קאַזאַרמעס האָט זיך גע־פונען דער 1־טער לעגיאָנען־פולק. אָפּגערוקט אַביסל — די אַמעריקאַנער קאַנטינע, ווו מ׳פלעגט אַלץ קריגן צו קויפן פאַר עטוואָס ביליקער.

די טאָג־אָרדענונג איז געוואָרן שטרענגער ווי אין אָנ־הויב. מיר זיינען שוין אַריין אין טראַנס פון די איבונגען, שוין באַקומען ביקסן. און די ״קאָכאַנקע״ — אַזאַ, האָט מען אונדז געלערנט, דאַרף זיין פאַר אונדז די ביקס — האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך אַרבעט.

נאָכמיטאָג פלעגט אַראָפּקומען דער פּאָרוטשניק בכבודו ובעצמו און אונדז אָנגעהויבן צו ווייזן ווי אַזוי צו מאַרשירן. חוץ דעם האָט מען פאַר אונדז אויסגעזוכט אַזעלכע איבונ־גען, פון וועלכע מיר, אָרעמע רעקרוטן, האָבן נאָך קיין ברעקל אַנונג נישט געהאַט.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין האָניק פלעגן מיר שוין דערביי נישט לעקן, ווען ס׳האָט זיך אונדז, חלילה, נישט איינגעגעבן עפּעס אויסצופירן, ווי זיי, די עלטסטע, האָבן עס געמיינט.

אין אַזאַ פאַל האָבן שוין די באַפעלן „פּאַדני!" און „פּאָווסטאַן!" (פאַלן און אויפשטיין) נישט אויפגעהערט, זיי האָבן שוין פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף די איבונגען, און די באַפעלן פלעגן מוזן אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך, אָן קיין שום פּגם.

אַ ספּעציעלער „שר של פּאַדני" האָט אַכטונג געגעבן, אַז דער זעלנערישער בויך זאָל זיין גוט צוגעדריקט צו דער ערד, אָדער צו דער בלאָטע — אויב ס'פלעגט זיין אַ רעגן — און די „קאָפּיטעס" זאָלן זיין גוט צוגערוקט איינע צו די אַנדערע, ווי אויף „באַטשנאָשטש". אַלס צוגאָב פלעגט מען זיך נאָך אויך דאַרפן ציען אויף די עלנבויגנס.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ מין לערנען זיינען מיר שוין דערנאָך, אַריינגייענדיק אין די קאָשאַרן, געפאַלן ווי געהרגעטע. דער הונגער האָט שוין געמעגט זיין ווי גרויס, האָט מען שוין אָבער קיין אַפּעטיט נישט געהאַט צו עסן און ס'איז ביי אונדז געווען בלויז איין פאַרלאַנג: רו, מ'זאָל לאָזן זיך אַביסל אָפּרוען.

דאָס איז אָבער בלויז געווען אַ ווונטש. ביי מיטאָג אַפילו, ווען די זעלנערישע צינגער האָבן נאָך נישט אויסגעפּייעט אַפּצולעקן ס'לעצטע פון לעפל, צי פונעם דעק פון דער „מענאַשקע", פלעגט זיך שוין הערן אַ פייף אַרויס־צוגיין אויף די פרישע „טשוויטשעניעס".

און דאָס זעלבע פלעגט אויך זיין בעתן שלאָף. ניין אָוונט פלעגט פאַרקומען דער „אַפּעל" און דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען שלאָפן. ס'איז אָבער געווען גענוג, אַז אַן „אינספּעקציע" זאָל געפינען אַ שטרויעלע אונטער די נאַרעס, צי עפּעס אַנדערש, אַז באַלד זאָל די גאַנצע קאָמ־פּאַניע זיין אויף די פיס, און שפּעטער זאָל מען מוזן גיין צו דער פּאָמפּע אויפן הויף וואַשן די פיס.

שפּעטער אָבער, זעענדיק אַז גאָרנישט קען ענדערן די לאַגע — האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז גערעכט זיינען יענע אונטעראָפיצירן, וואָס האָבן געעצהט צו פאַרגעסן די היים, איבערצורייסן מיטן גאַנצן עבר, נאָר זיך צופּאַסן צום שטרענגן קאַזאַרמע־רעזשים און מקבל באהבה זיין דעם גורל...

און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אַ פּויערישער כיטרער כלאָפּ, וואָס באַזיצט נאָר ענערגיע, פלינקייט און פיזישן כוח, קען בעסער מאַכן ווי דער גרעסטער שטאָטי־שער אינטעליגענט.

כ׳בין געוווירגעוואָרן, אַז אַ גלאַנציקער קנאָפּ, אַ ריינע ביקס, אָדער שטעלן די שיך אויף „באַטשנאָשטש" איז בעסער ווי אַ בילדונג־מעדאַל; אַז אַ פּשוטער, רויער רעדנס־אַרט איז טייערער ווי רעטאָרישע רעדנער־קונסט, און אַז פאַרוואַנדלענדיק דעם גאַנצן קאָפּ־טייל אין אַ פּאַסיוון גולם אונטערן רשות פון יעדן עלטסטן, איז בעסער ווי צו שלייפן אים מיט פילאָזאָפישע באַגריפן...

כ׳האָב זיך דערטראַכט, אַז ס׳איז נוצלעכער זיך צו באַקענען מיטן מיליטערישן רעגולאַמין, ווי מיט שפּינאָזאַס פאַנטעאיסטישער פילאָזאָפיע; אַז אָריענטירן זיך אין לאַנד־שטחים און ערד־פּאָזיציעס איז אַ סך גלייכער און בעסער, ווי צו פאַרשטיין איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע...

אַפילו אין הלכות אכילה האָב איך אויך באַוויזן אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם פון דער היים געבראַכטן ווידערגעפיל — צוליב רעליגיעזע מאָטיוון און רגילות — צו בשר־קוויטש. וואָרעם אַ ברירה האָב איך געהאַט? כ׳האָב מיך צו דעם אַזוי צוגעוווינט, ווי איך האָב זיך בלית ברירה צוגעוווינט צום טיילווייזן הונגער און צום איבעריקן קאַזאַרמע־פּיין.

אַנטעק פאַרט אויף „פּאַלסקי אורלאָפּ"

אַנטעק איז געווען אַ דאָרפישער שגץ, אַ פויערן־זון אָן פּרעטענזיעס. אַ מיטל־וווקסיקער, אַ דאַרער, מיט פלאַקסענע האָר און אַ בלאַסן פּנים און קאָלירלאָזע אויגן, האָט ער אויסגעזען זייער יונג.

צוגעווינט צום טאַטנס כאַטע און צו זיין אָרעמער ווירטשאַפט, איז אים שווער געווען דאָ זיך איינצולעבן. עס האָט זיך אים געבענקט אַהיים, צו זיין דאָרף און פעלד.

און אַז ס'איז אָנגעקומען די ערב־חגא טעג, האָט ער זיך געריסן אַהיים, ווי אַ יונג פערדל רייסט זיך פון שפּאַן. עס האָט אָבער נישט געקענט זיין קיין רייד פון אַ לעגאַלן אורלויב, ווייל ערשטנס זיינען די רעקרוטן נאָך נישט געווען אויסגעלערנט, און צווייטנס, ווען אַזאַ אַנטעק טרעפט אָן אַ „פּשעלאָזשאָנעם" און סאַלוטירט אים נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלט ער דאָך פאַרשעמט זיין גאַנצע קאָמפּאַניע. האָט זיך דעריבער אַנטעק מיישב געווען און זיך אַליין גענומען אורלויב ביז איבער חגא.

קומענדיק אָבער צוריק, האָט אים שוין וועסאָלאָוו־סקי געוויזן וואָס עס קומט פאַר „סאַמאָוואָליע" (אַליין זיך צו דערלויבן).

אין די קאָשאַרן איז געווען אַ מין קעמערל, ווו ס'איז געווען אַן עבירה אַפילו אַ הונט אַריינצולאָזן. דאָרטן האָט אים וועסאָלאָווסקי אַריינגעלאָזט, ווו אַנטעק איז אָפּ־געקומען זיין שטראָף און געמוזט שלאָפן אין אָט דעם קעמערל, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ, נישט צו לייגן זיך, נישט צו שטעלן זיך, נאָר צו שלאָפן האַלב ליגנדיק און האַלב זיצנדיק, ווי פּסח אויף דעם היסב־בעט...

צוליב אַנטעקס זינד האָט מען שוין אויך אויף אונדז געהאַט אַ גרעסערע השגחה און מען פלעגט אונדז שוין נישט אַרויסלאָזן אַ טריט פון די קאַשאַרן.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פאָרשריט. מ׳האָט אונדז שוין אַרויסגעגעבן „מונדוראַוואַניע״ (אָנטאָן). און דאָ ביים טיילן די „מונדוראַוואַניע״, האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָך היימישע באַקאַנטע. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט ווי מיר זעען אויס. מיט אונדזערע ברייטע מלבו־שים און גרויסע היטלען האָבן מיר אַלע אויסגעזען, ווי פון איין שטיק געקנאָטן.

די זעלנערישע דיסציפּלין, וואָס פאָרמירט אויס די זעלנער אין מעכאַנישע אויטאָמאַטן, און די גלייכע קיך־פּאָרציעס פאַר אַלע זעלנערישע מאָגנס, אָן חילוק פון קלאַס און שטאַנד, האָט אויך צוגעהאָלפן צו פאַראייני־הייטלעכן אונדזער אויסזען, ווי דאָס פאָלקס־ווערטל זאָגט: „אַלע יוונים האָבן איין פּנים״.

ס׳זיינען ווייטער אָפּגעלאָפן אייניקע וואָכן, און מיר האָבן שוין אָנגעהויבן ציילן די טעג צו פּסח. מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז פּסח וועלן מיר באַפרייט ווערן און זיך כאָטש אויסרוען אַביסל.

אין שטאָט גופא האָבן מיר אויך געבעטן ווו מען דאַרף, מ׳זאָל זיך פאַר אונדז משתדל זיין. מיר האָבן אין געדאַנק געריסן אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל פון קאַלענדאַר, געוואַרט און געהאָפט אויף אַביסל רו.

געפינענדיק זיך אין אַזאַ מין פאַרקנעכטעטער וואָכע־דיקייט, האָבן מיר ביים אַרויסשטעלן אַ טריט פון די קאַשאַרן ערשט דערפילט דעם אמתן טעם פון זמן חרותנו... און מיט גאָר אַ באַזונדער פרייד האָבן מיר אויך דער־פילט אין זיך די נשמה־יתירה פון מנוחהדיקייט.

דער ערשטער פסח אין כעלם

ערב יום־טוב האָבן מיר אַרויסגעקראָגן די „פּשע־פּוסטקעס" אויף די ערשטע צוויי טעג. נאָר שלאָפן האָבן מיר געדאַרפט צוריקגיין אין די קאַשאַרן. ס'איז שוין אַפילו געווען בין השמשות, נאָר בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט.

קיין סך חמץ מבער צו זיין האָבן מיר סיי ווי נישט געהאַט, און די קעשענעס האָבן מיר אויך פאַרשפּאָרט אויסצוטרייסלען, ווייל די שטיקלעך אַמעריקאַנער סוכאַ־רעס האָט מען בעסער געלייגט אין די מיילער איידער לאָזן ליגן אין די קעשענעס.

איך האָב דעם וועג נישט צו גוט געקענט. ס'איז געווען ס'ערשטע מאָל ווי איך בין געגאַנגען פון די קאַשאַרן אין שטאָט, און ס'איז שוין געווען פינצטער. נאָר דערזעענדיק פון דער ווייטן דעם שיין פון די יידישע יום־טוב ליכט, בין איך זיי נאָכגעגאַנגען, ביז איך בין געקומען אין שטאָט. און אַריינקומענדיק איז שוין געווען נאָך מעריב, און איך האָב גלייך דערנאָך געדאַרפט צוריקגיין שלאָפן אין די קאַשאַרן.

דערפאַר אָבער זיינען מיר שוין דעם ערשטן טאָג אַוועק אין שטאָט פרי. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך צו אונדז באַצויגן גאַנץ וואַרעם, ווי „רחמנים בני רחמנים", און יעדער זעלנער האָט אין די בתי־תפילה באַקומען אַ קוויטל מיט אַן אַדרעס צו אַ בעל־הבית.

נאָר דאָך איז מיר געווען פשיקרע. נישט פאַר מיין געשמאַק, צו גיין צו אַ בעל־הבית עסן, הגם קיין שום בעל־הבית האָט זיך דערפון נישט אָפּגעזאָגט, נאָר פאַר־קערט, אונדז אויפגענומען „בסבר פנים יפות".

מיר האָבן אָבער געטרוימט, אַז די שטאָט וועט פאַר

אונדז איינאָרדענען אַן אַלגעמיינע קיך, ווו מיר וועלן זיך פּילן פרייער און צווישן זיך אַליין. איך האָב זיך אָבער געמוזט אָפּזאָגן פון מיין מאָדערניזם און בלית ברירה שלום געמאַכט מיטן גורל.

איך האָב זיך אָבער אין מיין בעל־הבית — אַ הויכער, שיינער ייד, אַן „אַסאַבע״, מיט אַ פּעך־שוואַרצער, רונדי־קער באָרד און אַ פּאָר גליענדיקע קאַרשן־אויגן — נישט אַנטוישט.

ער האָט מיך געזעצט צו זיין רעכטער האַנט, און מיר אַנטקעגן, זיין שיינע יונגע טאָכטער, וועלכע האָט פון מיר אירע אויגן נישט אַראָפּגענומען. כאָטש שוין אַ 19־יאָריקער, אַ סאָלדאַט, וואָס קלויבט זיך שלאָגן דעם שונא, האָט נאָך אַלץ דער חסיד געשטעקט אין מיר, און פון צייט צו צייט פלעגט אַ בתולהדיקע שעמעוודיקייט אויפגיין אין מיינע צערויטלטע באַקן און איך האָב געמוזט מיינע אויגן האַלטן אַראָפּגעלאָזט.

און ווען ער האָט געזען מיין שעמעוודיקייט, האָט ער מיך געמונטערט און געפּרוווט מיך פאַרהיימישן מיט זיינע שמועסן און אַרויסגעוויזענעם אינטערעס אין מיר. ער האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַן אייגענער פאָטער און מיך געבעטן צו קומען אויף גאַנץ פּסח.

ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער האָלץ־סוחר, אַ גערער חסיד. און זיין שוואַרץ־אַטלאַסענע קאַפּאָטע האָט נאָך צוגעגעבן גלאַנץ און חן צו זיין טונקעלער גבורהדיקער געשטאַלט.

חול־המועד האָב איך געקראָגן פון דער היים אַ פּעקל פּסחדיקן פּראָוויאַנט. מיינע קריסטלעכע חברים האָבן געוואָרפן קנאהפולע אויגן אויפן פּעקל, ווי הונגעריקע וועלף. זיי האָבן מיר געמאַכט פאַרשידענע אָנצוהערענישן, איך זאָל זיי מכבד זיין מיט מצה און אַנדערע פּראָדוקטן.

כ׳בין אַריין אין זייער לאַגע. ווייל אין פּרט פון עסן איז זיי טאַקע געווען ערגער, וואָרעם די כעלמער קהילה האָט זיי דאָך נישט געטיילט אַזוי בהרחבהדיק מצה מיט אייער, ווי די יידישע זעלנער.

דער יום־טוב איז גיך פאַרשוווּנדן און מיר זיינען צוריק אַריין אין מיליטערישן קאַזאַרמע־לעבן. מ׳האָט זיך אַ נעם געטאָן צו אונדז גאָר ענערגיש... מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו מאַכן פעלד־איבונגען הינטערן שטאָט. עס זיינען אויך צוגעקומען ביינאַכטיקע „פּאָליאָווע טשווי־טשעניעס", ביי וועלכע מיר האָבן זיך געפילט, ווי אויף אַן אמתן פראָנט.

די כעלמער קאָשאַרן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַבריקן, וואָס האָבן געדאַרפט צושטעלן די זעלנער־סחורה. דער פראָנט האָט געפאָדערט פרישע סחורה אויסצופילן די בלויזן. האָט מען אונדז דעריבער געטריבן מיט מער אימפּעט.

פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך די קאַדרען אויס־געליידיקט און ס׳זיינען אָנגעקומען אַנדערע אויף זייער אָרט. האָט זיך טאַקע צווישן אונדז פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויך אונדזער באַטאַליאָן גייט אָפּ אויפן פראָנט. דער קלאַנג האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט.

מען האָט אָנגעהויבן אויסקלויבן אַ באַזונדערע אָפּ־טיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מאַן צוויי הונדערט, צווישן וועלכע אויך איך בין אַריינגעפאַלן. און מ׳האָט אונדז אָפּגעשיקט קיין אָסטראָוו־קאָמאַראָוו.

קאַפּיטל פיר

אין אַסטראָוו־קאַמאַראָוו — אין שפּיטאָל — אַרויספאָר קיין וולאָדאַווע — דער אַרויסמאַרש אויף די פּלאַצוווקעס — אַרויסמאַרש קיין קאָדניע — די ערשטע שלאַכט מיט די באָלשעוויקעס.

צום באַן האָבן מיר מאַרשירט אין פולן שיק און באַוואָפענונג. דער פּלעצאַק האָט געריסן מיין שוואַכע פּלייצע און די ביקס האָט געדריקט מיין לינקן אַקסל. איך האָב זיך באַגאָסן מיט שווייס און געטראַכט ווי אַזוי וועל איך אויסהאַלטן די קומענדיקע שוועריקייטן.

אינעם משא־צוג האָבן מיר זיך לאַנג געשאָקלט ביז מיר זיינען דערפאָרן קיין אַסטראָוו־קאַמאַראָוו. שבת האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין שעדלעץ. כ'האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אַריינגעכאַפּט אויף אַ וויילע אין שטאָט. ס'איז געווען, אין מיין דערוואַקסנקייט, דער צווייטער באַזוך אין שעדלעץ. ווייל מיין ערשטער „באַזוך" איז געווען אין מיינע פּרי־חדרישע יאָרן, ווען נאָכן אויסשניידן מיר אַ פּאָליפּ אין נאָז, האָט מיין פאָטער, צוריקפאָרנדיק מיט מיר פון וואַרשע אַהיים, זיך אָפּגעשטעלט אין שעדלעץ.

די לופט איז געווען אַ וואַרעמע און אַ ריינע. קיין שפּור פון ווינטער איז נישט געווען צו זען. די זון האָט זיך, ווי אויף צו להכעיס, מיט מיר גערייצט: נאַ, זע! היינט איז פרילינג, דער ערשטער מאַי! און זע ווי פריי דאָ איז.

די גאַסן זיינען געווען ריין. אויסגעפּוצטע אַרבעטער־פּאָרלעך, מיט רויטע שלייפלעך אין די לאַצן, האָבן שבת־יום־טובדיק אַרומגעשפּאַצירט. איבער די ווענט זיינען געהאָנגען רויטע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן זיך צו באַ־

טייליקן אינעם יום־טוב. איבער די קעפ האָבן אַרומ־געשמייעט פייגל מיט אַ געשוויטשעריי, אויסגעמישט מיט פריילעכע קינדערישע קולות און געפילדער.

אויך די יידן זיינען דאָ געווען מאָדערנער און עלע־גאַנטער געקליידט, ווי אין מיין שטאָט. כ׳בין געוואָרן אַביסל פריילעכער, מוטיקער, נאָר נישט אויף לאַנג. איך האָב דעם שפּאַציר געמוזט איבעררייסן און אַוועקגיין צוריק צום צוג, ווייל דאָס פּאַטערלאַנד רופט.

דעם 2־טן מאַי זיינען מיר אָנגעקומען קיין אָסטראָוו־קאָמאַראָוו. מ׳האָט פון אונדז פאָרמירט אַ נייע קאָמפּאַניע. די ערשטע טעג זיינען מיר געגאַנגען אויף אַרבעט. דערנאָך האָבן מיר געהאַט „וואַרטע״־דינסט. איין טאָג „וואַרטע״, צוויי טעג רו.

אָסטראָוו־קאָמאַראָוו האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. אַביסל אַרויס פון שטאָט, זיינען פוןביידע זייטן שאָסיי געווען געמויערטע קאָשאַרן, אַרום די קאָשאַרן אַ לאַנגע אַלייע פון ביימער מיט גוט־געפלעגטע גראָז. אין הינטערגרונט זעט זיך דער וואַלד, וועלכער מאַכט פון דער ווייטן דעם איינדרוק פון אַ ווילע.

אין שטעטל האָט מען אַלץ געקענט קריגן. די יידישע זעלנער האָבן זיך גרופּירט אַרום צוקערס רעסטאָראַציע. דאָס לעבן איז געווען דערטרעגלעך. ס׳זיינען אַפילו דאָ געווען אַזעלכע פּיפּיקע זעלנער, וואָס האָבן געלעבט זייער גוט.

קיין אַנדערע מיליטערישע פליכטן אַ חוץ „וואַרטע״ איז דאָ נישט געווען. די צייט איז געפלאָסן גיך. אונדזער שעף איז אַפילו נישט געווען פון די גאָר גוטע מענטשן, פונדעסטוועגן פלעגט מען מיט אים קענען אַדורכקומען.

שפּעטער האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין אַ נייער

דירה, ווו עס זיינען אונדז צוגעקומען סוב־לאָקאַטאָרן אינעם געשטאַלט פון ביינאַכטיקע פּאַראַזיטן, וועלכע האָבן אונדז אַפילו בייטאָג נישט געלאָזט צורו. ווי די היישעריקן זיינען זיי מחנותווייז אַרומגעפלויגן.

אין אָסטראָוו האָב איך זיך שוין געפילט עפּעס העכער. איך האָב שוין געהייסן אַן אַלטער זעלנער און האָב געגאָסן אַ גרעסערן צוטרוי. די ווערטפולסטע מאַגאַזינען האָט מען מיר אָנגעטרויט. כ'בין ביי זיך געוואָרן שטאָלצער, גאַווהדיקער. און ווען מיין שוועסטער הדס איז מיך גע־קומען באַזוכן, האָב איך שוין גלייך געקראָגן אַ „פּשע־פּוסטקע" אין שטאָט אַריין, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג.

און ס'איז דעריבער היינט, ביי דער צווייטער אויפ־לאַגע, ווען מיין שוועסטער הדס איז שוין אויך נישטאָ, ווייל זי האָט געטיילט דעם גורל פון מיין איבעריקער פאַמיליע, וואָס איז אומגעקומען דורך די דייטשן, כדאי איר דאָס ווייטערדיקע צו ווידמען. בפרט ווען אַדאַנק איר באַזוך איז אין מיר אויפגעקומען דער געדאַנק פון שרייבן דאָס בוך און עס געפינט זיך אינעם שער־בלאַט (פון דער ערשטער אויפלאַגע) מיין זעלנעריש בילד.

אין דער יידישער ליטעראַטור ווערט אידעאַליזירט די יידישע מאַמע. און ווער פון אונדז קען נישט דאָס געשטאַלט פון זיין אייגענער מאַמען? נישט געווען איז קיין שלעכטע מאַמע. יעדע יידישע מאַמע האָט געציטערט און געפלאַטערט איבער אירע קינדער, ווי אַ פויגל־מוטער איבער אירע יונגע. דאָס אַלץ איז באַקאַנט.

נאָר אַז אַ שוועסטער זאָל נאָך ביים לעבן פון דער מאַמען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צווייטער מאַמע, דאָס טרעפט שוין נישט אַזוי אָפט. און אַ במקום־מאַמע איז

פאַר אונדז קינדער, בפרט פאַר מיר, דעם פריערדיקן אָפּ־געציטערטן בן־יחיד און שפּעטערדיקן פאַריתומטן לערנער, געווען מיין שוועסטער הדס.

אויב עס גלויבט ווער אינעם מזל פון געוויסע שטערנס, איז זי אונטער אַזאַ שטערן נישט געבוירן געוואָרן. זינט איך געדענק זי, האָט זי געשלעפּט דעם עול פאַרן גאַנצן הויז.

געשלעפּט אַפילו דאַן, ווען דער נאָך לעבעדיקער טאַטע (געשטאָרבן צו 36 יאָר), דער אויפגייענדיקער גביר און באַלאַדענער מיט פיל געשעפטן, אַ חוץ דער מאַמעס באַזונדערער קראָם, איז נאָך געווען אין די פעדערן.

נאָך קינדערווייז איז זי געשטאַנען אויף אַ בענקעלע אין קראָם ביים צעוועגן די פויערים די סחורה און איז געווען די גאַנצע סוחרטע און קרעמערקע, מער קרעמערקע פאַר דער מאַמען.

און שפּעטער האָט זי ערשט רעכט גענומען אויף זיך דעם עול, האָט געשלעפּט אויף דער וואָג די זעק מיט זאַלץ און מעל, כדי זיי פונאַנדערצוּוועגן פאַר די קונים, האָט אין די גרעסטע קעלטן געשטופּט אירע געשוואָלענע הענט אין די פעסער הערינג, ווי זי פלעגט אַליין איבערקאַטשען אויף דער שיסל די געבליבענע רעשטלעך פון די פעסער נאַפט.

וואָרעם די מאַמע, די אמתע מאַמע, איז געווען אַ קראַנקע, אַ קראַנקע פון די געירשנטע חולאתן, פון קינדלען און פון זיך אַליין, פונעם אייגענעם אויפעסן זיך — איז ווער זשע זאָל זי פאַרטרעטן, אויב נישט דער בכור, דאָס עלטסטע מיידל ?

איז זי, הדס, געוואָרן איר פאַרטרעטערין, די במקום־מאַמע אין קראָם, ווי די במקום־מאַמע אין הויז ; באַזונ־

דערס די במקום־מאַמע איבער דער מאַמעס שוואַכן יינגל, דעם קדיש.

און אַז דאָס איז נאָך געווען ביים טאַטנס לעבן, איז ווי זאָל זיך איר מאַמעשע געטריישאַפט נישט צעבליען נאָך זיין טויט? זיינען שוין גאָר אַלע לאַסטן אויף איר געוואָרן אַרויפגעלייגט.

און ווי די טבע איז — וואָס מער איינער האָט, אַלץ מער לייגט מען אים צו. אַזוי האָט מען איר אַלץ מער פעקלעך צוגעלייגט. און זי האָט, ווי אַן אָקס אין שפּאַן, מיט אַ באַזונדערער הכנעה און געדולד אַלץ געטראָגן אויף זיך, געטראָגן אָן שום טענה און מענה, ווי אַ גזר פון זיין ליבן נאָמען, וועלכן מען נעמט אָן באהבה.

און געהאַט האָט זי אַ צווייטע שוועסטער, וואָס איז נאָר מיט איין יאָר געווען יינגער פון איר (די דריטע, מרים, איז נאָך דאַן געווען אַ קינד). און כאָטש די צווייטע שוועסטער, יאָכע, איז אויך נישט געזעסן ליידיק, איז זי אָבער לאַנג אינעם הויז נישט געבליבן.

זי האָט פאַרלאָזט די אַלגעמיינע נעסט און זיך אויפ־געבויט אַן אייגענע נעסט; האָט חתונה געהאַט מיט אירן אַ קוזין משה און איז מיט אים אַוועק קיין וואַרשע. און דער עול אויף הדסעס פלייצע האָט זיך נאָך שווערער געלייגט. איז זי געשטאַנען אין ווינטער מיט אירע גע־שוואָלענע פיס אין דער נישט־באַהייצטער אָפענער קראָם, ווי זי איז שפּעטער מיט זיי געשטאַנען אין דעם נאָך קעלטערן שפּייכלער.

און צו די שווריקייטן פונעם געמיינזאַמען יאָך זיינען איר נאָך צוגעקומען די ביטערנישן פונעם אייגענעם גורל. אויך איר פּערזענלעכע מערכה איז געווען שווער און ביטער. באַקאַנטע, בפרט סוחרישע בחורים, האָבן זי באַוווּנ־

דערט: „זי איז אַן אַנשפּאַר אָן אַ הילף, אַ גאַנצע ברויט־געבערין". נאָר צו קיין תכלית איז עס נישט געקומען... און נאָר אַזאַ מאַמע, ווי מיינע האָט זי סוף כל סוף חתונה געמאַכט.

חתונה געמאַכט, נאָר איר לעבן נישט פאַרגרינגערט. דאָס זעלבע שלעפּן דעם עול, ווי פריער. נאָר וואָס פריער האָט זי אים געשלעפּט פאַר אונדז אַלע, האָט זי אים שפּעטער געשלעפּט פאַר איר נישט צו־טויגעוודיקן מאַן און פאַר אירע שוין אייגענע קינדער.

איז ווער זשע זאָל פאַרן באַזוכן דעם ברודער אין נויט, אויב נישט די געטרייעסטע? האָט זי, הדס, אויך אין דעם פאַל דעם עול גענומען אויף זיך; גענומען אויף זיך אין אַזאַ צייט צו שלעפּן אַ שווערן קויש מיט שפּייז פאַרן אויסגעהונגערטן ברודער־סאָלדאַט.

און נישט גרינג איז דאַן געווען אַזאַ רייזע, בפרט פאַר אַ חסידישער טאָכטער צו שתדלען ביי מיליטער־לייט אַ „פּשעפּוסטקע" פאַרן ברודער אויף דער צייט פון איר זיין דאָ. זי האָט אָבער אין מאַמעשע שליחות אויס־געפירט, ווי זי האָט אויך שפּעטער אירע איבעריקע שלי־חותן פאַר מיר אויסגעפירט. זאָל דאָס זיין פאַר איר צו אַ דערמאָנונג און זכר.

אין שפּיטאָל

ווי מאָדנע, פאַראַן צייטן, ווען מען וויל פון דיר וואָס גיכער אויסאַרבעטן אַ פּראָנט־קעמפער. די צייט איז קורץ און דער פּראָנט מאַכט אַ באַשטעלונג אויף פרישע „סחורה", אין וועלכער אויך דו דאַרפסט אַריינגיין. טרייבט מען דיך דאַן מיט אַ טייוולאָנישער גיכקייט, און דו חלשסט, גאַרסט נאָך אַ ביסעלע רו.

רופסטו אַרויס עפּעס אַ פאַרלעגענע קרענק, נאָר עס גייט נישט. ווילסט זיך אַליין מאַכן עפּעס אַ צרה, ביסט אַפילו גרייט זיך צו מאַכן עפּעס אַ געשלעכטלעכע פּלאָג — נאָר דו קענסט נישט, אָדער ביים סאַמע סוף דעצידירסטו זיך נישט. און אַז דו ווערסט געוואָר, אַז עמיצער איז קראַנק געוואָרן אויף עפּעס אַן ערנסטער קרענק, ביסטו אים פּשוט מקנא.

אַזאַ מאָמענט האָב איך אויך געהאַט אין כעלם. דאָרטן, אין מיין רעקרוטן־פּעריאָד, האָב איך אויף זיך געבעטן און אויסגעקוקט עפּעס אַ „מחלה שלימה", און ווען אַ מעזריטשער בחור איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, האָט זיך ביי מיר דערוועקט אַ קנאה־געפיל. און פּונקט ווי אויף צו להכעיס בין איך אין די גרעסטע פרעסט און ביי די ערגסטע באַדינגונגען געבליבן דווקא אַ געזונטער און פאַרהאַרטעוועטער.

דאָ אָבער, אין אָסטראָוו, ווו ס'איז מיר פאַרהעלטניש־מעסיק געווען גוט, בפרט אין אָנהויב, האָט מען מיך מזכה געווען מיט עפּעס אַ קרענקעלע „שווינקע", און אומ־געריכט האָט מען מיך געשיקט אין שפּיטאָל אַריין.

קיין גרויסע ליידן האָב איך נישט געהאַט, און נאָך אייניקע מאָל אויסשמירן מיך זיינען זיי פאַרביי. דער מאָגן האָט אויך נישט געליטן. דער אַפּעטיט איז געווען, און עסן אויך. דערצו זיינען נאָך אָנגעקומען די חגאות, און מען האָט שוין גאָר גוט פאַרבראַכט. די באַנעמונג צו די קראַנקע איז געווען פאַר אַלע גלייך.

גוטס דויערט אָבער נישט לאַנג. עס זיינען אָפּגעלאָפן די עטלעכע וואָכן און פאַר פּוילן איז אָנגעקומען אַ שווערע צייט. די באָלשעוויסטישע אָפענסיווע איז געגאַנגען פאָרויס. זי האָט אַדורכגעבראָכן דעם פּוילישן פראָנט, צוגענומען

די עטאַפּאָווע שפּיטאַלן, און אונדזער שפּיטאַל, וואָס איז ביז איצט געווען אַ גאַרניזאָנאָווער, איז צוליב דעם פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פעלד־שפּיטאַל, און מען האָט דאָ אָנגעהויבן צו ברענגען גאַנצע מענגעס פאַרווונדעטע.

נאָך מיטאָג, בעת די לייכטער פאַרווונדעטע פלעגן אַרומשפּאַצירן אין קאָרידאָר, האָט עס אויסגעזען ווי אַ מין אויסשטעלונג פון צעבראָכענע טיילן פונעם מענטש־לעכן אָרגאַניזם — אַן אָפּשפּיגלונג פון פראָנט־גיהנום. די פּרוכטן פון ביקסן, שראַפּנעלן, גראַנאַטן און באָמבעס האָבן זיך דאָ אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער נאַקעטער גרויליקייט.

דער פראָנט־סאָלדאַט, וואָס ליגט אונטערן האָגל פון טייוולאַנישן געווירבל פון שטיקער אייזן און שטאָל, זעט דאָרט נישט מער ווי זיין נאָענטסטן שכן, וואָס ליגט אויסגעצויגן נעבן אים און היט זיין אייגענעם בינטל ביינער. אַלץ איז פאַר אים איינגעהילט אין נעפּלדיקער חשכות פון רויך, גאַז און אין מורא פאַרן אייגענעם גוף.

דאָ אָבער, אין שפּיטאַל, ביסטו זיך רואיק, באַזאַכט, געלאַסן, און דו קענסט דעריבער באַטראַכטן מיט אַ וויל־דער פלעגמאַטישער קאַלטקייט די צעבראָכענע איברים פון דיינע קריגס־חברים.

אָט שאַרן זיך געלע, ווי וואַקס, אויסגעצויגענע פּנימער, פאַרבונדענע קעפּ, הענגענדיקע אָרעמס, אַראָפּהענגענדיקע פיס. און אין אַ זייט קייקלט זיך מיט צעשפּרייטע פיס אַ זעלנער מיט אַ צעשאָסענעם מענלעכן גליד.

אין די קאַמערן געפינען זיך די גאָר שווער פאַרווונ־דעטע. צעהאַקטע רוקנס, אַדורכגעלעכערטע לונגען און קאַנדידאַטן אין מתים־שטיבל, אויף וועלכע עס לויערן שוין אין שפּאַנונג די סאַניטאַרן און נייע פאַרווונדעטע, וואָס זיינען גרייט צו פאַרנעמען זייערע בעטלעך.

אויפן אָפּעראַציע־טיש ליגט אַ שווער־פאַרוווּנדעטער מיט אַ שפּליטער אין בויך. זיין וווּנד איז אַ שטערבלעכע. די דאָקטוירים, און ער אַליין, סערזשאַנט דעמביצקי, ווייסן אַז ער איז אַ פאַרלוירענער.

נאָר דאָך שטרענגען זיי זיך אָן צו באַזייטיקן דעם מעטאַל פונעם בויך. ס׳איז די מאָראַל און דער רעגולאַמין, וואָס פאָדערט עס פון זיי; דער זעלבער מיליטערישער רעגולאַמין, וואָס שיקט פריער די יונגע מענטשן אויפצו־רייסן איינער דעם אַנדערן די בייכער און זיך קעגנזייטיק צו ממיתן.

דעם סערזשאַנטס יסורים זיינען גרויס. זיין פּנים ענ־דערט זיך און אויף זיין קנייטשנדיקן שטערן באַווייזן זיך שווייס־טראָפּנס. ער וואַרפט זיך מיט די לעצטע כּוחות, דער אַטלעטיש־געבויטער דעמביצקי, נישט צו לאָזן זיך אָפּערירן. „צו וואָס נאָך שניידן, לאָזט מיך שטאַרבן אַזוי" — שעפּטשעט דער אין אַנגסטן אָפּגייענדיקער פאַר־וווּנדעטער.

נאָר קיינער הערט אים נישט. צוויי סאַניטאַרן האַלטן אים ביים קאָפּ, צוויי ביי די פיס, און ער גייט אויס אונטערן מעסער.

אין אַ ווינקל לאָזט ווער אַרויס דעם לעצטן כאָרכלענ־דיקן צאַנק. אַנטקעגן זייעט אַרויס אַ גוסס צווישן די ליפּן אַ ווילדע קללה, אויסגעמישט מיט אַ רעליגיעזער תּפילה.

איז עס נישט קיין אומפּאַסנד בילד פון אַ פייער־ און בלוט־קוזשניע, וואָס פאַרשפּרייט אירע פאַרניכטונגס־פונקען איבער יונגע אומשולדיקע לייבער?

איך האָב זיך גענומען אַביסל צוגעוווינען צו די פראָנט־קינדער, זיך געלערנט פון זייער רויער פאַרהאַרטעוועטער לעבנס־דערפאַרונג, וואָס נוצט דאָ מער ווי הונדערט שולעס מיט איינגעקנעלטע, אויסגעמוטשעטע טעאָריעס.

איך האָב זיך דאָ אויסגעלערנט אָנצוקלאַפּן דעם טערמאָמעטער, כדי ער זאָל ווייזן אויף מער היץ, און כ'זאָל אַזוי אַרום דאָ לענגער קענען בלייבן.

איך האָב זיך נייגעריק צוגעהערט צו די נאַטירלעכע, נישט־קרעמפּירטע שמועסן און דערציילונגען, וואָס איז אַן אמתער תענוג פאַרן זעלנערס נישט־באַפּרידיקטע אינ־סטינקטן.

מאַנקע, די שפּיטאַל־דינסט, איז אַריין. מיט אַ פרעכער פרייִלעכקייט איז זי צו צורעכט מאַכן די קישנס פונעם יונגן, שוואַרצן דעמאַשוק. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, געגלעט, זי האָט זיך נישט געווערט. די פאַרבליבענע לייכט־פאַרוואונדעטע האָבן זיך, לויטן ווונק, אַרויסגערוקט פון צימער און געוואַרט נעבן דער אויסנווייניקסטער טיר.

דעמאַשוק האָט זי דאַן לייכט אַריינגעצויגן צו זיך אונטער דער קאָלדרע, ווו זיי האָבן זיך פעסט איינגעקלאַ־מערט איינער אין די צווייטע, און ער האָט געוואָלט אויס־פּרעסן וואָס מער גענוס און קערפּערלעכן תענוג פאַר די פאַרבראַכטע אין ליידן, געפּייניקטער צייט, און אפשר אויך נישט בעסערער צוקונפט.

די טיר־שומרים האָבן שוין פאַרלוירן דעם געדולד. „צום טייוול! — האָבן זיי געשריען, — ווי לאַנג נאָך וועט ער זיך מיט איר שפּילן?" „זיי זיינען אַוודאי אַנטשלאָפן געוואָרן" — האָט זיך געוויצלט אַ צווייטער.

ערשט דער שטויס פון דער אַרויסגייענדיקער מאַנקע האָט זיי אָפּגעשטופּט פון טיר. אינעווייניק האָבן זיי גע־טראָפן דעמאַשוקן שוויצנדיק־פאַררויטלט אין אַ טיפן שלאָף.

נישט דרייסט און שעמעוודיק האָב איך נאָך פאַר־בראַכט די לעצטע שעהן אין שפּיטאָל. איך, שוין אַ געזונ־

טער פוסט־און־פּאַסניק, פּאַרנעם אַ בעטל, אויף וועלכער עס וואַרט שוין אַ פריש־געבראַכטער פאַרוווּנדעטער.

איך האָב געפילט אויף זיך די בליקן פון די קאַליקעס. איך האָב שוין אָבער וועגן דעם נישט געדאַרפט בעטן, ווייל דער דאָקטאָר אַליין האָט אויך שוין באַשלאָסן פטור צו ווערן פון מיר, און נאָך דריי וואָכן ליגן אין שפּיטאָל האָט מען מיך פון אים אויסגעשריבן.

קומענדיק צוריק אין קאָמפּאַניע, האָב איך זי שוין געטראָפן אין אַ גאַנץ אַנדערן צושטאַנד.

דער פראָנט האָט זיך געהאַלטן אין איין דערנענטערן צו מאַלקין (אַ גרויסע קנופּ־סטאַציע). דער פריערדיקער מיליטער־לאַגער איז אַוועק אויפן פראָנט, און אונדזער קאָמפּאַניע איז דעריבער אויסגעקומען אַליין איבערצו־נעמען די גאַנצע „וואַרטע״, און אַנשטאָט צוויי טעג רו האָבן מיר שוין איצט איין טאָג אויף צוויי און אַמאָל דריי טעג דינסט.

די „פּאָסטערונקאָוועס״ זיינען דעריבער געוואָרן מיד, און אַ סך פון זיי פלעגן פשוט אַנטשלאָפן ווערן שטייענדיק אויף דער וואַך. די „פּאַקע״ איז צוליב דעם געווען כמעט אינגאַנצן פאַרפולט מיט אַזעלכע פאַרשלאָפענע שומרים.

אַרויספאָר קיין וולאָדאַווע

גלייך דערנאָך האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אַרויס־צופאָרן קיין וולאָדאַווע. מאַרשירנדיק צו די דאָרטיקע קאַשאַרן, האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן אויף אויסגע־גראָבענע אָקאָפּעס.

אין די דריי וואָכן, וואָס איך בין געווען אין שפּיטאָל, האָט זיך די לאַגע אויפן פויליש־רוסישן פראָנט אינגאַנצן געענדערט. נאָך די מפּלות, וואָס די רויטע אַרמיי האָט

געליטן פון די פּאַרויסגייענדיקע פּוילישע פּולקן, האָט זי זיך אויפסניי געגומען אָרגאַניזירן, האָט מאָביליזירט פרישע פּיעכאָטע־דיוויזיעס, טאַנקן־ און האַרמאַטן־אָפּטיילן, און באַזונדערס, האָרדעס קאָזאַקן־רייטער.

אין אָנהויב האָט זי, כדי צו געווינען צייט, בלויז געפּרוּווט איינהאַלטן די פּוילישע כוחות. נאָר ווען זי איז שוין געווען גוט רעאָרגאַניזירט, האָט זי אויפן גאַנצן פראָנט אָנגעהויבן איבערצוגיין אין אַ קאָנטר־אָפענסיווע.

איר קאָנטר־אַטאַקע איז געווען אַ שטאַרקע. מיט אַן איבערוועגנדיקער צאָל פון מענטשן און געווער האָט זי מיט אַמאָל אָנגעגריפן אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן און אירע טיילן האָבן, צוזאַמען מיטן אָנלויף פון בודיעניינס קאָזאַקן־רייטער, זיך איינגעשניטן ווי אַ קלין אין די פּוילישע פּאָזיציעס און האָבן די פּוילישע קעמפער צע־טומלט און צעשראָקן.

און צעטומלט און צעשראָקן, האָט די פּוילישע אַרמיי, ווי פריער די סאָוויעטישע, גענומען אָפּטרעטן. און צוריק־ציענדיק זיך פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, איז דער קאַמפס־גייסט ביי די זעלנער נאָך מער געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

די צייט איז געווען אַ פּאַטאַלע פאַר דער פּוילישער אַרמיי. מיט אַ געוואַלדיקער געשווינדקייט האָבן די סאָוויעטן פאַרנומען איין פּוילישע פּאָזיציע נאָך דער אַנ־דערער און זיך כסדר גערוקט פאָרויס.

און אין אָט דער צייט איז אונדז אויסגעקומען אַרויס־צופאָרן קיין וולאָדאַווע. און איך, אַ שוואַכער, וואָס איז געוואָרן צוגענומען בלויז צו דינען הינטערן פראָנט, איז אויך געוואָרן אַריינגעצויגן אין די פאָדערשטע קאַמפס־רייען.

לכתחילה איז אונדז נישט געווען שלעכט. נאָכן איינ־

קוואַרטירן זיך האָבן מיר כמעט גאָרנישט געטאָן. אַמאָל געגאַנגען אויף אַרבעט, אַמאָל אויף „וואַרטע" און אָפּט־מאָל אויף אַ רעוויזיע־שפּאַציר. איך אַליין האָב ס'לעצטע געזען אויסצומיידן, ווייסנדיק, אַז עס וועט מיר אויסקומען צו רעווידירן יידישע הייזער.

עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס עס האָט זיי נישט געאַרט אַזאַ מין מלאכה. דערהויפּט האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט יידישע פּרייוויליקע, וועלכע האָבן זיך גערן געיאָגט נאָך אַזאַ גרינגן יידישן פאַרדינסטל...

אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט שוין יעדער פון אונדז באַקומען אַ לעגיטימאַציע, וואָס האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט אונדזער השערה וועגן דער אָנקומענדיקער שלאַכט.

און כך הווה. אין דריי טעג אַרום האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אַרויסצומאַרשירן פון וולאָדאַווע. ווו מען פירט אונדז, האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר האָבן בלינד געפאָלגט די באַפעלן.

דער אַרויסמאַרש אויף די פּלאַצוווקעס

מיר האָבן אַריינגעמאַרשירט אין אַ דאָרף, ווו מיר האָבן זיך צעטיילט אויף דריי פּלוטאָנען. יעדער פּלוטאָן איז געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג, איבער דער לענג פונעם טייך בוג, הינטער סלאַוואַטיטש.

אונדזער פּלוטאָן האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין איין הויז. ס'הויז האָט אויסגעזען צו זיין אַ באַדינונג־הויז פון אַ „פאָלוואַרק", מיט איין גרויסן צימער גענוג פאַרן פּלו־טאָן. קיין פּריטשעס און קיין אַנדערע איינריכטונגען צום שלאָפן האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, דאָ נישט געהאַט.

מיר האָבן זיך צעלייגט אויף דער הוילער פאָדלאָגע

מיט די פלעצאַקעס צוקאַפּנס און די ביקסן ביי די זייטן, גרייט צו יעדער רגע אויפצושטיין. געשלאָפן זיינען מיר אין די זאַכן.

אין פראָנט פון הויז איז געשטאַנען אַ „פּאָסטערונעק אַלאַרמאָווי", וואָס האָט אונדז געדאַרפט אַלאַרמירן אין פאַל פון אַ פיינטלעכער דערנענטערונג.

חוץ דעם פלעגט יעדן טאָג אַרויסגיין אַ פּאַטראָל אין די ווייטערע דערפער, כדי אויסצושפּירן און קריגן אַלע נויטיקע ידיעות וועגן שונא.

ביינאַכט זיינען די „פּאָסטערונקעס" געווען צעשטעלט ביים טייך, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן מיט וויאָרסטיקע אָפּשטאַנדן. אין די פינצטערע נעכט איז דאָס געווען דאָס ערגסטע, ווייל די פינצטערניש און דאָס שאָקלען זיך פון די ביימער־צווייגן פלעגן אויף אונדז אָנוואַרפן אַ שרעק, נישט אַזוי פאַרן טויט, ווי פאַרן נישט קענען אין דער פינצטער זיך פאַרטיידיקן. און קיין שום לעמפּלעך האָבן מיר נישט געהאַט.

די באַפעלקערונג פון דאָרף איז געווען אַ רוסישע. פּראָוויאַנט איז געווען שווער צוצופירן. פלעגן מיר דעריבער לעבן אַביסל פון חסד און אַביסל פון צוואַנג־רעקוויזיציע ביים פויער. איינמאָל האָבן אַ פּאָר חברה געכאַפּט אַ יאָזש. ס'חיהלע האָט זיך געראַנגלט, האָט זיך אָנגעבלאָזן און אַרויסגעשטעלט זיינע שטעכיקע נאָדלען צום קאַמף. נאָר טראָץ די צעשטאָכענע הענט פון די כאַפּערס, האָט דער יאָזש זיין קאַמף פאַרשפּילט. זיי האָבן אָבער פון זיין האַרטן פלייש קיין הנאה נישט געהאַט.

אין דער פרייער צייט פלעגן מיר אויך מאַכן אַביסל „טשוויטשעניעס", נאָר דאָס איז שוין מער געווען ווי אַ צייט־פאַרטרייב, אַ ספּאָרט, אָן דער שטרענגקייט פון די אמתע קאַדראָווע איבונגען.

עס זיינען ביי אונדז אויך געווען צוויי יידישע „אַכאַט־ניקעס", ווילע יונגען. זיי האָבן זיך גוט איינגעלעבט מיט די קריסטלעכע חברים און פלעגן אָפטמאָל מאַכן אַ „שפּאַ־ציר" צוזאַמען מיט זיי איבער די נאָענטע יידישע שטעט־לעך.

אַרויסמאַרש קיין קאַדניע

די באָלשעוויקעס האָבן זיך כסדר דערנענטערט. ביי־נאַכט האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אַרויסצומאַרשירן. אין איין אויגנבליק זיינען מיר שוין אַלע געווען אויף די פיס. מען האָט רעקווויזירט פויערשע פורן, ווו מען האָט אַרויפגעלייגט די משאות, און היידאַ קיין קאַדניע דורך סלאַוואָטיטש (ביים בוג).

מיר האָבן זיך צעשטעלט אין רייען און נאָך אַ קאָ־מאַנדע אָנגעהויבן צו מאַרשירן. ווי נאָר אָבער מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט זיך דער אָנפירער צעשריגן:

„וואָס מאַרשירט איר אַזוי פּאַרגאַפּעט, מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ, ווי פּאַראַבלטע באַבעס? זעלנער זענט איר? קלאָגעדיקע ווייבער זענט איר. זינגען! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

און גלייך האָט די ערשטע ריי אָנגעהויבן: „אָווו פּעטערסבורגו, קראַיי..." איך האָב געפילט, אַז ס'איז גוט וואָס איך בין נישט קיין הויכער און געהער נישט צו די ערשטע רייען, אַנישט וואָלט איך זיך שוין נישט אַרויס־געדרייט פון זינגען און פון די ערשטע בייזע בליקן פון יעדן פירער־רשע. וואָרעם ווען גלוסט זיך אַצינד צו זינגען? און וואָס ווידער פּאַר אַ גדולה איז אויף מיין קאָפּ צו גיין זיך באַגעגענען מיטן שונא?

איך האָב פונדעסטוועגן זיך צוגעהערט צום געזאַנג,

ווי אַ מתפלל, וואָס דאַוונט נישט, הערט זיך צו צו די תפילות, כדי כאָטש צו וויסן ווו מען האַלט. און ס׳געזאַנג איז אַוועק — וועגן עפּעס אַ געליבטער, וואָס גאַרט און בענקט נאָך איר געליבטן ערגעץ אין אַ קאַזאַרמע ביי אַ גרינעם טיש.

דאָס האָט מיך נישט באַרירט. נישט איך האָב גע־לאָזט אַ געליבטע, נישט איך האָב פאַרן גיין זיך דינען זיך געשפּילט אין ליבעס. הגם דווקא אַ טייל פון אונדז האָבן זיך, ווי יונג־צערייפטע בתולות, פרי צערייפט און צערייצט צוליב די סוגיות פון נידה און קידושין, וואָס מיר האָבן צו פרי געשלונגען.

נאָר דאָס צווייטע ליד האָט מיך שוין יאָ געטראָפן. עס האָט מיך דערמאָנט אין מיין לאַגע. זיין שלוס־אַקאָרד האָט זיך, ווי אַ לוויה, טרויעריק געצויגן: „אי טאָם נאַ גורצע יעגאָ פאָכאָוואַלי״ (און דאָרטן אויפן בערגל האָט מען אים באַגראָבן).

אָ, דאָס מיינט מען דאָך אויך מיך, ווי יעדן איינעם פון אונדז. און איך בין נאָך אַ ייד. און ווינד און ווי איז מיר. ווער ווייסט ווו דער טויט וועט מיך פאַרשלעפן און אויף וואָס פאַר אַ בערגל איך וועל ליגן, אויב בכלל איך וועל האָבן אַ בערגל? און אַז אַ בערגל, וועט דאָך עס זיין אַן אַלגעמיין אויסגעמישט אונטער אַ צלם. אָט מיט אַזעלכע מחשבות האָב איך אַריינגעמאַרשירט אין קאַדניע.

אַריינקומענדיק אין קאַדניע, האָבן מיר שוין געטראָפן אָקאָפּעס פאַר די פאָדערשטע פּלאַצוווקעס. מיר האָבן גע־קראָגן „זשאַלד״, אָפּגעגעסן אַ פּעטן, יום־טובדיקן מיטאָג, וואָס האָט אויסגעזען ווי צו שטאָפּן אַן עוף פאַר דער שחיטה — און זיך גלייך אַרויסגעלאָזט אויף אַ פּאַטראָל.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אין איין

שרעק פאַר עקסצעסן און אַ שלאַכט. עס האָבן זיך גענומען וועבן פאַרשידענע פאַנטאַסטישע ידיעות וועגן פראָנט, אונ־דזער אייגענעם מצב, א. א. וו., איינע ווילדער און נאַרישער פון דער אַנדערער.

אַזוי, למשל, האָט מען געזאָגט, אַז דער גאַנצער אַרום איז פאַרנומען פון שונא: פון אַלע זייטן זיינען מיר שוין אַרומגערינגלט — נאָר מיט געווער אין האַנט וועלן מיר זיך קענען אַדורכשלאָגן אַ וועג, און דער וואָס וועט אַריינ־פאַלן אין „פלען" (געפאַנגענשאַפט), וועט מען אים אויס־שניידן אויפן האַלדז זיגזאַגן.

פון וואַנען די אַלערליי פלוידערייען האָבן זיך גענומען, האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט וויסן. געפינענדיק זיך אין אַזאַ פסיכישן ווירוואַר, האָבן זיך אונדזערע נשמות געצאַפּלט און געשראָקן פאַר דער אומבאַשטימטקייט פון אונדזער לאַגע, נאָך מער ווי פאַרן זיכערן טויט.

די ערשטע שלאַכט מיט די באָלשעוויקעס

צווישן אונדזער פלוטאָן, וואָס האָט אויף זיין אָפּשניט איצט געדאַרפט קעמפן מיט די באָלשעוויקעס, האָבן זיך געפונען אַזעלכע „אָפּערמעס", וואָס האָבן פשוט קיין ביקס נישט געקענט עפענען. עס זיינען געווען קאַליקעס, פיזישע און גייסטיקע, וועמענס באַשטימונג איז בכלל נישט געווען צו גיין אויפן פראָנט.

אַ חוץ דעם זיינען געווען אייניקע, וואָס האָבן צוליב פאַרשידענע טעמים, רעליגיעזע צי מאָראַלישע, נישט גע־וואָלט קעמפן. און אָט מיט אַזעלכע „העלדן" האָבן מיר עס געדאַרפט באַזיגן דעם שונא.

אונדזערע פּאַטראָלן האָבן זיך שוין אָנגעשטויסן אי־נעם שונא. ס'איז געוואָרן אַן אַלאַרם. מיר האָבן זיך

געראקט פּאָרויס, ביז מיר האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם שונאס פייער און מיר זיינען צוגעפאַלן צום נאָענטן ברעג פונעם טייך.

קיין אָקאָפּעס זיינען פאַר אונדז נישט געווען צוגע־גרייט. אונדזער איינציקע שוץ איז געווען דאָס צודריקן דעם קאָפּ צו דער ערד. אַ יונגער קאַפּראַל, אַ קליינער, אַ בלאַסער, הויט און ביין, וואָס האָט אויסגעזען נאָך ווי אַ קינד, האָט זיך צווישן אונדז געיאָוועט און אונדז געמוטיקט נישט נאָר צו שיסן, נאָר אויך צו זיין גרייט פאַר אַן אַטאַקע אויף באַגנעטן.

„כלאָפּצי (יינגלעך) — האָט ער געזאָגט, — היט אייערע קעפּ, נישט נאָר וואָס מיר דאַרפן זיך פאַרטיידיקן, נאָר מיר דאַרפן אָפּהאַקן דעם שונאס קאָפּ, אַנישט וועט ער אָפּהאַקן אונדזער קאָפּ. און ווען איר לויפט צו דער אַטאַקע, רוקט אים פריער אַריין דעם באַגנעט, איידער ער רוקט אייך אַריין." פּראָסט און פּשוט.

אַ סקרוך איז מיר אַדורך איבערן לייב, הערנדיק אָט די רייד. נישט איך וויל, נישט איך קען אַריינשטופּן מיין באַגנעט אין עמעצנס לייב. און איך בין אַ פאַרפאַלענער.

דערווייל זיינען אונדזערע פלאַנקען געוואָרן אויסגעפּילט מיט נאָך פלוטאָנען, און נישט זעענדיק די צאָל פונעם שונא, האָט עס געקענט אויסזען ווי אַ שטיקל טרייסט. קיין סך צו טראַכטן איז שוין אָבער נישט געבליבן.

ווייל באַלד האָט פון קעגנאיבערן טייך, ווו די באָל־שעוויקעס זיינען מיט אויסגעשטעלטע מאַשין־ביקסן גע־לעגן, זיך דערהערט די ערשטע קאַנאָנאַדע.

אַ שטעפּעריי פון מאַשין־געווער מיט אַ געפּייף פון ביקסן־קוילן, באַגלייט מיט אַן אָפּהילך פון שראַפּנעלן, האָט פאַרהילכט און פאַרטויבט די לופט.

אינעם טייכל האָבן קליינע כוואַליעלעך ווי מיט צאָרן אויפגעברויזט פון די אַריינפאַלנדיקע אין אים שונאס קוילן, ווי אויך ער, דער טייך, זאָל דעם שונא שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

מיר האָבן צוריקגעענטפערט. די שלאַכט איז געוואָרן אַ פאַרביסענע, ווי אַ זאַך פון יעדן איינעם. און די קעגנזייטיקע אַטאַקעס האָבן אונדז אינגאַנצן צענומען און אויפגעשטורעמט אין אונדז די בלוטיקסטע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן.

עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז דערווייל זיינען דעם שונאס שאַנסן בעסערע ווי אונדזערע. זיי אַטאַקירן פון העכערע פאָזיציעס און מיר פון נידעריקע. און זייערע זעלנער (הגם ערגער געקליידט און דערנערט) זיינען אויך מער דערפאַרענע ווי מיר, וואָס באַטייליקן זיך ערשט אינעם ערשטן קריג. און אורטיילנדיק לויט אונדזער פלוטאָן, זיינען זיי אויך שטאַרקער אין אַ באַגנעטן־אָנגריף.

נאָר מיט אַמאָל האָבן מיר פון יענער זייט טייך דערהערט אַ גאַלאָפּירן פון פערד, ביז עס האָבן זיך פאַר אונדז גענומען אַרויסשיילן זייערע קאָנטורן, אַ סימן פון בודיענינס קאַוואַלעריע, וואָס איילט זיי צו הילף. דאָס האָט אונדז שוין רעכט צעווילדעוועט און צעמישט.

און ס׳איז פאַר אונדז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי נאָר גלייך צו פאַרלויפן די געפאַר און זיי לויפן אַנטקעגן. ווען נישט זיינען מיר פאַרלוירן. זייערע גאַלאָפּירנדיקע פערד וועלן אונדז פשוט צעטרעטן.

מיר האָבן אָנגעשטעלט די מאַשינען־נעסטן און צוגעגרייט אונדזערע ביקסן אויפצונעמען די פיינט, און דער ערשטער פלוטאָן איז מיטן גאַנצן אימפעט געלאָפן צו דער אַטאַקע פאַרויס דורכן טייך.

די הורא־געשרייען זיינען פאַרטויבט געוואָרן דורך דער קלינגעריי, סווישטשעריי און די שברים־תרועהדיקע קנאַלן פון דעם מאַשין־געווער און ביקסן, באַגלייט מיט קעגנזייטיקע געשרייען.

דער טייך איז אַפילו געווען נישט טיף און מעגלעך אַריבערצוגיין. צוזאַמען אָבער מיטן גאַרניטור און גע־ווער איז עס אָנגעקומען גענוג שווער, בפרט אונטער דעם שונאס קוילן.

און איך? וואָס האָב איך געקענט טאָן? נישט איך האָב געוואָלט הרגענען און נישט איך האָב געוואָלט ווערן געהרגעט. און אַ חוץ אונדזער צעבהלהטן, צעבלוטיקטן שטח, איז אַזוי ליכטיק און שיין. די זון שטראַלט און וואַרעמט, ס'איז זומער אין דרויסן, און איך בין נאָר 19 יאָר אַלט.

די שרעק אָבער און אומבאַהאָלפנקייט האָט מיך אינגאַנצן צעמישט און אַטראָפּירט יעדן געפיל אין מיר. בין איך זיך אַזוי געלעגן, ווי נישט מיך מיינט מען, סתם אַזוי פאַרטיפט אין מחשבותן און זיך דורכגעשמועסט מיט מיר אַליין.

— וואָס קלערסטו זיך? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. — זעסטו דען נישט, ווי קעגן דיר ליגט אַ שונא, וואָס צילט דיר גלייך אין פנים אַריין?

— מ'טאָר דאָך אָבער נישט הרגענען אַ מענטש! (האָב איך זיך אַליין געענטפערט).

— ווייסטו דען נישט פון דין „הבא להרגך השכם והרגו”? ועסטו אים נישט אָפּשיסן זיין קאָפּ, וועט ער דיר אָפּשיסן דיין קאָפּ. און צווייטנס, הרגעסטו אים דען פאַר דיין הנאה וועגן? הרגעסט אים דאָך פאַרן פאַטער־לאַנד!

אָ, דאָס פאַטערלאַנד, די נייע איינרעדעניש. יעדער

איינער האָט זיך זיין איינרעדעניש, אין וועלכער ער גלויבט, וואָס איז שוין אין תוך נישט מער ווי אַזאַ צוגעוווינטער געדאַנק, אַן אויסדרעסירטע מחשבה.

נישט נאָר קען מען זיך לערנען באַשטימטע באַוועגונגען, נאָר מען קען אויך דרעסירן דעם מענטשלעכן געדאַנק דורך אַ כסדרדיקן אַריינרעדן און אַריינעסן זיך אין אים. און די געוווינהייט און דער פסיכאָז טוען שוין זייערס אויף אונטער־צוהאַלטן אָט די איינרעדענישן.

☆

„למה רגשו גוים ?" — וואָס איז די צווישן־פעלקער־לעכע בלוטיקע בהלה, וואָס צווינגט אַריין יעדן בירגער אין איר ? צו וואָס דאָס האַסן און ממיתן זיך צוליב טעריטאָריע ? קומט דען דעם יחיד צו מער שפּייז און זאַכן, און דער עיקר, מער לעבנס־פרייד, ווען זיין לאַנד ווערט פאַרגרעסערט ?

אָפּטמאָל פאַרקערט. די מיט געוואַלד פאַרגרעסערטע טעריטאָריע שאַפט נאָך מער דאגות און סיכסוכים. ווייל קיין צד וויל זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין פאַרלוסט, נאָר וואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אָפּצונעמען די עוולה. דער־ווייל הערשט אַ קריגערישע שטימונג, און ווען די מלחמה ברעכט אויס, הערשט פיל פּיין און בלוט. און ער, דער הויפּט־קרבן אַליין, דער זעלנער, ליידט נאָך מער פון אַלע. ער ליידט אין קאַזאַרמע, אויפן איבונגס־פּלאַץ, און אין יעדער רגע פון זיין לעבן, אויפן שלאַכט־פעלד.

און דאָך איז פאַרט שולדיק מער דער סאָוויעטישער צד, וועלכער קען זיך אַפילו אין זיין נייער רעוואָלוציאָ־נערער הויט גאָר נישט אָנזעטיקן מיט זיין ריזיקער טע־ריטאָריע.

אַ זשוזשעניש פון אַ קויל, וואָס איז מיר פאַרביי־געפלויגן האַרט נעבן די אויגן, האָט מיך אויפגעוועקט ווי פון חלום, און כ'האָב זיך גענומען פלייסיק אָנלאָדן מיין ביקס. קעגן ווען, האָב איך אַליין נישט געוווּסט, ווייל דעם קעגנער האָב איך נישט געזען, נאָר אין באַוווּסט־זיין האָב איך צו אים געקנאַלט מיט אַ חיהשן אַפּעטיט.

נעבן מיר איז געלעגן אַ זעלנער פון דער פּראַוואָס־לאַוונער סעקטע, וואָס האָלט נישט פון קיין געווער. די ביקס האָט ער געהאַלטן אויסגעצויגן, ווי פון יוצא וועגן. ביים ערשטן קנאַל האָט ער אויסגעגלאָצט די אויגן צום הימל. דער גאַנצער קערפּער האָט אים געציטערט און די ציין האָבן אים צוגעקלאַפּט צום טאַקט צוליב מורא פאַר דער פיינטלעכער פּולעמיאָטן־קאַנאָנאַדע.

— באָזשע פּאָמילויס! יעזוס כריסטוס! סוויאַטאַיאַ מאַריאַ! — האָט זיך וויינענדיק געקייקלט זיין שטימע אין דער פון קוילן אַדורכגעלעכערטער און צעאַקערטער לופט.

און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט ער תמימותדיק צוגעגעבן: „סוויאַטאָי פּאַוועל! באָג יעווריעיעוו, אַבראַמאַ, איסאַקאַ, יאַקובאַ" (גאָט פון די יידן, פון אברהם, יצחק, יעקב).

וואָס אַמאָל שטאַרקער האָבן געקרעכצט די וויברירנ־דיקע לופט־כוואַליעס. קוילן מיט קוילן האָבן זיך גע־ראַנגלט, געוואָלט אַריבעריאָגן איינע די אַנדערע.

ער האָט זיך פלוצלינג געכאַפּט פאַרן צלם, אים גע־קושט: האָט געזען אין זיין רעליגיעזער פאַרשמאַכטקייט דעם אָפענעם הימל, וואָס עפנט זיך אים אַריינצונעמען אין זיך.

אַ הייסער בלוט־שטראָם האָט אים ראַפּטעם אַ גאָס

געטאָן פון שטערן. מעכאַניש האָט ער צוגעלייגט דעם צלם צום האַרצן און געצאַנקט, ווי אַן אויסגייענדיקע ליכט. אין אַ פאַרגייענדיקן עקסטאַז האָט ער אַרויסגע־לאָזט דעם לעצטן שלוכץ...

דער באָלשעוויסטישער אָנגריף איז געוואָרן שטאַר־קער. מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן און צוויי פון אונדז זיינען אויך גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

שפּעטער אָבער איז געקומען צו הילף אַ פּוילישער פּאַנצער־צוג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן דעם שונא, און אַדאַנק דעם איז אונדז געלונגען צו פאַרנעמען לעבעדיקן רויב מער פון אונדזער היזק. דער נצחון איז אָבער נישט געווען אויף לאַנג.

די כוחות האָבן זיך נאָך אַמאָל פאַרמאָסטן. דעם שונאס קאַוואַלעריע (רייטער) איז אַריין אין אַקציע און די שלאַכט איז געוואָרן אַ מוראדיקע. דער פרישער הוראַ־געשריי פון אונדזערע אַטאַקירער אויף באַגנעטן האָט זיך אויסגעמישט מיט די הירזשערייען פונעם שונאס אַנלויפנ־דיקע און פאַלנדיקע פערד. מענטש און פערד האָבן זיך אויסגעמישט, זיך איבערגעקייקלט, זיך יסורימדיק צע־שלוכצט, און אויך אַזוי צוזאַמען אויסגעגאַנגען אין פּיין.

נאָר דעם שונאס פּיקעס און פויסטן זיינען געווען שטאַרקער ווי אונדזערע פּיכאָטע־אָנגרייפער. ס'איז גע־וואָרן אַ ווייסטע בלוטיקע בהלה, ס'בלוט פון אונדזערע יינגלעך האָט זיך אויסגעמישט נישט נאָר מיטן קעגנערס, נאָר אויך מיטן בלוט פון די געפאַלענע און פאַרוואונדעטע פערד. די איבערוואָג איז געווען אויפן שונאס זייט.

און נאָך אַביסל ווערן מיר צעסאַטקעוועט, אָדער צעטראָטן ביז איינעם פונעם שונאס אימפּעטיקן קאַוואַ־לעריע־אָנלויף. מיר האָבן צוריקגעטראָטן.

עס זיינען אָנגעקומען פאַרשטאַרקונגען. פיעכאָטע און אַרטילעריע האָט צו אונדז געאיילט צו הילף. אונדזערע האַרמאַטן האָבן זיך איינגענעסטיקט און גלייך גענומען באַשיסן דעם שונא.

אָבער אויך דעם שונאס האַרמאַטן האָבן נישט גע־שוויגן. זייערע שטאָלענע רערן האָבן אונדז באַוואָרפן מיט מעטאַלענע קוגלען, וואָס האָבן זיך, ווי האַרטע קנוילן, געדרייט אין דער לופט, שפּרייטנדיק אַרום זיך אַ סאַזשע־דיקן רויך און טשאַד, ביז זיי האָבן, אויפרייסנדיק זיך ווי גלאָז, זיך צעבראָכן און צעשאָטן אין אַלע זייטן.

די צאָל פון שונאס האַרמאַטן איז געווען אַ גרע־סערע און זיין אָנגריפס־כוח אַ שטאַרקערער. און, אַרומ־גענומען פון אַלע זייטן פונעם שונאס פייער, האָבן מיר ענדלעך אינגאַנצן פאַרלאָזט אונדזערע פּאָזיציעס און, צו־נויפנעמענדיק אונדזערע רעשטלעך, האָבן מיר געמאַכט אַ ויברח (כאָטש מיר זיינען נישט געלאָפן) פון קאָדניע קיין לובלין.

קאַפּיטל פינף

דער מאַרש קיין לובלין — אין כעלם — פּיוסק — אין לובלין — די אָנטשיידונג

ביינאַכט האָבן מיר אַרויסמאַרשירט פון קאָוונע. דעם פּראָוויאַנט מיט די איבעריקע משאות האָט מען אַרויפ־געלייגט אויף פורן. די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. און דער לאַנגער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן.

אין אָנהויב האָבן מיר מאַרשירט מיט אַ גיכן טראָט („שיבקי קראָק״), נאָך מורא־האָבנדיק פאַרן שונא. ווייל הינטער אונדז האָט זיך נאָך געהערט דער אָפּהילך פון

האַרמאַטן, און מיר האָבן נישט געקענט וויסן וועמענס אַרטילעריע דאָס איז.

דער פּאָרוטשניק איז זיך געריטן פאָרויס אויף אַ פערד, און מיר האָבן אים אין לויזע רייען נאָכגעפאָלגט. קיין גאָר שטאַרקע דיסציפּלין האָט שוין צווישן אונדז נישט געהערשט. פּאָרט צוריקגעצויגענע פּראָנטאָוניקעס, וואָס האָבן נאָך נישט באַקומען זייער אָפּרו.

איך האָב געפּרוּווט מיטהאַלטן אין טראָט, נאָר נישט געקענט. סיי ווי אַ שוואַכער אין מאַרשירן, בפרט אין האַלב־לויפנדיקן טראָט. בין איך געבליבן הינטערשטעליק און דער לעצטער. נאָך גוט, וואָס איך בין נישט קיין הויכער און בין נישט מחויב צו גיין אין די ערשטע רייען, האָב איך, ווי פריער, געטראַכט.

נאָר נאָכן אָפּגיין אַ שטיק וועג און נאָכדעם ווי דער אַרטילעריע־אָפּהילך איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, האָבן מיר זיך שוין פאַרגינט צו מאַרשירן אינעם געוויינ־לעכן טראָט.

דער „דאָוודצאַ" האָט, אָנשטאָט זינגען, געהייסן דערציילן פאַרשידענע מעשיות און אַנעקדאָטן. און מיר זיינען שוין געגאַנגען מוטיקער און פריילעכער. דערציילן האָט יעדערער געמוזט.

נאָך יעדע אָפּגעגאַנגענע זיבן וויאָרסט האָבן מיר גע־האָט פינף מינוט רו. פאַרשטייט זיך, אַז פינף מינוט קלעקט אַפילו נישט אויף צו פאַרבינדן זיך גוט די שיך און זיך צורעכט מאַכן דעם טורניסטער.

אַזוי זיינען מיר געגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט. ביי־נאַכט אין שאָטן איז נאָך געווען צו דערליידן, בייטאָג אָבער האָט געסמאַליעט די זון און דער שטויב פון די טרוקענע זאַמדן האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער

דאַרשט. און אויב דאָס גיין בייגאַכט איז נאָך געווען דער־טרעגלעך, איז דערפאַר דער אָפּרו געווען נאָך ערגער ווי ביי־טאָג, ווייל אָפּרוענדיק זיך אויף עטלעכע מינוט פלעגט מען טיילמאָל פשוט אַנטשלאָפן ווערן.

איך בין שוין אינגאַנצן געבליבן הינטערשטעליק, נישט נאָר לגבי די מאַרשירנדיקע רייען, נאָר אויך אפילו לגבי דעם טאַבאָר, וואָס איז אונדז נאָכגעפאָרן פון הינטן. און דערזעענדיק אַ זעלנערל זיצן אויף דער לעצטער פור, האָב איך זיך אויף איר געוואָלט אַרויפכאַפּן.

דער פורמאַן, וואָס איז געזעסן פון פאָרנט, האָט נישט פּראָטעסטירט. נאָר דווקא מיין פּראָנט־„חבר", אַ קליין, מיזערנע זעלנערל, וועמענס ביקס איז געווען גרע־סער פון אים און וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַרליקל קעגן מיר, אויך נישט דעם גרויסן זעלנער־„אַסאַבע", האָט זיך מיט מיר גענומען באַרען, נישט וועלנדיק מיך, אַ ייד, אַרויפלאָזן אויף דער פור.

איך בין געוואָרן פאַרביסן און האָב פאַרטיידיקט מיינע גלייכע רעכט. איך האָב אים אַראָפּגעשלעפּט פון פור, און ערשט דאָ, אויף דער ערד, האָבן מיר זיך ביידע גענומען ראַנגלען מיט אָנלאָדן די ביקסן. קיין קוילן אין די ביקסן האָבן מיר ביידע נישט געהאַט, די אַמוניציע איז געווען אויף די פורן, נאָר יעדער איינער פון אונדז האָט זיך געמאַכט אָנלאָדן די ליידיקע שלעסלעך.

מיר האָבן זיך אַזוי געראַנגלט אַ לאַנגע צייט. דער־ווייל איז קיינער פון אונדז אויף דער פור נישט אַרויף, ביז דער נאַכטיקער שלאָף האָט אונדזביידן צעשיידט. נאָר אויב איך האָב נישט געוווּנען די גאַנצע שלאַכט, בין איך אַ שטיקל געווינער יאָ געווען, ווייל דאָס דאָזיקע מי־זערנע פּאַליאַקל (אָן וואָנסעס) איז שוין מער אויף דער פור נישט אַרויף.

מיר האָבן שוין געהאַלטן ביי אַ דאָרף פאַר כעלם, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערן אָפּרו. איך האָב זיך פאַרוקט אַביסל ווייטער, טיפער אין אַ ראָוו, כדי נישט געשטערט צו ווערן אין מיין רו.

בין איך אָבער דערפאַר אַנטשלאָפן געוואָרן און זיך אויפגעכאַפּט ערשט אינדערפרי, ווען דער גאַנצער שטח אַרום מיר איז שוין געווען אַ ליידיקער און מ'האָט שוין קיינעם נישט געזען. איך האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן, בין צוגעגאַנגען אין דאָרף, גענומען אַ פור און אַנגעיאָגט דעם „טאַבאָר".

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז אַנדערע פלעגן פשוט פאַלן אין מיטן וועג. האַלב־וואַך און האַלב־שלעפעריק האָט מען אין די נעכט מאַרשירט, בעסער געזאָגט, געקראָכן.

אין כעלם

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך ווידער געפינען אין כעלם, אין דער שטאָט פון מיין רעקרוטן־קורס, דאָס ערשטע מיליטערישע וויגעלע, ווו איך האָב דער־פילט דעם טעם פון אַ „גרינעם", פון אַ פופע, וואָס דאַרף זיך פאַרוואַנדלען, לויט אַ באַפעל, אין אַ שמעטערלינג...

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זייענדיק נאָך אין כעלם, האָב איך דאָרטן עפּעס איבערגעלאָזט ביי אַ יידישער פרוי. בין איך דעריבער צו איר געגאַנגען, עס אָפּגענומען און גלייך פאַרקויפט, כדי זיך נישט צו דאַרפן שלעפן מיט אַן איבעריקער משא.

דער פרייז, וואָס איך האָב באַקומען פאַר מיין פאַר־קויפטן חפץ, האָט שוין עדות געזאָגט וועגן דער לאַגע אין שטאָט. ס'איז דאָרטן געווען ממש אַ בהלה און אַ ווילדער כאַאָס. אַ דערדריקנדיקע דעפּרעסיע האָט באַהערשט אַלע בירגער.

די באַלשעוויקעס זיינען שוין געווען ווייטער, ווי מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט. זיי האָבן זיך גערוקט וואָס אַ טאָג ווייטער און זיינען שוין געשטאַנען הינטער כעלם.

איבער דער שטאָט זיינען אַרומגעלאָפן, ווי אָן אָטעם, פורן און אויטאָס מיט אַ ווילדן אימפעט, ווי איי־נער וואָלט וועלן איבעריאָגן דעם צווייטן. ס׳איז ממש נישט געווען מעגלעך אַריבערצושפּרייזן די גאַס.

דערהויפּט האָבן זיך די רייכערע געוואָלט וואָס גי־כער אָפּטראָגן פון שטאָט צוליב מורא פאַר אַ שלאַכט, און דער עיקר, פאַר די באַלשעוויקעס, די אָפּנעמער פון זייער פּריוואַט־אייגנטום. און אפשר האָט אויך אונדזער אָנקומען פאַרגרעסערט די מורא.

ביי דער „זביורקע״, וואָס מען האָט אין אָוונט ביי אונדז געמאַכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳פעלן (בלויז פון די מאַרשירנדיקע) ביי אַ צוואַנציק פּערזאָן. אונדזער פּאָרוטשניק איז געוואָרן מלא חימה און האָט אויסגע־שריגן מיט כעס: „גייט שוין אַלע צו די באַלשעוויקעס!״

מיר האָבן אָנגעהויבן ווייטער צו מאַרשירן. און הגם מיר האָבן זיך שוין געפילט אַביסל פרייער, איז אונדז אָבער שוין פאַרמיאוסט געוואָרן כסדר צו מאַרשירן, בפרט נאָך, ווען מיר האָבן נישט געוווּסט ווו מיר גייען.

נאָר ווער פרעגט עס קשיות און קלערט פון אַ ציל. מיר האָבן געוווּסט, אַז יעדער זעלנער איז נישט מער ווי אַ שרייפל אין מאַשין, און פאַלט ער אַרויס, צעפאַלט זיך די מאַשין, דאָס פאַטערלאַנד.

און ס׳האָט זיך טאַקע ביי אונדז שוין צעשפּילט די פּאַטריאָטישע אַמביציע. ווערט דען נישט אָנגערירט יעדע אינדיווידועלע זעלנערישע נשמה? אונדז טרייבן דאָך עפּעס

די „מאַסקאַליעס״, צו אונדז דירעקט צילן זיי דאָך מיט זייערע אויסגעשטרעקטע לופעס.

עס פעלט זיי דאָך נישט קיין ערד, די הערשער פון אַ זיבעטל וועלט, טאָ צו וואָס שטרייטן זיי ווייטער אָן אַן אָפּשטעל?

אַנדערע געדאַנקען האָבן אָבער גלייכצייטיק אָנגעהויבן אויפצובליצן אין מיין מוח, געדאַנקען פון יידישן חשבון...

וואָס טוט זיך איצט מיט מיין פאַמיליע? און ווי באַציען זיך די פּאָליאַקן צו זייערע יידישע מיטבירגער?

מיר זיינען ווייטער געגאַנגען מיטן שאָסיי קיין לובלין.

פּיוסק

מיר זיינען אָנגעקומען קיין פּיוסק, אַ קליין יידיש שטעטעלע צווישן כעלם און לובלין. אויך דאָ האָבן מיר געררוט הינטערן שטאָט אויף אַ נאַסער טאָרף־לאָנקע. מיר האָבן אָפּגעלייגט די טאָרניסטערס און אין איין ריי צעשטעלט די ביקסן אויף „קאָזלע בראָן״ (משופּעדיק איינע קעגן די אַנדערע).

אַ טייל פון אונדז זיינען זיך צעגאַנגען אין שטאָט אַריין, ווו מיר האָבן באַגעגנט יידן, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. איך האָב אויסגעזען זייער יונג, האָבן אַלע אויף מיר רחמנות געהאַט. און רחמנות האָבן אויף מיר געהאַט נישט נאָר יידן, נאָר אויך נישט־יידן. מ׳האָט מיר געטיילט חלות, אוגערקעס, פּרוכט, וואָס נאָר איינער האָט געהאַט.

די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַן אויסערסט שרעקלעכע, מ׳האָט מורא געהאַט פאַרן מינדעסטן שאָדן. צוליב אַ געשריי פון אַ שיכורן זעלנער

פלעגט גלייך דאָס גאַנצע שטעטל פאַרמאַכן די קראָמען. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער קללה פון דער „תוכחה" — „און איר וועט אַנטלויפן, כאָטש קיינער וועט אייך נישט נאָכיאָגן".

אַ טייל פון אונדזער קאָמפּאַניע האָט געבילדעט גרופּ־קעלעך פון עטלעכע זעלנער, וואָס פלעגן אַרומגיין איבער די יידישע הייזער מאַכן „רעוויזיעס". דערביי פלעגן זיי צונעמען וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט.

אַלץ איז ביי זיי געווען אַ קרן, אַפילו אַ שטיקל זייף, און אַנדערע קלייניקייטן אויך. צווישן די „רעוויזיע"־מאַכערס האָבן זיך אויך געפונען, צו אונדזער חרפה, יידישע „אַכאָטניקעס".

אונדזער „דאָוודצאַ" האָט פון די „רעוויזיעס" נישט געוווסט און קיינער האָט אים נישט דערציילט.

הגם אין אונדזער קאָמפּאַניע זיינען געווען אַ שפּאָר ביסל יידן, דאָך האָט קיינער נישט געוואַגט דערפון צו דערציילן אונדזער אָנפירער. פאַרקערט נאָך, אַנדערע פלעגן נאָך צושמייכלען צו די „רעוויזיאָניסטן" חניפהדיק.

איך האָב זיך געפונען אין אַ באמת פיינלעכער לאַגע. צוקוקן זיך גלייכגילטיק דערצו האָב איך נישט געקענט, און אַנגאַזשירן זיך אין אַ קאַמף מיט זיי איז מיר אויך געווען שווער, ווייל אַלע זיינען כמעט געווען אויף דער זייט פון די „רעוויזיע"־מאַכער.

נאָר איינמאָל האָב איך זיך פאָרט אָפּגערעכנט מיט עטלעכע אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס האָבן געוואָלט אויס־נוצן דעם שעת־חירום פאַר זיך און האָבן זיך געקוואַפּעט אויף יידישן פאַרמעגן.

אַדורכגייענדיק דורך אַ שוסטער־וואַרשטאַט, האָב איך באַמערקט ווי עטלעכע זעלנער מיט אַן איין־בענדלדיקן

בראש, זיינען אַריין צו אַ יידישן שוסטער און צוגענומען ביי אים אַ פּאָר שטיוול.

איך האָב איבערגעוואַרט ביז די אָנפאַלער זיינען אַוועק און בין אַריין צום שוסטער, וועלכער האָט זיך שוין מייאש געווען, אַז ער זאָל נאָך קענען אָפּקריגן צוריק זיינע שטיוול. כ'האָב אים אָבער געראָטן נישט מורא צו האָבן און אַוועקגיין צו אונדזער פּאָרוטשניק און אים דערציילן וועגן די צוגערויבטע שטיוול.

דער פּאָרוטשניק, דערוויסנדיק זיך דערפון, האָט גלייך צוגערופן צו זיך דעם „העלד", צוגענומען ביי אים די שטיוול און אַוועקגעגעבן צוריק דעם שוסטער. און נאָכ־דעם ווי ער האָט דעם אָנפאַלער באַזוכט און האָט ביי אים אין קעשענע געפונען נאָך עטלעכע צוגערויבטע קליינִיקייטן, האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט פּאָר אַלעמען אין די אויגן אַ פייערדיקן פּאַטש. דער „העלד" האָט שוין „פּאַרזאָגט אַ צענטן" זיך צו באַטייליקן נאָך אַמאָל אין די „רעווי־זיעס".

פון פּיוסק זיינען מיר געגאַנגען ווייטער, שוין אַביסל פריילעכער און מוטיקער. וויל ערשטנס, זיינען מיר גע־ווען אַביסל אויסגערוט, און צווייטנס, האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר דערנענטערן זיך צו לובלין, כאָטש ווי אַזוי די לאַגע וועט דאָרטן אויסזען האָבן מיר נישט געפּרוּווט טראַכטן.

אין לובלין

אָנקומענדיק קיין לובלין איז אונדזער ערב־רב קאָמ־פּאַניע געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט, און מיר האָבן זיך אויפּס־ניי געדאַרפט יעדער באַזונדער רעגיסטרירן אין פּ. ק. או.

אונדזער „דאָוודצאַ" איז נאָכן איבערגעבן אונדז אין

די הענט פון פּ. ק. או., פון אונדז אַוועק, און מיר זיינען שוין, ווי ניי־וועורבירטע, געבליבן אין פּ. ק. אוס רשות צו ווייטערדיקע דיספּאָזיציעס.

פונדעסטוועגן האָט זיך דער פּ. ק. או. גערעכנט מיט מיין פּראָנטאָוויקעשן סטאַזש און מיך באַשטימט אין די ערשטע טעג אַכטונג צו געבן, אַז אַלע עלטערע יאָרגענג, וואָס זיינען נישט לאַנג אַריינגעצויגן געוואָרן אין מיליטער, זאָלן פון פּ. ק.או. נישט אַרויסגיין. נישט אַזאַ געשמאַקער ביסן געווען.

צוליבן דערנענטערן זיך פונעם פראָנט, איז די מי־ליטערישע לאַגע דאָ נישט געווען קיין סטאַבילע. די באַ־שטימונגען זיינען געווען צייטווייליקע און אַלץ איז דאָ געווען פליסיק. און פון צוריקגיין צו אַ פעסטן פונקט, צו אַ „קאַדרע", האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

האָב איך דעריבער געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ווי אַ נאָמאַד. איך בין אָנגעקומען צוערשט אין אַן אַרבעטער־אָפּטיילונג, און אין עטלעכע וואָכן אַרום אין אַ שטאַבאָווער קאָמפּאַניע, ווו ס'איז מיר אויסגעקומען אויסצופירן פאַר־שיידענע פונקציעס, ווי: אַרבעט, וואַרטע א. א. וו.

די באַשפּייזונג איז דאַן געווען אַ גאַנץ גוטע. מען האָט אונדז געטיילט חלות אין דער וואָכן, אמתע אַמעריקאַנער חלות, אַ גוטן מיטאָג, גערויכערטן בעקאַן (חזיר), און צו צען שטיק פּאַפּיראָסן. דאָס אַלץ אין זכות פון אָנקל סעם...

אַ חוץ דעם האָבן מיר נאָך געהאַט אַ ריי קאָנטינעס, טיי־הייזער, זעלנער־היימען און פאַרשיידענע האַליעס, ווו ס'האָט געשוויבלט מיט זעלנער, ווי מוראַשקעס.

מיט איין וואָרט, מען האָט געוואָלט פאַרגרינגערן דעם זעלנערס לאַגע, און דער לאָזונג איז געווען: „מיטן פנים צום זעלנער, צום קעמפער־פראָנטאָוויק".

די אַנטשיידונג

אין לובלין זיינען צו יענער צייט געווען קאָנצענטרירט פאַרשידענע מיליטערישע כוחות. און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זי געווען אַ וויכטיקער איבערברוך־פונקט פאַר דער פוילישער אָפענסיווע.

די צייטונגען האָבן געבראַכט איין ידיעה טרויעריקער פון דער אַנדערער. מיט אַ לייכטקייט און בליציקער גע־שווינדקייט האָבן די „באַרוועסע", ווי מען האָט דאַן די באָלשעוויקעס גערופן, איינגענומען ביאַלאַ (ביאַלע־ פאָד־ליאַסקע), מעזריטש, שעדלעץ און ראַדזין. אַלץ איז שוין כמעט געווען אין זייערע הענט.

דער חודש יולי איז געווען פאַטאַל פאַרן ניי־אויפגע־קומענעם פוילן. זינט די סאָוויעטישע אַרמיי איז אַריבער די דווינע, איז זי כסדר געגאַנגען פאָרויס און האָט פאַרנומען איין פונקט נאָכן אַנדערן.

און נישט נאָר האָט פוילן פאַרלוירן אַלע אירע פריער דעראָבערטע פאָזיציעס, נאָר די רויטע אַרמיי האָט דורך איר קאָנטער־אָפענסיווע זיך אַריינגעשניטן אינעם סאַמע לייב פון קרוין־פוילן.

און דורכן פאַרסירן דעם בוג און פאַרנעמען איין פוילישע שטאָט נאָך דער אַנדערער, האָט זי זיך דערנענ־טערט צום סאַמע האַרץ פון פוילן, צו וואַרשע.

די פוילישע אַרמיי, ווי פריער די רוסישע, איז אָפּגע־גאַנגען אין בלוט. אירע רעזערוון זיינען געווען אויסגעשעפּט און דער קאַמפּס־גייסט פון אירע זעלנער געפאַלן. און די סאָוויעטן האָבן אויף אָט דעם פראָנט געוואָרפן זייערע בעסטע און גרעסטע כוחות. פערצן שיסער־דיוויזיעס און דריי רייטער־קאָרפּוסן זיינען געווען צו זייער רשות.

די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. דאָך האָט פוילן

די אָפּענונג נישט פֿאַרלוירן, און ס'לאַנד האָט געהאַפּט און געוואַרט אויף אַן איבערברוך.

אין גענעראַל־שטאַב זיינען פֿאָרגעקומען ערנסטע באַ־ראַטונגען, ווו ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגיין אין אַ קאָנטער־אַטאַקע. נאָר בנוגע דעם אופן פון אַדורכפירן די אַטאַקע זיינען די מיינונגען געווען צעטיילט.

דער שעף פון שטאַב, גענעראַל ראָזוואַדאָווסקי, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָנגרייפן דעם שונא דורך גאַר־וואָלין. דער קריגס־מיניסטער, גענעראַל סאָסנקאָווסקי, און דער ספּעציעל געקומענער פראַנצויזישער גענעראַל וויי־גאַן, האָבן געהאַט אַן אַנדער מיינונג.

נאָר דער הויפּט־קאָמאַנדיר, מאַרשאַל פּילסודסקי, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענעם פּלאַן, האָט, נאָך אַ שווערן געראַנגל מיט זיך אַליין, דעם זעקסטן אויגוסט 1920 באַפוילן: קאָנטער־אַטאַקירן ביים וויעפּש, מיטן צודעק פון לינקן פליגל ביי דעמבלין.

אויף דרום בינדן דעם שונא ביי לעמבערג און די נאַפט־געביטן. אויפן צפון ביי דער דייטשער גרענעץ. און דער צענטער גרייפט אָן ביים וויעפּש מזרחדיק פון לובלין.

דער פראָנט איז געוואָרן צעטיילט צווישן די גענע־ראַלן יוזעף האַלער (גענעראַל בראָני), רידז שמיגלי (שפּע־טער איבערגענומען פּילסודסקי אַליין), זעלינסקי, דאָוו־בור מושניצקי, וו. איוואַשקעוויטש, שעפּטיצקי (קאָמענ־דאַנט פון ליטוויש־ווייסרוסישן פראָנט), שיקאָרסקי (אַר־מיי־אָנפירער), א. א.

עס זיינען מאָבילזירט געוואָרן פרישע כוחות, איינ־געשטעלט צוויי ליניעס, צו וועלכע עס איז צוגעקומען די דריטע ליניע פון די פרייוויליקע דיוויזיעס. די אַרמיי איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט און, אין הסכם מיטן פּלאַן, אי־בערגרופּירט, און די אָפּענסיווע האָט זיך אָנגעהויבן.

✡

די פוילישע באַפעלקערונג איז געוואָרן אומרואיק מיטן גורל פון דערוואַכטן פוילן. מיט אַן אומגעהויערער שפּאַנונג און אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג האָט מען שוין געוואָלט וויסן דעם רעזולטאַט פון דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט ביי דער ווייסל.

וויביימער־וואָרצלען האָבן זיך געצויגן און געוויקלט דעם בירגערס נערוון, ביז זיי האָבן זיך פאַרקנוילט און פאַרקניפּט אַרום וואַרשע. דאָרטן, אין דער מעטראָפּאָליע, איז געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג פון אַלע פוילישע ריכטונגען, וואָס האָט ווי אַמאָל קראַקוס, געהאַט איין ציל: צו באַזיגן דעם איצטיקן רוסישן „סמאָק".

אין הינטערלאַנד, ווו עס געפינען זיך די פויערישע מאַסן, זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, ווערסיעס, געמישט מיט אומבאַשטימטקייט.

מיט שטומע פראַגע־צייכנס אויף די ליפּן האָט מען אָפּגעוואַרט דעם מאָרגנדיקן זון־אויפגאַנג און מיט דער הילף פון תפילה געלויערט אויף אַ ידיעהלע פון אייגענעם זון — קעמפער.

דאָך איז אונטער די פאַרשלאָסענע ליפּן געווען בטחון, גלויבן אין דער „הייליקער" טשענסטאָכאָווער „מאַטקאַ באָסקאַ", אַז זי וועט שיצן און העלפן דער קעמפנדיקער פוילישער אַרמיי.

איבערן פאַרשמאַכטן דאָרף זיינען אַרומגעגאַנגען „דזשאַדעס" און וואָרזאָגערס, וואָס האָבן פאָרויסגעזאָגט די באָלשעוויסטישע מפּלה. פון מויל צו מויל האָט מען דערציילט, אַז אין טשענסטאָכאָוו האָט מען געזען די „מאַטקאַ באָסקאַ" אַזוי פריילעך, און אַ שטימע האָט זיך „געהערט": „שרעקט זיך נישט, מיינע קינדער, די הילף איז נאָענט"...

די פוילישע אַרמיי האָט שוין געפירט איר אַנטשיידנ־

דיקע שלאַכט ביי וואַרשע. פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט פרייוויליקע. ס'איז געווען צו באַוווּנדערן דעם אויפגעפלאַמטן פּאַטריאָטיזם.

ווי לאַווע־שטראָמען האָבן זיך די מחנות געצויגן. עס האָבן זיך געגרינדעט די פרייוויליקע דיוויזיעס. איבער די גאַסן האָבן מאַרשירט זעלנערלעך פון דרייצן און פערצן יאָר, ביי וועלכע די ביקסן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט.

זיי האָבן געזונגען פּאַטריאָטישע לידער, וועלכע איך האָב ביז דאַן נישט געהערט. אין איינעם אַזאַ ליד, וואָס האָט דערמאָנט אינעם צאַר און אין גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן, האָט געדאַרפט זיין אַן אַלוזיע צום איצטיקן גענעראַל, קעגן זעלבן רוסלאַנד אונטער די סאָוויעטן, און וועמענס פערזן האָבן געקלונגען:

נישט אונטעריאָכן, אונדז אומברענגען וועלן
קיין אונטערדריקער, „מאַיאָרן", „סקאַלאָנען", —
נאָר מיט ליד, ליד־געשאַל און מיט
פאַרקלינגען, פאַרשאַלן וועט אונדזער זיג.

פאַר אונדזער פרייהייט, אונדזער רעכט
דעם רוף פון קאַמף אָ הער,
אין בלוטיקן, בלוטיקסטן געפעכט,
אַלע צום געווער, צום געווער!

איבער אַלע, אַלע גאַסן פון וואַרשע,
דורך צאַרישן קנוט, צאַרישן באַגנעט
גערונען, האָט גערונען אונדזער בלוט,
פאַר פרייהייט אונדזערע לעבנס געשטרעקט.

פאַר פרייהייט צום קאַמף
מיר וועלן גיין,
אין בלוטיקן, בלוטיקסטן געפעכט
פאַר אונדזער פרייהייט, אונדזער רעכט. *)

מחנות ציווילע זיינען געגאַנגען מיט העק, קירקעס און לאָפּאַטעס. דאָס זיינען זיי אַזוי געגאַנגען גראָבן אָקאָפּעס. צווישן די פרייוויליקע האָט מען געקענט זען פאַרשידענע קלאַסן און שטאַנדן. אַרבעטער, פויערים, אינטעליגענטן — אַלעמען האָט באַהערשט איין געפיל און איין גייסט האָט איבער זיי גערוט.

טראַגי־קאָמיש האָט אויסגעזען, ווי רייכע, שווערע מענטשן, מיט אַראָפּהענגענדיקע בייכער, האָבן נעבעך געטראָגן די קירקעס און אַנדערע גראָב־מכשירים צו די אָקאָפּעס.

אויב אין אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף איז פאַראַן שיינקייט, דערהויבנקייט, איז עס דער מאָמענט, ווען אַלע פאַראייניקן זיך צו אַ ריזיקער אָנשטרענגונג אין פולער אחדות. און נאָר אָט די אחדות איז געווען דער סוד פונעם „נסביים ווייסל״.

ווייל פוילן האָט געפירט איר לעצטן קאַמף מיט פאַראייניקטע און געמיינזאַמע כוחות, ווי אונדזערע אורעלטערן פלעגן זיך אַלע צונויפנעמען, ווען זיי האָבן געדאַרפט באַקעמפן אַ געפערלעכע חיה, אָדער אַ געמיינזאַמען פיינט.

☆

דעם 8־טן אויגוסט האָט מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרסירן די ווייסל. און ווירקלעך, דעם 13־טן אויגוסט האָבן די סאָוויעטישע חיילות

*) אויפגענומען פון הערן און פריי איבערגעזעצט דורכן מחבר.

אַנגעהויבן צו אַטאַקירן די פאַרשטאָט פון וואַרשע, און דעם 14־טן האָבן זיי זיך געגרייט צו אַטאַקירן וואַרשע. נאָר דעם 12־טן אויגוסט איז פּילסודסקי אַרויסגעפאָרן אויפן פראָנט, ווו ער האָט געצונדן די זעלנערישע הערצער און זיי באַגייסטערט צום קאַמף.

זיינען טאַקע די טעג צווישן 12־טן און 15־טן אויגוסט פאַר פוילן געווען דעצידירנדיקע טעג. די שלאַכטן, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען צווישן ביידע אַרמייען, זיינען געווען מוראדיקע.

די אָנגעפילטע פוילישע דיוויזיעס האָבן צוריקגעקראָגן זייער מאָראַל און קאַמפס־גייסט. און די פאַרטיידיקער פון וואַרשע האָבן געקעמפט ווי די לייבן פאַר יעדן שפּאַן פוילישער ערד.

די פאַרלוסטן זיינען געווען גרויסע. פולקן האָבן פאַר־לוירן צוויי דריטל פון זייער באַשטאַנד, און פון קאָמפּאַ־ניעס, וואָס זיינען אַנטקעגן־געגאַנגען דעם שונא אויף באַ־גנעטן, זיינען געבליבן בלויז קליינע רעשטלעך. נאָר נישט נאָר האָבן זיך די פוילישע קעמפער נישט אונטערגעגעבן, נאָר זיי האָבן זיך באַלד גענומען רוקן פאָרויס.

און אַזוי זיינען שוין דעם 15־טן אויגוסט אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן זיגן הינטער נאָוואָמיאַסטאָ און ראַדזימין. און דעם 18־טן דעם זעלבן חודש האָט די פוילישע אַרמיי שוין פאַרנומען דראָגיטשין, סאָקאָלאָוו, ווענגראָוו, אַדאַנק וואָס די סאָוויעטן האָבן זיך געמוזט צוריקציען פון הינטערן בריק ביי וואַרשע.

דעם 19־טן אויגוסט האָט מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי צוריקגעטראָטן און דעם 20־טן איז שוין דאָס סאָוויעטישע מיליטער געווען גענצלעך צעקלאַפּט און נישט מער קאַמפּס־פעאיק.

די פוילישע אַרמיי איז שוין געגאַנגען פון זיג צו זיג. זי האָט אָפּגערייניקט קרוין־פוילן און האָט אַן גרויסע שווערקייטן מאַרשירט אויף די קרעסן, ביז זי האָט דעם 12־טן אָקטאָבער 1920 צוריקגענומען מאָלאָדעטשנע און דער שלום מיט די באָלשעוויקעס איז אין דעם חודש געוואָרן אונטערגעשריבן (דעם 20־טן אָקטאָבער, אין ריגע).

☆

איך בין אָנגעקומען דערנאָך, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים, אין אַן אָפּטיילונג פון זאַפּאַסאָווע פערד. אין דער אָפּטיילונג האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין געבערענטע צרות.

צווישן אונדז זיינען געווען פרומע יידישע יינגלעך, וואָס האָבן ביי פערד אַפילו נישט געקענט מבחין זיין בין זכר לנקבה, און זיי האָבן עס געדאַרפט האָדעווען, פוצן, רייניקן, אָנטרינקען און אַרומגיין אַרום זיי. און זיי האָבן נאָך אויסער דעם געדאַרפט רייניקן די שטאַלן און היטן ביינאַכט די פערד.

און אין געיעג פון פראָנט נאָך פערדישער סחורה, — איז עס פאַר אונדז געווען אַן אמתע עבודת־פרך. און נישט איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען צו טרינקען קאַווע שוין מיטן מיטאָג אינאיינעם, ווייל ביז די שטאַלן זיינען נישט געווען גוט ריין, האָט מען קיין קאַווע נישט געגעבן. אַן אמתער „שעבוד של מצרים”.

אונדזער „בעל־הבית”, אַ טעמפּער „וואַכמישטש”, איז געווען אַ גרויזאַמער מענטש. און אונדזערע אינסטרוקטאָרן זיינען, אַ חוץ אין פערד־זאַכן, געווען ווילדע עם־הארצים, אַפילו אין אינפאַנטעריע־איבונגען.

ס'איז שוין געווען נאָכן האַניק־חודש. קיין חלות האָט מען שוין נישט געגעבן. דער איינציקער זֵכר פון די גוטע

ציַיטן, וואָס איז נאָך געבליבן, איז געווען דאָס געבן ווורשט צום ברויט.

צווישן אונדזערע „זאַפּאַסניקעס" איז געווען איינער, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין ביקס אין האַנט. צי ער איז געווען אַן אמתער אידעאַליסט־סעקטאַנט, צי אַ געמאַכטער, כדי אַרויסצודרייען זיך פון דינסט, און דער עיקר פון פראָנט, ווייס איך נישט. ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, און קיין „כבוד" האָט מען אים, פאַרשטייט זיך, נישט געזשאַלעוועט.

צווישן אונדזערע פערד־ציכטער האָט זיך אויך גע־פונען אַ מעזריטשער בחור, אַ פרומען בעקערס אַ זון. לויטן אויסזען, אַן אמתע „אַפּערמע". אַ הויכער, אַ דאַ־רער מיט אַרויסשטאַרצנדיקע שוואַרצע אויגן און איינ־געפאַלענע באַקן, אַ מויל מיט יאַסלע־לעכער אָנשטאָט ציין, און דאָס פּנים לענגלעך אויסגעצויגן.

אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיין לעבן קיין פערד נישט אָנגערירט, וואָס ציטערט פאַרן אייגענעם שאָטן און וואָס קען אין אַ נויט דעם אייגענעם פּחד נישט אויס־באַהאַלטן...

אין איינעם אַ טאָג, ווען די זון האָט זיך שוין אָנגע־הויבן אַראָפּלאָזן צום מערב, האָט מען אַרויסגעפירט פון די שטאַלן די פערד צום אָנטרינקען.

אויפן פּלאַץ איז געשטאַנען דער „וואַכמישטש", צו־קוקנדיק זיך צו דער עבודה. דערזעענדיק זיין „ליבלינג", דעם מעזריטשער, וועלכער האָט צאַפּלענדיק אַרויסגעפירט צוויי פערד, האָט אים דער „וואַכמישטש" באַפוילן אַרויס־צופירן נאָך צוויי פערד, און אָננעמען זיי ביים ציימל. דער מעזריטשער האָט אַזוי געטאָן.

די פערד האָבן אָבער, משמעות, דערפילט אין זייער פירער אַן אומבאַהאָלפנקייט און שרעק און האָבן דעריבער

קיין חשק נישט געהאַט מיט אים מיטצוגיין, באַווייזנדיק נאָך דערצו פאַרשידענע „קונצן", ווי שטעלן זיך אויף צוויי פיס, וואַרפן מיט די קעפּ, א. א. וו.

אַז דער בחור האָט פאַר שרעק אָנגעהויבן צו מאַכן „יעלות", האָט אים דער „וואַכמישטש" אַרויפגעזעצט אויף איינעם פון די פערד, מכבד געווען דעם לעצטן מיט אַ פּאָר שמיץ פון זיין גראָבן ראַפּניק, און די פערד האָבן אָנגעהויבן צו גאַלאָפּירן מיט אימפּעט צום טייך, מיט־שלעפּנדיק מיט זיך דעם „רייטער", וועלכער האָט געהאַלטן אין איין שרייען גוואַלד...

ס'איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף, ווי אויף אַ בייז וווּנ־דער. אַלע אַרומיקע האָבן געקייכט פון געלעכטער, און די פּאָליאַקן האָבן, טראָץ דעם הינטערן־פלייצעדיקן פּראָנט, זיך געבאַוויעט פון דער יידישער „פאָרשטעלונג". און דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך, נישט ווילנדיק, זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון „לאַכן מיט יאַשטשערקעס"...

ערשט אַז די פערד האָבן דעם „רייטער", זייענדיק שוין אין טייך, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, און דער מעזריטשער האָט זיך אָנגעהויבן צו טרינקען, האָבן אים די איבעריקע זעלנער אַרויסגענומען פון דאָרטן און אים צוריק איבער־געגעבן די פערד.

✡

איך בין דאָ לאַנג נישט געבליבן. אויף מיין מזל בין איך דערנאָך איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, אויך אַ פערדישע, אָבער ווו איך בין שוין געווען אַליין אַ שטיקל בעל־הבית. אַ בעל־הבית פון אַן אייגענעם פערד און וואָגן, אַפילו פון צוויי פערד, און איך בין געוואָרן אַ גאַנצער פורמאַן.

איך האָב אַפּילו געהאַט אַן אַלטן כעס אויף פערד, ווייל שפּילנדיק זיך מיט אַ פערד נאָך קינדווייז, האָט זיך מיר פאַרגלוסט אים ווייזן, אַז איך בין שטאַרקער, און האָב אים דעריבער געצויגן ביים ווידל. דאָס פערד האָט זיך אָבער נישט געלאָזט און עס האָט מיר געוויזן ווער עלטער איז — ער האָט מיך אַ „גלעט" געטאָן מיט זיין הינטערשטן פוס, אַז כ'האָב דערזען פאַר די אויגן „די באָבע פון יענער וועלט", און נאָר על פּי נס בין איך געבליבן לעבן.

פונדעסטוועגן האָב איך אָבער אַצינד שלום געמאַכט מיט מיין אַלטן „שונא" און זיך אַביסל צו אים צוגעוווינט. די דיסציפּלין איז שוין פאַר מיר נישט געווען אַזאַ שטאַר־קע. פטור געוואָרן פון יענעם וואַכמישטש, בין איך שוין אַצינד געווען אַ פרייער מענטש (אויף וויפל מען קען זיין פריי אין דער אַרמיי). די גאַנצע אַרבעט מיינע איז באַ־שטאַנען אין ברענגען פּראָוויאַנט און זאָרגן וועגן אַנדערע מיליטערישע הצטרכותן.

עס זיינען ווידער אָנגעקומען די יידישע יום־טובים, וואָס זיינען פאַרן יידישן זעלנער ווי אַן אָאַזיס אינעם טרוקענעם און וויסטן מדבר. מיינע פּראָוויזאָרישע באַשטי־מונגען האָבן זיך געענדיקט און מיט זיי אויך די מלחמה מיט די באָלשעוויקעס.

מ'האָט מיך אָפּגעשיקט אין פּ. ק. או., ווו מען האָט מיך אָנגעהויבן אויפסניי אַלץ אויסצופרעגן און צונויפ־שטעלן אַ נייע עווידענציע, ווי איך וואָלט אַצינד געווען אַ פרישער רעקרוט. מ'האָט מיך צוגעטיילט צום 35־טן פּיע־כאָטע פּולק אין ביאַלאַ־ביעלסק.

קאַפּיטל זעקס

אין ביאַלאַ־ביעלסק — יום־כיפור — סוכות — אין אַנדערע קאַשאַרן — דער אַרויספאָר קיין קאָזשעניץ

אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין לובלין זיי־נען, ווייזט אויס, פאַרגעקומען וויכטיקע געשעענישן. איך בין געווען אָפּגעריסן פון ציווילן לעבן און, ווי אַ זעלנער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פעסטן מיליטערישן אָרט, — אויך פון די נייעס פון טאָג. און דערווייל זיינען די געשעע־נישן געלאָפן.

די פוילישע אַרמיי האָט נישט נאָר באַזיגט די באָל־שעוויקעס הינטער וואַרשע און פון זיי צוריקגענומען אַלע פאַרנומענע פונקטן, נאָר זי האָט אויך אַרום אירע אַנדערע גרענעצן דעראָבערט נייע פונקטן.

און איינער פון די ניי־דעראָבערטע פונקטן, וווּהין איך האָב געדאַרפט פאָרן, איז געווען ביאַלאַ־ביעלסק (ביאַלאַ־ביעליץ), טשעכיש־שלעזיע (פריער אונטער עסטרייך).

פון פטור ווערן פון מיין כאַאָטישן מיליטערישן לעבן אין לובלין און דאָס אַרויספאָרן אין אַ נאָרמאַל־סטאַציאָ־נירנדיקן פולק, בפרט אין אַזאַ פאַר מיר ניי, אומבאַקאַנט אָרט, בין איך געווען צופרידן.

ס'איז, ראשית, געווען אַ סימן פון סטאַביליזאַציע און שלום. און ס'האָט אויך, ווי תמיד, דאָס ניי פאַר מיר באַ־שטימטע אָרט גערייצט מיין נייגעריקייט, נישט אָפּגעבנדיק זיך פריער קיין חשבון ווי די לאַגע וועט דאָרט אויס־זען.

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן מיט אַ משא־צוג קיין ביאַלאַ־ביעלסק. פאַר יום־כיפור זיינען מיר אָנגעקומען קיין ביאַלאַ. גייענדיק מיט דער „עסקאָרטע" איבערן שטאָט, האָבן זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן די שיינע גאַסן און די

פאַרפוצטע, מיט בלומען פאַרזייטע מאַרק־פּלעצער, וואָס מיר זיינען נישט געוווינט געווען צו זען אין קרוין־פּוילן. ס'האָט זיך דאָ געלאָזט דערקענען אַ סיסטעמאַטישע אָר־דענונג.

אונדזערע קאַשאַרן — אויב מען קען עס אַזוי אָנ־רופן — האָבן זיך געפונען אין אַ דייטשער פּאַלקס־שו־לע. כאָטש מיר האָבן דאָ קיין נאַרעס און קיין שעניקעס נישט געהאַט, זיינען מיר מיט אונדזער נייער דירה, בפרט אין אָנהויב, געווען צופרידן. זי איז, ערשטנס, געווען נאָענט צו דער שטאָט, און אויך ווייל, אַ חוצן שלאָפן, איז דאָרטן געווען באַקוועם.

ביאַלאַ־ביעלסק איז כמעט איין שטאָט, נאָר צווישן איינער און דער אַנדערער שניידט אַדורך אַ קליין טייכל, און די בריק איז די פּאַקטישע גרענעץ צווישן די ביידע שטעט. ביאַלאַ האָט געהערט צו גאַליציע און ביעלסק צו טשעכיע, ביידע אין די הענט פון די עסטרייכער.

ביעלסק איז אַ שיינע האַנדלס־שטאָט. הגם נישט זייער קיין גרויסע, שניידן זיך אַדורך אירע גאַסן, ביז אַרויף צו קיין ביאַלאַ, טראַמווייען.

ביאַלאַ, דאַקעגן, איז אַ פאַבריקס־שטאָט, דערהויפּט פון מאַנופאַקטור, און איר סחורה שמט ווי איינע פון די בעסטע.

די יידישע באַפעלקערונג פון אָט די ביידע שטעט איז גייסטיק נישט שוה־בשוה און זיי האָבן זיך זייערע באַזונ־דערע קולטור־רעליגיעזע אַנשטאַלטן.

ביעלסק שטאָלצירט מיט איר הויכן קופּאָל־מגן־דוד, וואָס שטאַרצט אַרויס פון דער סינאַגאָגע אויף דער טעמפּל־שטראַסע. אין דער שול גופא בלאָזט פון דער גאַנצער אָט־מאָספער מיט אַן אייז־קאַלטן ווינט.

די שעפּטשענדיקע שטילקייט פון די מתפּללים, וואָס דאַווענען פון סידורים מיט אַ דייטשן טעקסט, און דער געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון דער הויך, מאַכן אויף דיר, אַ חסידיש אָפּשטאַמיקן פוילישן ייד, דעם איינדרוק, ווי דו וואָלסט זיך געפונען אין אַ קירכע.

אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט פון דער שול איז ביאַלעס גרויסער בית־המדרש, דאָס אָרט פון די ביאַלער פרומע גאַליציאַנער יידן. דאָרטן פילסטו זיך ווי אין אַ שטעטלדיקן בית המדרש, נישט מער וואָס דאָ איז, נישט דער ערד, ריינער.

יידן זיינען דאָ ביי אַ זעקס הונדערט פּערזאָן; כמעט אַלע סוחרים און אינדוסטריעלער, אַלע פאַרמעגלעכע. זיי אונטערשיידן זיך פון די פוילישע יידן מיט זייערע גע־קרייזלטע פּיאות און רבנישע קאַפּעליושן, וועלכע צייכענען זיך אָבער אויס מיט אַ באַזונדער ציכטיקייט.

☆

הינטער די קאַשאַרן, אויפן איבונג־פּלאַץ, האָבן מיר דאָ ווידער איבערגעחזרט דעם גאַנצן רעקרוטישן קורס, אַ מין משנה־תורה. אויך דאָ איז דער געיעג געווען אַ טייוו־לאָנישער. אונדזער הויפּט־אינסטרוקטאָר האָט זיך געהאַלטן ביים זעלבן סיסטעם ווי אין כעלם.

געשלאָפן זיינען מיר אויף דער הולער פּאָדלאָגע, אָן דעקעס אַפילו, נאָר צוגעדעקט זיך מיט די שינעלן, ווער ס'האָט אַזעלכן געהאַט. עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן די ערשטע צייט קיין שינעלן נישט געהאַט, האָבן זיי זיך צוגעדעקט מיט די מאַרינאַרקעס, פאַרמערנדיק אַזוי אַרום די נאַכט־ווערים...

אַ צרה האָבן מיר אויך געהאַט מיטן מיטאָג, ווייל צוליב דעם, וואָס דער גאַנצער באַאַן האָט גענומען עסן

פון איין קיך, איז אונדז אויסגעקומען אָפּטמאָל צו וואַרטן אין דער ריי ביי אַ האַלבער שעה, וואָס האָט אונדז אַזוי אַרום שוין געפעלט צו אונדזער רו־צייט.

קיין גרויס נחת האָב איך פון זיי דאָ ניט געהאַט. טראָץ דער נאָענטקייט פון די קאַשאַרן און דער שמחה מיט דער שטאָט, האָט זיך אָבער איבערגעחזרט דאָס מיליטערישע לעבן ווי אין כעלם. און פאַר אַן אַלטן זעלנער, בפרט אַ צוריקגעקומענעם פון פראָנט, האָט זיך שוין אַזאַ דיסציפּלין און שטרענגקייט ניט געפּאַסט. און אַוודאי נישט צו שלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע.

האָב איך שוין מוחל געווען די שיינע שטאָט און געוואָלט פּטור ווערן אויך פון דעם פּלאַץ. נאָר דערוויייל האָב איך אויסגעקוקט אויף עפּעס אַ שטיקל יום־טוב אָפּצורוען זיך. און דער יום־טוב איז געקומען.

יום־כיפּור, סוכות

יום־כיפּור האָט מען אונדז, יידישע זעלנער, אָפּגעלאָזן אין שטאָט. כל־נדרי האָבן מיר געזאָגט אין ביאַלער בית־המדרש, און שלאָפן זיינען מיר צוריקגעגאַנגען אין די קאַשאַרן. אויף מאָרגן האָבן מיר ווידער באַקומען אַ „פּשעפּוסטקע".

די יידישע באַפעלקערונג האָט אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען. און דאָס אויף אַ זייער מאָדערנעם אופן. מוצאי יום־כיפּור, גלייך נאָכן דאַוונען, האָט אונדז אַ יידישער סערזשאַנט צוזאַמען מיט אַ יידישן ציווילן יונגנמאַן אָפּגעפירט אין אַ יידישן גאַסט־הויז, וווּ עס זיינען שוין פאַר אונדז געווען אויסגעשטעלט מאכלים „כיד המלך". נאָכן עסן האָט מען אונדז אַפילו געגעבן צו פאַרטרינקען בייעריש ביר. און די אַטמאָספערע איז געווען אַן אייגענע, אַ היימישע.

אויך סוכות זיינען מיר געווען באַפרייט די ערשטע און די לעצטע טעג. שמחת־תורה האָבן מיר פריילעך פאַרבראַכט אין ביאַלער בית־המדרש, ווו מיר האָבן באַוואונדערט די פרומע באַגייסטערונג פון די גאַליציאַנער בעת די הקפות. זיי האָבן זיך אַזוי צעטאַנצט, אַריין אין אַזאַ קערפּערלעך־גייסטיקער פאַרגעסנקייט, אַז ווען מען האָט ביי איינעם פון קאָפּ אַראָפּגענומען דאָס שטריימל, האָט ער דאָס ערשט דערפילט אין אַ שעה אַרום.

אָפּזייענדיק דאָ עטלעכע וואָכן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן אונדזער אַרויספאָר קיין קאָזשעניץ, ווו ס׳האָט זיך געפונען די קאַדרע פונעם 35־טן פּיעכאָטע פּולק. נאָר אויב דאָס האָט זיך דערווייל נישט באַשטעטיקט, איז עפּעס דערפון יאָ אַרויסגעקומען — מיר האָבן זיך דערווייל איבערגעקליבן אין אַ נייער דירה.

אין אַנדערע קאָשאַרן

פון ביעלסק זיינען מיר אַריבער אין די ביאַלער קאָשאַרן. אייגנטלעך נישט קיין קאָשאַרן, נאָר סטאַיניעס, געמויערטע פערדישע שטאַלן, געמאַכט אַפילו מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר פערד, אָבער פאַרט נישט פאַר קיין מענטשן, אַפילו סאָלדאַטן...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פרעסט. אויפן איבונג־פּלאַץ איז שוין געווען ווייטלעך צו גיין, און קערמענדיק פון דאָרטן אָנגעפרוירענע און פאַרמאַטערטע, האָבן מיר געמוזט אַרומשפּאַצירן איבער די פערדישע סאַליעס, אָן די מאַנטלען און היטלען, „כי המקום קדוש הוא"...

הגם נאַרעס זיינען אַפילו דאָרטן געווען, פלעגן מיר פונדעסטוועגן בייגאַכט צופרירן צוזאַמען מיט די אונטעראָפיצירן. איין שטיקל האָפענונג איז אָבער פאַרבליבן, אַז

אינגיכן וועלן מיר שוין אַרויספאָרן קיין קאָזשעניץ, כאָטש נישט איינמאָל האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט אין אַזעלכע האָפענונגען זיך צו אַנטוישן.

מבין שבת לשבת פלעגן מיר זיך אַביסל אָפּרוען. שבת פלעגן מיר גיין אין מרחץ, און זונטיק איז דאָך סתם יום־טוב. פלעגן מיר זיך טאָקע אין די צוויי טעג אַביסל אָפּכאַפּן דאָס האַרץ, און דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ שטיקל גליק.

דער אַרויספאָר קיין קאָזשעניץ

די צייט האָט זיך גערוקט. דעם לעצטן שבת פאַרן אַרויספאָרן קיין קאָזשעניץ איז אָנגעקומען אַ באַפעל צו באַפרייען דעם 96־טן יאַרגאַנג. דערפאַר האָבן מיר, אָנשטאָט „טשוויטשעניעס״ ביז עלף פרי, געמאַכט אַ ספּאַציר־אויס־פלוג אין ציגיינער־וואַלד, ביי אַ דענקמאָל קעגן שפּיגל פון די קאַרפּאַטן.

מיר זיינען אַריין אין אַ געדיכטן שוואַרצן וואַלד, וווּ ביים עק האָט געשטראָמט אַ טייכל. דורך אַ געשלענגלטן וועג זיינען מיר געגאַנגען באַרג־אַרויף אויף אַ סקאַלע־באַדן. פאַר מיר איז עס נישט געווען קיין אָנגענעמער שפּאַציר. איך בין געקראָכן אויף אַלע פיר, און דאָס אויך מיט סכנות נפשות. און הגם ס׳איז געווען אַ נישקשהדיקער פראָסט, בין איך פונדעסטוועגן אָפּגעגאַנגען מיט שווייס.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אויפן געוווּנטשענעם אָרט. דער פּאָרוטשניק האָט אונדז איראָניש געפרעגט וועמען ס׳איז קאַלט. מיר האָבן, לשם פייערלעכקייט, צע־לייגט אַ פייער. אונדזער „דאָוודצא״ האָט אונדז דערציילט דעם צוועק פון מאַרש און געהאַלטן דערביי אַ גאַנצן „ווי־קלאַד״ (רעפעראַט).

אויף אָט דעם אָרט איז געשטאַנען אַ שטיין אין פאָרם פון אַ מצבה, אויף וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ דייטשע אויפשריפט: „דאַ רוט דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט ב., וואָס איז געפאַלן דורך מערדערישע הענט. ערע זיין אַנדענק!"

איך האָב זיך אַרויפגעשטעלט אויפן בערגל, באַטראַכט די שפּיצן פון די בעסקידן־בערג, וואָס געפינען זיך צופוסנס פון די קאַרפּאַטן. אַ שיין, פּרעכטיק בילד אַנטפּלעקט זיך פאַר דיינע אויגן.

אין מיטן — אַ שוואַרצער קופּאַל, אַרומגערינגלט מיט נאָך אַזעלכע בערג־קופּאַלן, וועלכע זיינען ווי באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר. זייער שוואַרצקייט גלאַנצט אַרויס פון אַ העלער זון־ליכטיקייט, און די פּראַסטיקע זון־שטראַלן זעען אויס, ווי ריזיקע ווייסע ציין אין מויל פון אַ שוואַרץ־גלאַנציקן נעגער...

נאָכן אָפּרוען זיך זיינען מיר צוריקגעגאַנגען. דער צו־ריקמאַרש איז געווען געפערלעך. מ'האָט זיך געמוזט איינ־בייסן מיט די פיס אין באָדן און גיין פּאַמעלעך, אַנישט האָט מען, ווי דער שעיר לעזאזל, געקענט זיך אַראָפּגליטשן און צעברעכן דאָס ביסל ביינער. בדיעבד אָבער בין איך געווען צופרידן פונעם שפּאַציר.

פונדעסטוועגן איז טראָץ דעם „יומא דפגרא" און דאָס ביסל שטימונג, וואָס אונדזער „דאָוודצאַ", פּאָרוטשניק כמיעליעווסקי, האָט אַרויסגעוויזן אינעם וואַלד, אַלץ פאַר־שווונדן, ווי נאָר מיר זיינען אַרויס אויפן שאָסיי.

דאָ, אויפן שאָסיי, האָט זיך דער אוממענטשלעכער אָפיציר צוריק געפונען אין זיין הויט. ער האָט קאָמאַנ־דעוועט מיט זיינע אונטערגעאָרדנטע, ווי מיט ווילדע חיות. פאַרן קלענסטן אָפּנויג אינעם מאַרש האָט ער באַפוילן

אַרויסצונעמען דעם אויסגעמאַטערטן זעלנער פון דער ריי און אים געבן „פּאַדני־פּאָווסטאַן", אָדער „זשאַבקי סקאָק". ער איז געווען דער אוממענטשלעכסטער אָפיציר, וואָס איך האָב אין מיין מיליטערישן לעבן באַגעגנט.

צום גליק זיינען מיר באַלד פּטור געוואָרן פון אים, ווייל אין עטלעכע טעג אַרום זיינען מיר אַרויסגעפאָרן קיין קאָזשעניץ.

קאַפּיטל זיבן

אין קאָזשעניץ — דאָס מיליטערישע לעבן

אונדזערע קאָשאַרן אין קאָזשעניץ זיינען געווען היל־צערנע, גאָר ווייט פון שטאָט. ביזן איינאָרדענען זיך זיינען מיר געווען אַביסל פריי. דער יום־טוב האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. ער האָט זיך באַלד געענדיקט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פעלד־„טשוויטשעניעס".

דער באַטאַליאָן־„דאָוודצאַ" איז אַפילו געווען אַ גוטער מענטש, פון דער קאָמפּאַניע אָבער — זיין קאָנטראַסט. האָט עמיצער געקראָגן „קאַרנע טשוויטשעניעס", האָט ער זיך שוין געדאַרפט פאַרשעלטן דעם טאָג פון זיין געבוירן.

יעדן דריטן טאָג האָבן מיר געהאַט „וואַרטע".

דער סדר פון שבת איז דאָ שוין געווען אַביסל אַנ־דערש. אינדערפרי — איבונגען, בייטאָג — קאָשאַרן־ריי־ניקונג.

זונטיק פלעגט מען גיין אין קירכע. דערביי האָט אונדזער „דאָוודצאַ" דווקא פאַרלאַנגט, אַז די יידישע זעל־נער זאָלן אויך גיין אין קירכע, וואָס עס האָט זיך ביז דאַן קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט. אָפטמאָל פלעגן מיר, יידן,

זיך אַרויסדרייען דערפון, זייענדיק שוין האַרט ביים קלויס־טער. נישט שטענדיק אָבער איז עס געלונגען.

עס איז געקומען אַ זונטיק. ביים קלויסטער האָב איך בשום אופן נישט געקענט נעלם ווערן. מ'האָט מיך כמעט אַריינגעשטופּט אינעווייניק. אין „פּאָליש" ביי דער טיר איז געהאָנגען אַ גרויסער „קרוציפיקס", כמעט אין נאַ־טירלעכן גרויס און קאָליר. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט ליידן, אייגענע פּאַרקערפּערטע און פאַר דער מענטשהייט... אַלע אַריינגעקומענע האָבן אים געקושט, ווי אַ ייד, להבדיל, די מזוזה.

אינעווייניק האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די תפילות. אי־בער די ווענט פון דער קירכע זיינען געהאָנגען בילדער פון פאַרשידענע „הייליקע", אַ גאַנצע כאָפּטע „הייליקע".

פון „אָלטאַזש" האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. מען איז געפאַלן אויף די קני, דממה־דקהדיק געשעפּטשעט, טיף ערנסט, אַ געבעט. איך האָב נישט געקניט. פון הינטן האָט מיך אַ יונגע קריסטין אַ שלעפּ געטאָן איך זאָל קניען. אגב, האָט מיך שפּעטער די זעלבע קריסטין (נאָך די תפי־לות) אַ צי געטאָן צו עפּעס אַנדערש... איך האָב זיך אַרומ־געקוקט און אַ פאַרדרוס האָט מיך באַהערשט, זעענדיק ווי עטלעכע יידן, וואָס זיינען מיט מיר געקומען, קניען־מיט. „אָט, פּחדנישע קנעכט" — האָב איך געוואָלט אויס־שרייען.

האַרט עקשנותדיק בין איך געבליבן שטיין, ווי אַ זייל. מיין מוח האָט זיך פאַרגאַפט אין אַ מחשבותדיקן פאַרגלייך פון יידישער און קריסטלעכער טעאָלאָגיע. די אידייע פון מקריב זיין זיך פאַר דער דערלייזונג פון דער מענטשהייט איז דערהויבן און שיין. נאָר ווו איז די דער־לייזטע מענטשהייט ? אפשר די מענטשהייט, וואָס מאָרדעט זיך קעגנזייטיק און גייט אָפּ אין בלוט ?

און ווידער, אַ הילפלאָזער, געפּייניקטער גאָט, גאָט, גאָט־זון, מענטשן־זון, יאָ אַ בתולה, נישט קיין בתולה, יאָ אַ טאַטע, נישט קיין טאַטע, אַ גאָט, וואָס האָט פון גאָר־נישט באַשאַפן די וועלט, מוז אָנקומען צו אַן אשה, כדי צו האָבן אַ זון. אָט דאָס איז עפּעס שכלדיק דערווידער. ס'איז אַ זינלאָזער, נאַרישער געפּלאָנטער. שוין בעסער אַ סודותפולער, אומגעזעענער גאָט.

קוקנדיק אויף דער יעזוס־פיגור, איז פאַר מיר גע־שטאַנען דאָס בילד פונעם עגל, אַ גשמיותדיק עגל, און דער ערב־רב, וואָס שרייט: אלה אלהיך ישראל" (דאָס איז דיין גאָט, ישראל)... יאָ, פאַראַן צייטן, ווען דעם שפּילעוו־דיקן מענטשן־קינד פאַרגלוסט זיך אַן אָנטאַפּעוודיקער ליאַלקע־גאָט. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין געדאַנקען־דרימל ביים לעצטן אויסגעשריי „אָמען", דאָס איינציקע וואָרט, וואָס איך האָב פאַרשטאַנען זיין מיין.

עטלעכע וואַסער־טראָפּנס פון דעם „הייליקן" וואַסער פונעם גלח זיינען אויף מיר געפאַלן. איך האָב זיך אין מיין נאָך פרומער געוווינהייט, אויף גיך פון דעם אָפּגעטרייסלט, ווי פטור ווערנדיק פון אַן איבעריקן איבל.

דאָס מיליטערישע לעבן

צום שטאָט איז געווען נאָענט. פלעגן מיר זיך טאָקע אַראָפּכאַפּן אַהין אַ שבת אינדערפרי. נאָר צופיל צו זען איז נישט געווען וואָס. די שטאָט איז געווען קליין. אויף די חגאות פלעגן מיר קריגן „פּשעפּוסטקעס", און די פּאָסט איז אָנגעקומען נאָרמאַל.

ס'איז אָבער צוליב ווילנע פאַרגעקומען רייבונגען מיט די שכנותדיקע ליטווינער. עס האָט צווישן ליטע און פוילן געהערשט אַ שאַרפער ברוגז. האָבן זיך טאָקע אָנ־

געהויבן צו פאַרשפּרייטן עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז מיר פאָרן אויפן פראָנט, אויף די קרעסן, הגם עס איז שוין פון לאַנג געווען שלום. צו דעם האָט אויך צוגעהאָלפן די זעלנערישע פאַנטאַזיע.

צוליבן פאַרשטאַרקטן טעמפּאָ פון ברענגען „מונדוראָ־וואַניע" האָבן מיר שוין אויף אַן אמת אָנגעהויבן גלויבן אין אָט די קלאַנגען. עס האָט אַזוי נישט געשראָקן די מורא פאָרן פראָנט, נאָר ס'איז מיר שוין פשוט פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס כסדרדיקע וואַנדערן. קוים דערשלאָגן זיך קיין קרוין־פוילן, נעם ווידער ס'פּעקל און מאַרשיר אויף די קרעסן.

נאָר פאַרפאַלן — אַ זעלנער פרעגט נישט קיין קשיות, נאָר מוז אַלץ פאָלגן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז טאַקע אַ גאַנצע אָפּטיילונג, ווו איך בין אויך אַריינגעפאַלן, אָפּגעפאָרן אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר קיין מיכאַלאָווטשיזנע, אויף די קרעסן.

קאַפּיטל אַכט

דער אַרויספאָר קיין לידע — אין דער דריטער קאָמפּאַניע פונעם ערשטן באַאָן, 35־טן פּיעכאָטע פּולק.

מיר זיינען געפאָרן דורך שטעדלעך, טשערעמכע, אָפּשטעלנדיק זיך ביי יעדער סטאַציע אויף אַ לענגערער צייט. יעדער וואַגאָן האָט געהאַט צו 25 מאַן מיט אַ קאָמענדאַנט, און ס'איז געווען זייער ענג. אינמיטן וואַגאָן איז נאָך געשטאַנען אַן אייזערן אויוועלע, וואָס האָט אויך פאַרנומען אַן אָרט.

עס איז פשוט נישט געווען ווו צו שלאָפן, און יעדער

האָט געמוזט שלאָפן זיצנדיק אָדער שטייענדיק. מיר האָבן אַלע געהאַט פּוטערנע וועסטלעך. נו, זיינען מיר שוין אַלע געווען „באַקליידט" פון קאָפּ ביז די פיס... קיין מיטאָג האָבן מיר אויך נישט געהאַט, נאָר זיך דערנערט מיט טרוקנס.

אין טשערעמכע האָט מען אונדז געטיילט „קאַרטי טאָזשסאַמאָשטשי", וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער גלויבן אינעם פּראָנט. אונדזער פאַנטאַזיע האָט זיך שוין פריי פונאַנדערגעשפּילט. מיר זיינען אָנגעקומען קיין לידע.

די ענגשאַפט אין וואַגאָן, דאָס שלעפעניש פון צוג און דאָס איבערנעכטיקן אויף יעדער גרעסערער סטאַציע, האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב באַשלאָסן אַראָפּ־צוגיין אין שטאָט נעכטיקן.

עס איז געווען פרייטיק אָוונט. נישט ווייסנדיק ווו עס געפינט זיך אַ גאַסט־הויז, האָב איך מיך אַרומגעבלאָנ־קעט צווישן די געסלעך און גערעכנט עמיצן צו טרעפן און פרעגן וועגן דעם.

דערזעענדיק פאַרבייגיין נעבן מיר אַ יידיש מיידל, האָב איך זי געפּרווט אָפּשטעלן און פרעגן אויף אַן אכסניה.

זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף מיין זייט, איז ווי אַ פייל פון בויגן געפלויגן מיט איין אָטעם, ווי געיאָגט דורך עפּעס אַ געשפּענסט, און מיט אַ ווילדן גע־שריי „גוואַלד, מאמעו!" איז זי פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן. איך האָב געוואָלט אויסרופן: „איך בין אַ ייד!" איך האָב שוין אָבער נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. אַזאַ פחד־שטימונג האָט באַהערשט די גאַנצע יידישע באַ־פעלקערונג.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, דאַן נישט געוווּסט די סיבה דערפון. די ידיעות וועגן דערשיסן דורכן פוילישן מיליטער אין פינסק דריי און דרייסיק אומשולדיקע יונגע יידן, און די קלענערע בלוטיקע הוליאַנקעס בעתן זעלבן פוילישן פאַרויסמאַרש (1919) איבער אַנדערע יידן, אַריינגערעכנט אויך דאָס זעלבע לידע, זיינען צו מיר נישט דערגאַנגען.

און וואָלט דאָס געשען דורך די מיליטער־אָפטיילן, ווי איך האָב געדינט, וואָלט איך אָן מורא אויף דעם רעאַגירט, ווי איך האָב רעאַגירט ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

נאָר ליידער איז די מעשה־פינסק פאַראורזאַכט געוואָרן דורך אַן אייגענעם, יידישן זעלנער־אויסוווּרף, הגם דאָס פאַרקלענערט נישט די שולד פונעם איבערגעאיילטן גע־נעראַל ליסטאָווסקי (און ווער איז נישט איבערגעאיילט קעגן יידן ?...), און אוודאי נישט די נאָך גרעסערע מאָרד־שולד פונעם ביאַלער „שליאַכטשיץ", דעם דאַן פינסקער מיליטערישן קאָמענדאַנט, מאַיאָר ליטאַנסקי.

אַרומבלאָנקענדיק אַזוי אייניקע שעה, בין איך אַוועק איבערנעכטיקן כאָטש אויפן וואָקזאַל.

איך האָב גענעכטיקט אויפן וואָקזאַל, אייגנטלעך גע־לעגן, ווייל צוליב דער אָנזאַמלעניש אויף אונדזערע מלבר־שים האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. מיר האָבן זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון די וועש־חיהלעך, וואָס האָבן אונדז געפרעסן, ווי ווערים גריזשען אַ מת אין קבר. הויפנווייז פלעגן מיר זיי אַראָפּוואַרפן פון זיך, און פרישע האָבן זיך באַלד אונטערגערוקט אויף זייער אָרט.

— צום טייוול — האָט זיך יאַנעק געוואָרפן אין ווינקל, וואָס ווילן זיי נאָך פון מיר: ס'זאָל זיין בייטאָג, וואָלט איך זיי צונויפגעקליבן און אויסגעפרעגלט אויף אַ

פאַטעלניע, וואָלט כאָטש געווען צו שמירן די שיך, זיי זאָלן גלאַנצן ביינאַכט אויף „באַטשנאָשטש", און דער „אינס־פעקציני" וואָלט געקוואָלן פאַר נחת. „אַ פינקטלעכער זעל־נער" — וואָלט ער צופרידן געדרייט די וואָנסעס.

די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, און דאָך האָבן מיר נישט געשלאָפן. אומזיסט האָבן מיר געקוועטשט די ביינער, ציילנדיק די שעהן ביזן מאָרגן־דעמער.

דערוואַרטנדיק זיך שוין קוים אויפן פרימאָרגן, בין איך תמימותדיק אַוועק צום טראַנספּאָרט זען ווי לאַנג ער וועט נאָך שטיין. צו מיין איבעראַשונג אָבער איז שוין דער טראַנספּאָרט נישט געווען.

אין וואַגאָן האָב איך געלאָזן אַלע מיינע זאַכן און אַפילו די דאָקומענטן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס אָנ־הויבן צו טאָן. איך האָב נישט קיין זאַכן, ברויט, פּאַפּירן, און האָב אָנגעהויבן דעריבער טראַכטן וועגן נאָכפאָרן דעם טראַנספּאָרט.

אָבער גיי מאַך, אַז כ'ווייס נישט וווּ ער איז געפאָרן, און פרעגן האָב איך מורא געהאַט, ווייל די זשאַנדאַרמען קענען מיך נאָך אַרעסטירן.

אין אַזאַ מין יאוש־שטימונג האָב איך זיך אַרומגע־שלעפּט צווישן די טראַנספּאָרטן, און געפינענדיק אַ טראַנס־פּאָרט, וואָס גייט אָפּ אין יענער ריכטונג, האָב איך זיך געווענדעט צו זיין קאָמענדאַנט, וועלכער האָט מיך נאָך אַ גאַנצער „חקירה ודרישה" אויפגענומען און כ'בין געפאָרן מיט אים.

הגם דער קאָמענדאַנט האָט אויך נישט געוווּסט גע־נוי וווּ מיין פּאָרמאַציע שטייט, האָט ער מיר פונדעסטוועגן געעצהט צו ווענדן זיך צום 34־טן פּיעכאָטע פּולק, וואָס געפינט זיך אין שכנות מיט אונדזערן. דער קאָמענדאַנט פון

34־טן פּ. פּ. האָט מיר אָנגעוויזן, אַז מיין טראַנספּאָרט גע־פינט זיך אין דאָרף מיכאַלאָווטשיזנע.

אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן דעם מאַראַוועקע־פּירער, וועלכער האָט מיר אָנגעוויזן, ווו אָפּצונעמען מיינע זאַכן. איך האָב זיך לכתחילה דערפרייט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מיין שמחה איז געווען אַן אומ־זיסטע. אַנשטאָט די וועש און מלבושים, האָט מען מיר אָפּגעגעבן בלויז די ביקס מיטן באַגנעט — אַ סחורה, וואָס קיינעם גלוסט זיך דאָס נישט צו גנבענען.

אין דער דריטער קאָמפּאַניע פון ערשטן באַאָן 35־טן פּיעכאָטע־פּולק

איך בין געוואָרן צוגעטיילט צו דער דריטער קאָמפּאַ־ניע, וועלכע איז געשטאַנען אין דאָרף, צעוואָרפן אין צוויי גרעסערע דירות.

דאָס זיינען, פאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין קאַ־זאַרמעס, נאָר הויפּישע הייזער, ווו מיר זיינען געשלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, אונטערגעבעט מיט שטרוי. דערפאַר אָבער האָבן מיר דאָ נישט געוווסט פון קיין שטרענגער דיסציפּלין און מיר האָבן אינגאַנצן קיין „טשווי־טשעניעס" נישט געהאַט.

מיר זיינען פון אַזאַ באַהאַנדלונג געווען צופרידן. מיר זיינען דאָך פאָרט אַלטע זעלנער און אויך פראָנטאָוויקעס. נאָר אַ מחשבהלע האָט זיך פונדעסטוועגן ביי אונדז פאַר־גנבעט: אפשר איז עס דערפאַר, ווייל מען גרייט אונדז צו אַ צווייטן פראָנט ?...

דערווייל האָבן מיר דאָ געהאַט אַ לייכטע דינסט. און אַז עס ווערט גרינגער אויפן געמיט, און דער גייסט באַפרייט זיך פון זיינע זאָרגן, — לאָזט ער פריי געוועלטיקן דעם גוף. ער גיט זיינע גלוסטונגען אַ פרייע האַנט...

האָבן זיך אונדזערע אונטעראָפיצירן, וואָס זיינען געווען צוזאַמען מיט אונדז, צעבאַלעוועט, און פראַסט פשוט אַהער געבראַכט נקבות.

און איינמאָל אַרום צוועלף ביינאַכט, ווען איבערן צימער האָט זיך צעגאָסן אַ קאַפּטשענדיקע טונקעלע ליכ־טיקייט, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך שאָטנס, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אָפּשלאָגנדיקע שאָטנס פון די איבערן וואַנט הענגענדיקע ביקסן, האָט אַ שיין פון דער שווימענדיקער לבנה, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויס־געריסן פון איר שוואַרצן צודעק, באַשטראַלט דעם אַריינ־קומענדיקן פּלוטאָנאָוון גאַווריליוק.

אַן עכאָ פון אַ פאַרענדיקטן הינטישן האַווקען האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער געעפנטער טיר, אויסמישנדיק זיך מיט די סקריפּנדיקע קרעכצן פון זיינע נייע לאַקירטע זעלנערישע שטיוול.

„אין זיין זונותדיקער מאַמען אַריין" — האָט ער זיך געזידלט אויפן חוצפהדיקן דאָרפישן הונט, וואָס האָט נישט קיין דרך־ארץ אַפילו פאַר אַ דריי־בענדלדיקן.

די שטאַרקע טיפע כראָפּענישן, אויסגעמישט מיט עי־פּושדיקע ריחות פון די שלאָפנדיקע זעלנער, זיינען גע־וואָרן איבערגעריסן מיטן אָנקום פון בעל־תאווהדיקן פּלו־טאָנאָווי גאַווריליוק, וואָס האָט זיך אַדורכגעשאַרט מיט צוויי פּראָסטיטוטקעס, נעבן די ליגנדיקע שעניקעס.

אַ טייל זעלנער האָבן פונעם שיכורן באַסאָוון קול זיך אויפגעכאַפּט, וואַרטשענדיק און אויסווינטשנדיק דער־ביי אַלע זייערע בייזע חלומות צו די ברודיקע קעפּ פון די זונות.

אַנדערע האָבן מאַניפּולירט אונטער די קאָלדרעס, שעלטנדיק בעת מעשה די זונות פאַרן צערייצן זיי אומזיסט דעם אַפּעטיט.

— פּאַניע פּלוטאָנאָווי ! — האָט פון אַ ווינקל איי־נער צוגעוואָרפן איראָניש — היט זיך, צעשטעך זיך נישט ביי די „פּראַוויטשקעס״...

— מיט אַ גוטן אַפּעטיט ! — האָט פאַרענדיקט דער געשטופּלטער מאַקסימאָוויטש.

דער ציניזם איז שוין איבערגעגאַנגען יעדע גרענעץ. אין יחוד־צימער פון אַ „הייזל״ אַפילו געפינט זיך נישט מער ווי דער פּאַרטנער, און דאָ — צוויי טמאות אין אונ־טעראָפיצערסקן צימער, צוזאַמען מיט אַ צענדליק פּאַרט־נערן אינאיינעם. פאַר מיר, אַ שטיבל־בחור, איז עס געווען אַביסל צופיל... און כ׳האָב זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

פון צייט צו צייט פלעגט פּאָרקומען אַ געווער־ריי־ניקונג. דאָס פלעגט אָבער דורכגיין שטיל־אידיליש. קיין „פּאָבודקע״ איז דאָ אינגאַנצן נישט געווען, ווען נישט צו־ליב די מאָרגנדיקע קאַווע, וואָלט מען געשלאָפן ביז אין גרויען טאָג אַריין. אַז מיר פלעגן זיך אַמאָל פאַרזינדיקן, האָט מען אונדז דורכגעלופטערט אַ האַלבע שעה צייט אויף דער פרישער, ווינטערדיקער לופט.

פון ניין ביז צוועלף פרי און פון דריי ביז פינף נאָכ־מיטאָג פלעגט מען לערנען מיט די זעלנער־אַנאַלפאַבעטן לייענען און שרייבן. איך האָב זיך נישט געלערנט, בין איך געווען נאָך פרייער.

פון איבונגען און איבעריקער שטרענגקייט זיינען מיר געווען פריי, דערפאַר אָבער איז פון צופיל פרייקייט ביי אונדז געוואַקסן דער אַפּעטיט צום עסן.

זיינען מיר אייניקע, באַלד אינדערפרי נאָכן איינ־שלינגען דעם „פּאַסונעק״, וואָס האָט ביי אונדז געהאַט אַ צורה ווי ביי אַ פערד אַ צוקער־לעקעכל, זיך געגאַנגען צוכאַפּן אין אַ דאָרף ביז מיטאָג.

אין די פויערישע הייזער פלעגן מיר בעטן פּאַרקויפן ברויט, אָדער וואָס ס׳איז צום עסן. די צעשראָקענע כאָכאָלעס פלעגן לייקענען שטיין און ביין. אַז מיר פלעגן אָבער אַריינקוקן אין באַק־אויוון און באַטראַכטן זשעדנע די טשאָלנטן מיט די רויטע באָבעס, אָדער עפּעס אַ קאַשע, האָבן זיי שוין נישט געהאַט קיין ברירה און אַביסל אויס מורא, אַביסל אויס רחמנות, אונדז אָנגיסן אַ פולע שיסל און אַלס צוגאָב געבראָטענע קאַרטאָפל. דאָס אָבער האָבן נאָר געקענט באַווייזן די, וואָס זיינען געווען פריי פון לערנען.

נאָך אַזאַ סעודה פלעגן מיר שוין אַוועקגיין פריי־לעכער און מונטערער מיט אַ פולן בויך אין די קאַ־שאַרן־דירות.

אַזעלכע בויך־שפּאַצירן פלעגן מיר מאַכן אָפט, כל זמן מיר זיינען געווען פריי פון „טשוויטשעניעס״.

איך בין אָבער אויך דאָ צו לאַנג נישט פאַרבליבן. נאָכן צוגרייטן מיינע פּאַפּירן מיט אַ בילדונגס־קאַרטע, ווו מען האָט מיך רעקאָמענדירט פאַר אַ געבילדעטן, האָב איך זיך דורך אַ ביטע אַריבערגעפעקלט אין דער שטאַבאָווער קאָמפּאַניע פון דער ניינטער דיוויזיע, כדי גיכער צו קריגן אורלויב, וואָס ס׳האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט.

קאַפּיטל ניין

אין דער שטאַבאָווער קאָמפּ. — שטאַבאָווער אַרעסט — יאַנעק, די פּולקאָווע „אַפּערמאַ״ אין תפיסה — דאָס אַריבערגיין אין 22־טן פּולק.

דעם צווייטן פעברואַר 1921 בין איך אָנגעקומען אין דער שטאַבאָווער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך געפונען האַרט ביי דער דיוויזיע.

אַנקומענדיק אין הויף, ווו די נײַנטע דיוויזיע איז געשטאַנען, האָב איך די קאָמפּאַניע נישט געטראָפן, ווייל זי איז אַוועק אין הויף ליאַנדרין.

נישט טרעפנדיק קיינעם, האָב איך, לויט דער עצה פון אַ זעלנער, באַשלאָסן איבערצונעכטיקן אויף דער „וואַרטאַווניע". דערווייל בין איך אַרויס נעמען קאַווע, איבערלאָזנדיק דאָרט מיינע זאַכן. צוריקקומענדיק, האָב איך געטראָפן מיין „פּלעצאַק" אַן אויפגעשפּיליעטן. כ'האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז עמעצנס אַ האַנט האָט דאָ בודק געווען און האָב אָנגעהויבן נאָכצוקוקן וואָס ס'פעלט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין נאָך אַלץ נאַאיוו זיך צו פאַרלאָזן אויף מיינע „חברים"־זעלנער, אַז זיי וועלן אַוודאי נישט קריכן צו פרעמדע „פּלעצאַקעס". כ'האָב זיך שטאַרק אויפגערעגט פון אַזאַ באַהאַנדלונג צו אַ „גר", און האָב אַפילו זיך געבייזערט אויפן קאָ־מענדאַנט פון דער „וואַרטע". ער האָט זיך אָבער געמאַכט תמעוואַטע.

פאַר כעס האָב איך שוין דאָרט נישט גענעכטיקט, נאָר בין געגאַנגען שלאָפן אין פאַרוואַרלאָזטע קאָשאַרן, ווו ס'איז געווען זייער קאַלט און פּוסט.

די שטאַבאָווע קאָמפּאַניע האָט שטענדיק געהאַלטן „וואַרטע" ביי דער דיוויזיע, ווו עס זיינען געשטאַנען פיר „האַנאַראָווע פּאָסטערונקעס", איינפאַכע וועכטער זיינען אויך געשטאַנען, ביי די מאַגאַזינען און תפיסה.

אין דער פרייער צייט פלעגט מען גיין אויף אַרבעט. די דערנערונג איז נישט געווען קיין גלענצנדיקע, נאָר מיט ברויט איז געווען נישט שלעכט. אָנשטאָט געבאַקענעם ברויט פלעגן מיר באַקומען מעל, וועלכע מען האָט אַליין, מעשה בעל־הבית, אָפּגעגעבן אין דאָרף צום באַקן.

דאָ איז מען זיך מיטן זעלנער באַגאַנגען אַ סך בעסער ווי אין אַנדערע ערטער, ווייל די העכערע מאַכט האָט זיך דאָ געפונען גאָר נאָענט. פון צייט צו צייט פלעגן אויך פאָרקומען „פשעגלאָנדן" איבער דער „מונדוראָוואַניע" (איבערקוקן איבערן אָנטאָן).

שטאַבאָווער אַרעסט

די ערגסטע זאַך איז געווען מיטן אַרעסט־הויז, ביי וועלכן ס'איז געווען זייער נישט פויגלדיק צו שטיין אויף דער וואַך, ווייל די תפיסה איז געווען אַ פרימיטיווע, אין אַ פויערישער כאַטע, אַן שלעסער און קראַטעס, און עס האָבן זיך דאָרטן געפונען דווקא שווערע קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן דורכן פעלד־געריכט און זיינען דאָ נאָר צייטווייליק געזעסן.

נישט איינמאָל האָט זיך טאַקע געטראָפן, אַז עמעצער פלעגט מאַכן אַ „ויברח", און דער אומשולדיקער שומר איז דערפאַר געווען פאַראַנטוואָרטלעך.

מיט איין וואָרט, דאָס אַרעסט־הויז איז געווען אַ פאַר־מעלער קרימינאַל מיט אַלע זיינע מנהגים און טראַדיציעס, און ווי איז געווען צו דעם, וואָס איז אַהין אַריינגעפאַלן, בפרט אַן ערשטלינג.

אפילו דער „פאַסטערונקאָווי" האָט געציטערט פאַר די אַרעסטירטע הפקר־מענטשן, וואָס זיינען שוין געווען גלייכ־גילטיק צו יעדער שטראָף.

די אַרעסטאַנטן האָבן געוויילט פון זיך אַ קאָמענ־דאַנט, פאַרשטייט זיך, דעם שטאַרקסטן, אָדער גרעסטן כוליגאַן, וואָס פלעגט זיין דער גאַנצער דיקטאַטאָר און האָט געטאָן וואָס ער האָט נאָר געוואָלט.

צו אים האָט מען זיך געמוזט מעלדן און אים פלעגט דער דיזשורנער דאַרפן אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט. דער קאָמענ־דאַנט איז דאָ געווען די העכסטע אינסטאַנץ, און מיט אים איינרייסן איז נישט געווען קיין קאַטאָוועס.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דאָ אין תפיסה איז דווקא געווען אַ פעסטע אָרדענונג, ווי וועלנדיק זיך רעוואַנזשירן קעגן זיך אַליין פאַרן אַנאַרכיש ווילדן און הפקרדיקן באַגיין זיך אין די קאַשאַרן. די פּאַדלאָגע און ווענט האָבן געמוזט גלאַנצן, די אונטערוועש געהאַלטן ווערן ריין, און אָנשטאָט „טשוויטשעניעס" האָט מען איינגעאָרדנט פאַרשידענע שפּילן, אַלץ מיט אַ סיסטעם און מיט אַן אָרדענונג, „ככתוב בספר פראַלניק של הטורמע" (ווי עס שטייט אין ספר פראַלניק פון דער טורמע).

יאַנעק, די פּולקאָווע „אָפּערמאַ" אין טורמע

יאַנעק איז געווען אַ דאַרפישער, אַן אַנאַלפאַבעט. גערופן האָט מען אים „אָפּערמאַ פּולקאָוואַ".

נישט קוקנדיק אויפן פאַרבאַט, האָט ער זיך איבער־געלאָזן אַ גרעבערע פּיאה, ווי די הויפּישע פּורנאַלטשיקעס. דאָס פּנים — געשטופּלט, אַן איבערבלייבעניש פון אַ פּאָקן־קראַנקהייט, בלאָנדע האָר, גראָע אויגן, נידעריק — האָט ער אויסגעזען ווי אַ געלע קאַץ.

ווי טיפּיש־דאַרפיש ער איז געווען, איז ער אין קאַזאַרמע געווען כיטרע, מיט אַ קעציש פלינקייט, און די גאַנצע כיטרעקייט האָט ער אָנגעווענדט, כדי נישט צו גיין אויף „טשוויטשעניעס".

האָט ער נישט געקראָגן אַן אורלויב פון אַ דאָקטאָר, האָט ער צעריסן די שיך, און מיט באָרוועסע פיס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון די פּאַדעשווע־אָפּגעריסענע שיך, האָט ער מיט זיי געליאָפּעט איבערן צעגאַנגענעם שניי.

און אַז ס'איז אַמאָל געווען גאָר אַ שטרענגע „זביורקע", איז זיין אָרט געווען אין בית הכסא, ווו זיצנדיק סתם, פלעגט ער פלוידערן מיט די איבעריקע „בית הכסא אָפּער־מעס" וועגן די גאַרניזאָנאָווע „קוכטעס", שלינגענדיק בשעת מעשה די סלינע פאַר תאווה.

ער איז געווען אַ כמעט שטענדיקער דיזשורנער, קאַרטאָפל־שיילער, בית הכסא רייניקער, און וואָס איר ווילט נאָר, אַבי נישט האַלטן די פאַרשאָלטענע ביקס.

פון איין זייט האָבן זיך די אונטער־אָפיצירן צו אים צוגעוווינט, פאַרפאַלן, נישטאָ וואָס צו מאַכן מיט אים. פון דער צווייטער זייט אָבער האָבן זיי געהאַט אַ באַהאַל־טענע שנאה קעגן „לאַזשיק, סמאַראָוואָזניק", אַ רוח אין זיין זונהדיקער מאַמען אַריין...

פלעגט אָנקומען אַ נייער „דרוזשינאָווער", האָט ער זיך געטראַכט: נישקשה, ווען ער פאַלט אַריין צו מיר אין די הענט, וואָלט איך אים שוין געגעבן צו שמעקן פּולווער, אַז ס'וואָלט זיך אים אינעם אונטערשטן טייל די וואַסער פאַרקאָכט. יאַנעק פלעגט זיך דערפון נעמען קנאַפּ צום האַרצן, און קיינער האָט אים נישט געקענט איינבייסן.

אַז עס האָט זיך אָבער פאָרט אַמאָל געמאַכט, אַז יאַנעקן פלעגט אויסקומען אַרויסצוגיין גלייך מיט אַלעמען אויפן איבונגס־פּלאַץ, האָט ער געמוזט נעמען שטרוי אין דער רעכטער האַנט און אַ שטיין אין דער לינקער, כדי זיך צו קענען אָריענטירן ביי דער קאָמאַנדע: רעכטס! לינקס!...

איינמאָל איז עפּעס יאַנעקן נישט געלונגען אַרויסצו־דרייען זיך פון קאַרטאָפל־שיילן. אַ נישט פאַרגינענדיקער יעפרייטער האָט אים צוריקגעבראַכט צו דער קיך און דעפאַר צוגעשטעלט צום ראַפּאָרט.

ביים ראַפּאָרט איז ער געשטאַנען מיט די צעריסענע

שיך־שמאַטעס, אַנגעשמירט מיט סאַזשע און פאַרהיקענדיק זיך, מיט אַ געבראָכענער שטימע, זיך געמאָלדן, שטייענדיק גלייך ווי אַ סטרונע פאַרן פאַרוטשניק.

— אַ־האַ, פאַניע יאַנעק! — האָט אים דער פאַרוטשניק אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. דער פאַרוטשניק האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און זיך באַמיט עפּעס אויסצוטראַכטן אַ מין שטראָף, וואָס זאָל זיין צוגעפאַסט פאַר אַזאַ איינעם, וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַלערליי פאַקעס און אַרעסטן.

דער שטערן האָט זיך ביים פאַרוטשניק לסוף אויסגעגלייכט און אַ דעציזיע איז שוין געווען — אַ שעה אונטערן ביקס! נאָר מיטן פולן „רינשטונעק", און גוט אַכטונג געבן אויף אים, הער קאַפּראַל!

אויף יאַנעקס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ביטערער שמייכל. ער איז שוין אַמאָל געשטאַנען אונטערן ביקס, נאָר דאַן, הלואי אויף היינט געזאָגט געוואָרן, האָט ער זיך געשפּילט, איבערגעוואָרפן די ביקס פון האַנט צו האַנט און זיך אַפילו אַנידערגעזעצט אַ ווײַלע. אָבער איצט, ווער ווייסט?

זיין שטראָף איז געווען באַשטימט אויף דער אָפּרו־צייט פון די נאָכמיטאָג־איבונגען. מען האָט אים געשטעלט אין פראָנט פון אַ פאָלקס־שולע ביים סאַמע אַריינגאַנג.

נאָכן אָפּשטיין אַ צוואַנציק מינוט, בעת די זון האָט זיך צעשפּאָלטן און צעפּערטלט אין פלאַמענדיקע רינגען, האָט אים גענומען קאָרטשען און דריקן אין אַלע איברים. די פּלייצע האָט אים געדריקט, ווי אַ שווערע משא; די הענט האָבן זיך געבראָכן אַראָפּצופאַלן, ווי אָפּגעהאַקטע גלידער, און די פיס האָבן געזונקען און געזונקען.

ער וואָלט געוואָלט אַדורכשמוגלען עפּעס אַ פאַרלייכ־

טערונג. דער אינספּעקציני איז אָבער געשטאַנען ממזריש פּאַרטאַיעט און געהיט זיין יעדע באַוועגונג.

אַ בין האָט זיך אים געשטעלט אויפן שפּיץ נאָז, אַריינגעגיפּט מיטן גאַנצן כוח. זיין קאָפּ איז געגאַנגען ווי אויף רעדער. עס זיינען פאַר אים דורכגעגאַנגען אין געדאַנק אַלע עינויים, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויס־צושטיין אין פולק. די פיס האָבן צום טאַקט געדרייט, די הענט — געבראָכן, דער מוח איז אים געווען אָנגעפּילט ווי מיט בליי.

פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו חלשן. עמערס שווייס האָבן זיך געגאָסן פון שטערן און אַראָפּגערונען אויף די באַקן, גאָמבע, ביקס און מונדיר. די ביקס איז אים מיט אַ ווילדן קנאַק אַראָפּגעפאַלן. אויפן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מאַטע בלאַסקייט. דער אינספּעקציני האָט אים באַפרייט.

אַ חוץ די אַלע „מעלות", האָט נאָך יאַנעק געהאַט אַן אויפגעבלאָזענעם מאָגן, ווי אַן אָנגעפּאָמפּעטע אויטאָ־ראָד, און ס'איז אים געווען ווייניק די „רעפּעטע", די צוגעגעבענע „שיריים" פון די דרוזשינאָוועס פאַרן וואַשן די מענאַשקעס (כלים צום עסן).

פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, איבער די אַרומיקע פעלדער מיט באָב, אַרבעס און קאַרטאָפל, וועלכע ער האָט געריסן און באַהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך, און עס אָפּגעקאָכט דערנאָך בייטאָג, ווען זיין מאָגן פלעגט „שפּילן אַ מאַרש".

די פויערים, וואָס האָבן באַמערקט די אָפּגעפליקטע קאַרטאָפל־קשאַקעס און צעדעפּטשעטע זאַנגען, האָבן זיך פאַרלייגט צו כאַפּן דעם „פעלד־שטשור" און יאַנעק איז אַריין דערפאַר אויף דריי חדשים אין דער שטאַבאָווער תפיסה.

דאָרטן האָט מען אים אָנגעהויבן „אויסצוגרינען״, אויסציען אַביסל די פיס און אויסגלייכן זיי, ווי אַ זעלנער מעלדן זיך, מאַכן רעכטס־לינקס, און ער האָט דערפון געקראָגן געשוואָלענע פיס. דערנאָך האָט מען אים באַשטימט אויסצורייניקן די אַרעסטאַנטסקע אונטערוועש. שפּעטער האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ דיזשורנעם.

אַז אים האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט פאָלגן, האָט ער זיך געדאַרפט צען מאָל לייגן מיטן פּנים אַראָפּ און טרעפן ווער ס׳האָט אים מכבד געווען מיט אַ „מנה יפה״ (מיט אַ פּאַטש).

דער סדר איז געווען אַזוי: מיטן פּנים אויפן קאָ־מענדאַנטס שויס איז זיך יאַנעק געלעגן, אונטערשטעלנדיק דערביי די האַנט אויפן הינטער־חלק. ביי די זייטן האָבן אים אַרומגערינגלט די פּאַטשערס, אונטערווינקענדיק דערביי איי־נער צום אַנדערן, ווי און מיט וואָס צו פּאַטשן.

איינמאָל האָט איינער, ביי אַזאַ שפּיל, אויסגעטאָן פון פוס אַ גראָבן, מיט טשוועקעס באַזעצטן שוך, און באַץ מיט דער פּאַדעשווע אין האַנט אַריין. יאַנעק האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ געשוואָלענער האַנט און האָט וויינענדיק געשריגן: „אַ רוח אין אייערע זונותדיקע מאַ־מעס! הינטישע בלוטן, פאַרוואָס שלאָגט איר מיך?״

— אַ, דו לאַזשיק, ממזרישער זון, קרוציפיקס, צו הונדערט סאַקראַמענטן! וואָס מיינסטו זיך, ס׳איז אין פולק, ווו דו האָסט „לאַזשיקירט״? — האָט זיך אויפ־גערעגט דער קאָמענדאַנט. — שוין זיך לייגן צוריק!

ווי מיט אייזערנע צוואַנגען האָבן אים די אַרומיקע אַ כאַפּ געטאָן און אַ וואָרף געטאָן אויף דער נאַרע, פאַרצוזעצן ווייטער די שפּיל. ער האָט זיך שפּעטער אויפ־געהויבן אַ האַלב־פאַרחלשטער.

ביינאַכט, ווען יאַנעק איז געשמאַק געשלאָפן און שטאַרק געכראָפּעט, האָט ווער פון די קאַרטן־שפּילנדיקע אַרעסטאַנטן אַ ווונק געטאָן אים אונטערצוציִנדן אַ קנויטל.

צווישן יאַנעקס פינגער האָט מען אַריינגעשטעקט פּאַפּיר, שטיל אונטערגעצונדן, און דער אָרעמער האָט זיך דערנאָך געצאַפּלט ווי אַ גוסס פאַרן אויסהויכן די נשמה.

— נו, חברה, צלמט זיך איבער! — האָט זיך גע־ווילצלט דער גראָבער באַרטאָש.

— רופט אַ גלח! — האָט הייזעריק געברומט דער קאָמענדאַנט.

פאַרשטייט זיך, אַז יאַנעק איז שוין דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און קוים זיך דערוואַרט אויפן פרימאָרגן.

נאָכן פרישטיק איז חברה געשטאַנען ביים פענצטער, וואָס איז אַרויס צום גאַס צו, און באַטראַכט די אַדורכ־גייענדיקע, כדי אַזוי אַרום צו פאַרטרייבן די צייט.

די אַרעסטאַנטן פלעגן אָפּמעסטן פון קאָפּ ביז די פיס די אַדורכגייענדיקע מיידלעך, אָדער יונגע ווייבלעך, און האָבן זיי תאווהדיק געפרעסן מיט די אויגן, וויצלענדיק זיך דערביי אויף זייער חשבון.

— אָט דער יוזשקען וואָלסטו געוואָלט, יאַנעק? אַ געשמאַקער ביסן, אַ? — האָט אים געפרעגט דער קאָמענ־דאַנט איראָניש.

— אַ שאלה! איך וואָלט אָפּגעגעבן צוויי „פּאַסונקעס" פאַר אַזאַ „פּראַוויטשקע" — האָט פאַרכלינענדיק זיך תמוואַטע געענטפערט יאַנעק.

— אַ, דו הינטישע נשמה! יוזשקע גלוסט זיך דיר! זעסט, אָט יענע אַלטע באָבע וועל איך דיר געבן! ביסט דאָך נאָך אַ „פּראַוויטשעק".

— הער קאָמענדאַנט, איך בין שוין נישט קיין „פּראָוויטשעק". ביים בוג האָב איך שוין אויסגעבתולהט צוויי יידישקעס...

— יידישקעס גאָר? גיט נאָר אַ קוק, חברה, צי איז ער נישט אַמאָל אַ זייעריקער?... לאָמיר אים נאָר אַ נעם טאָן און בודק זיין...

פאַר דער העזה צו וועלן נאָר די שיינע יוזשקע האָט זיך יאַנעק געמוזט מעלדן הונדערט מאָל כסדר פאַרן קאָ־מענדאַנט, אַז יוזשקע געהערט נאָר צום קאָמענדאַנט, און דערציילן ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט מיט די צוויי יידיש־קעס ביים בוג.

נאָכדעם ווי יאַנעק האָט געענדיקט די דערציילונג, וואָס האָט אַלעמען אויפגערייצט... האָט ער באַקומען פונעם קאָמענדאַנט אַ קלאַפּ אונטערן גאָמבע אַלס אַ סימן, אַז ער האָט ביי אים נושא חן געווען.

דער קלאַפּ איז אָבער יאַנעקן פאַרגאַנגען אין אַלע איברים, ווייל די ציינער האָבן זיך אים בשעת מעשה איינגעשניטן אין צונג, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן פאַר ווייטיק.

דאָס איבערגיין אין 22־טן פּ. פּולק

ס'איז מיר שוין פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס זיין אין די ווייטע עטאַפּן. איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו בענקען אַהיים, און האָב זיך דעריבער באַמיט, אַז איך זאָל כאָטש, ווייניקסטנס, ווערן צוגעטיילט צום 34־טן פּולק, וועלכער איז געשטאַנען אין ביאַלאַ־פּאָדליאַסקע.

איך האָב זיך אָנגעהויבן שטעלן צום ראַפּאָרט און האָב ענדלעך געפּועלט מיך אָפּצושיקן אין אַן אַנדער פּולק, נישט אין ביאַלאַ, נאָר אין 22־טן פּ. פּ.

פון מיין איבערוואַנדערן פון עטאַפּ צו עטאַפּ, האָב איך שוין געהאַט די דערפאַרונג, אַז איידער זיך צו „טשוויטשען", אָדער ציילן די טעג אין קאַזאַרמע, איז שוין אַ סך גלייכער, אַז זיי זאָלן פאַרפאַלן ווערן אין וועג. און דעריבער האָב איך זיך טאַקע אַצינד נישט געאיילט, נאָר איך בין זיך געגאַנגען טריט ביי טריט, אָפּשטעלנדיק זיך נעכטיקן אין יעדן דאָרף.

דאָך האָב איך פאַרט אָנגעהויבן צו גיין גיכער, זייענדיק שוין נייגעריק אָנצוקוקן מיין נייע דירה. אַזוי איז שוין די נאַטור פון מענטשן. פילט ער נאָר, אַז דער גורל וועט אים נישט אויסמיידן, וויל ער זיך שוין וואָס גיכער מיט אים טרעפן, און זאָל זיין וואָס ס'ווילט זיך.

נאָכן „אַרומשפּאַצירן" אַזוי עטלעכע טעג, בין איך געקומען אין 22־טן פ. פּ.

קאַפּיטל צען

אין דער זיבעטער קאָמפּאַניע — וואָלקאָוויטש פּרוווט זינדיקן — די לאַגע פון דעמאָלסטיקן מיליטער — פּאָרוטשניק קאָזשעניעווסקי — דער צווייטער פּסח אין גערנאַניאָן — דער אַרויסמאַרש קיין מאָלאָדעטשנע.

דעם 15־טן מערץ 1921 בין איך שוין געווען אין דער זיבעטער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך געפונען אין דאָרף זשעליאַד און איז געווען צעוואָרפן איבער די דאָרפישע כאַטעס.

אין יעדער הויז האָט זיך געפונען אַ דרוזשינע מיט איר דרוזשינאָוון, און אין עק דאָרף איז געווען אַ קאַנ־צעלאַריע, ווו ס'האָט געוווינט דער שעף מיט די שרייבער. אין אַ באַזונדערער דירה זיינען געווען די פונקציאָנאַרן.

אונדזער „דאָוודצאַ", פּאַרוטשניק קאָזשעניעווסקי, האָט געוווינט אין אַ נאָענטן הויף.

גייענדיק לויט דער באַשטימונג אין מיין דרוזשינע, וועלכע האָט זיך געפונען ביים סוף פונעם דאָרף, האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ געזאַנג פון יידישע לידער, וואָס האָט מיך שטאַרק איבעראַשט.

וויסנדיק, אַז ס'איז אַ ריין־ליטוויש דאָרף, ווו עס געפינט זיך נישט קיין איין ייד, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמען זיך דאָ פּלוצלינג יידישע געזאַנגען. און לויט מיין ביז־אַהעריקער דערפאַרונג אינעם פּוילישן מיליטער, האָב איך נישט געהערט, אַז יידישע זעלנער זאָלן אין דער קאַזאַרמע, צי אַפילו אין זייערע דאָרפישע קוואַרטירן, גאָר זינגען יידישע לידער.

האָב איך דעריבער נישט געקענט גלויבן מיינע איי־גענע אויערן און האָב געמיינט, אַז ס'איז עפּעס אַ האַלו־צינאַציע, וואָס פאַרפירט מיך. און איך האָב אָנגעהויבן נאָכצוקאָנטראָלירן די פּערזון, צי זיי האָבן עפּעס אַ שייכות צווישן זיך און אַ געוויסן לאָגישן זין. און צו מיינע אויערן זיינען דערגאַנגען:

דאָס פערצנטע יאָר
איז אָנגעקומען,
פאַר אַ זעלנער
האָט מען מיך גענומען,
אוי וויי, אוי וויי...

אַזוי ווי דער זייגער
שלאָגט שוין פיר,
לאָזן זיך אין שטוב אַריין,
לעגיאָניסטן אָן אַ שיעור,

די פנימער טויט בלאַסע,
זיי שרייען „פּראַשען דאַמש
קלוטש איס קאַסע",
נעמען צו ס'גאַנצע
גאָלד און צירונג,
זיי לאָזן איבער אַ קוויט
פון דער פּוילישער רעגירונג
און לאָזן זיך מיט מיר
צו דער טיר.
אוי וויי, אוי וויי...

שוין אין דער אַלוזיע — וועגן די לעגיאָנען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַלטע, אָבער שטאָלצע יידישע זעלנער, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער יידישע אידענטיטעט.

נאָר ערשט ווען איך בין אַריין אינעווייניק, אין דער קוואַרטיר, און די זעלנער האָבן מיר אָפּגעשטעקט דעם ערשטן שלום־עליכם (בפירוש געזאָגט „שלום־עליכם"), האָב איך זיך איינגעקוקט אין זייערע פּנימער, און אוי וויי, וואָס זע איך? יידישע יאַטן! עכטע יידישע עמכאָניקעס אין יוונישע קליידער.

יידישע זעלנער, נישט ווי יענע פּרייווייליקע, יידישע זשוליקעס, וואָס חנפענען זיך צום שטאַרקן און טוען־מיט זייערע טואונגען, אַפילו ווען זיי זיינען אַנטי־יידיש.

זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, און גלייך נאָכן באַקענען זיך אַביסל האָב איך זיי געבעטן פאַרצוזעצן זייער זינגען. זיי האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און האָבן אויפ־געזונגען אַ פאָלקס־לידל, וואָס איז מיר דאַן לחלוטין געווען אומבאַקאַנט.

ס'איז געווען שבת פאַרנאַכט, און איך, אַ פאַרוואָר־פענער אין אַזאַ וויסטער פרעמד, האָב שוין געבענקט נאָך אַביסל שבתדיקער שטימונג. און דאָ, אינעם סאַמע פוילישן מיליטער, דערלאַנגען די יאַטן, און דווקא אייניקע פון זיי לעגיאָניסטן (פון פילסודסקיס לעגיאָנען), אַן עכט־יידישן פאָלקס־געזאַנג, וואָס האָט צוריק אָנגעצונדן און צעוואַרעמט מיין יידיש האַרץ.

און זיי האָבן געזונגען :

ווייל איך בין אַ יידעלע,
זינג איך מיר אַ לידעלע
ווייל איך בין אַ יידעלע,
זינג איך מיר אַ לידעלע.

„פאַניע" האָט געמיינט,
ער וועט געווינען די מלחמה,
וועט ער ביי אונדז יידעלעך
צונעמען די נשמה.

ווייל איך בין אַ יידעלע
איז געקומען גאָטעניו
און האָט צעהאַקט
די גראָבע מאָרדע.

ווייל איך בין אַ יידעלע
שבת, יום־טוב, ביי מיין טיש.
ווער קען זיך צו מיר גלייכן
חלה, פלייש און פיש
און אַלע גוטע יויכן.

ווייל איך בין אַ יידעלע
ס׳וועט אונדז קיינער נישט פאַרניכטן,
צעשטערן אונדזער זאָמען
נישט קיין אַלטער, נייער המן; —
ווייל ישראל איז אונדזער נאָמען.

ווייל איך בין אַ יידעלע,
זינג איך מיר אַ לידעלע,
ווייל איך בין אַ יידעלע,
זינג איך מיר אַ לידעלע.

נאָכן זינגען האָבן מיר זיך געפּרוּווט מער פאַרהיימישן. און דער דרוזשינאָווער מילער, אַ פריילעכער יאַט, האָט מיר אויף זיין שטייגער אָנגעהויבן פאָרשטעלן איינעם נאָכן אַנדערן.

— אָט איז זיין ווילגעבוירנקייט „פאַן קיעוו" — האָט ער געזאָגט. און זעענדיק מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער מיר גלייך גענומען אויפקלערן:

— ער זאָגט, פּין, אַז ער האָט איינגענומען קיעוו. דאָס מיינט ער, אַז ער איז ווי אַ האָז געלאָפן פון קיעוו.

— און ער איז „פאַן מינסק". ער זאָגט, פיינטוך, אַז ער איז דער ערשטער אַריין קיין מינסק. און ווען מען לאָזט אים, טענהט ער, וואָלט ער ווי נאַפּאָלעאָן גלייך געגאַנגען קיין מאָסקווע. פון מינסק קיין מאָסקווע איז דאָך אַ גלייכער וועג, זאָגט ער. אוי, די נישט־פאַרגינערס, וואָס לאָזן נישט...

— און אָט אים, זעסטו. ער, גרין, האָט קיעוו נישט גענומען. צו גרויס פאַר זיינע כוחות. כאָטש זיי אַליין האָבן אים אָנערקענט פאַר אַ העלד. דערפאַר אָבער האָט

ער אין האַרץ פון פוילן געגומען יאַבלאָנע; ד"ה, יאַבלאָנע האָט אים גענומען.

— מען האָט אים גענומען מיט זיין „קזשיש וואַלעטשני" (קאַמפּס־קרייץ) און אים איינגעיושבט, אינטערנירט אין יאַבלאָנע. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא געהאַט, דער ייד זאָל אַמאָל נישט קריגן קיין „ווירטוטי מיליטאַרי" (העכסטע מיליטערישע אויסצייכענונג)...

דאָס לעצטע האָט מיך איבעראַשט. ווייל איך האָב ביז דאַן נישט געוווּסט פון קיין מעשה יאבלאָנע, ווי איך האָב פריער אויך פון קיין אַנדערע טרויעריקע געשיכטעס נישט געוווּסט. זיי זיינען צו מיר נישט דערגאַנגען.

— און דו? — פרעגט ער מיך אויפן זעלבן אופן, — וואָס האָסטו דו גענומען?

— איך... איך... — שטאַמל איך און פּרוּוו אים ענטפערן אויפן זעלבן אופן. — איך בין נישט געווען אַזאַ העלד. איך האָב קיין קיעוו און קיין מינסק נישט גענומען. איך האָב נאָר געפּרוּווט נעמען דאָס קאָדניער געמויזעכצל (טייכל). נו, האָט עס זיך אַזוי צעקאָכט, אַז עס האָט מיך שיעור אַליין ניט פאַרקאָכט אין איר געמויזעכץ... און ווען נישט די „באַרוועסע", בודיעניס אויסדערוויילטע, געפין איך זיך נישט דאָ. זיי האָבן אונדז פון זיך געטריבן, אַזש פון קאָדניע ביז לובלין.

אין מיטן קיבעצן זיך איז אין דער קוואַרטיר פּלוצים אַריין דער „אָפיצער אינספּעקציני". אַ יונגער פּאָדפּאָרוטשניק, קראַכאָווסקי. גלייך האָבן אַלע זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע אויף „באַטשנאָשטש" (אַכטונג), און שוין אַזוי געבליבן שטיין.

ביילין, אַ קיעלצער, דווקא אַ זשוואַווער בחור, האָט ביי זיין אַריינקומען געהאַלטן אין אָנגייען אַ קנעפּל צו

די הויזן. האָט ער זיי גיך אַ צי אַרויף געגעבן און זיי צו־געהאַלטן מיט די הענט, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן.

ביים „אינספּעקציני" האָט זיך צעגאָסן אַ שמייכל אויף זיינע פריש־ראַזירטע באַקן. און ביילין איז, ווי אַ יונג־פרוי, אינגאַנצן רויט געוואָרן.

קראַכאָווסקי, זעענדיק דאָס, האָט שוין דעם בליק אַוועקגענומען פון ביילינען און אים געווענדעט צום דרור־זשינאָוון, יעפרייטער מילער.

— און ווער איז דער אָ שערעגאָוויעץ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר.

— דער איז, פּאַניע פּאָרוטשניקו, אַ ניי־צוגעטיילטער זעלנער.

— אַן אָפּערמע, צי עפּעס רעכטס?

— אָ, פּאַניע פּאָרוטשניקו — האָט שוין מילער גע־ענטפערט האַלב־שפּאַסיק, האַלב־ערנסט, — ער איז אַן אַל־טער זעלנער, אַ פראָנטאָוויק (פראָנט־זעלנער). און ער זאָגט, ער קען אויך, ווען מען דאַרף, זיין אַ לויפער. ער האָט געוואָלט נעמען דעם בוג, האָבן אים די „באָרוועסע" געלאָזט לויפן... זיי האָבן אים געטריבן ביז צום וויעפּש (אַ טייך ביי לובלין, און צוגלייך אויף פּויליש אַ חזיר).

— איר עסט דאָך נישט קיין חזיר, — האָט שוין קראַכאָווסקי זיך אויך געוואָלט אַ וויצל טאָן.

— קיין פּוילישן נישט, אָבער אַמעריקאַנער געוועזלטן — נאָך ווי...

— און וואָס האָט ער געטאָן ביים וויעפּש?

— דאָס ווייס איך שוין נישט. מען דאַרף פרעגן זיין עווידענציע — האָט זיך מילער כיטרע אַרויסגעדרייט. דער אינספּעקציני איז אַוועק. — „ברוך שפּטרני" — האָט מי־

לער נאָך זיין אַוועקגיין געזאָגט. און מיר האָבן ווייטער פאַרגעזעצט דעם שמועס.

וואַלקאָוויטש פּרוּווט זינדיקן

צווישן די יידישע זעלנער איז דאָ געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער בחור, מיט אייניקע יאָר עלטער פון מיר. ער איז געווען וואַלקאָוויטש, אַ דאָרפישער, פון אַן אָרע־מער איינפאַכער משפחה.

אַ פּראָסטער, כמעט אַן אַנאַלפאַבעט, איז ער געווען רוי אין זיין רעדן און האַנדלען. אָפן אין זיינע מחשבות, פלעגט ער זיי אַרויסזאָגן נאַקעט, אומבאַקליידט, מיט אַ פריילעך, נאָר אַ נאַרישעוואַטן געלעכטערל.

ער האָט זיך גלייך ביי מיין קומען אַהער צו מיר צוגעקלעפט, און אַן אַ פאָרשטעל — אַלץ פאַר מיר אַרויס־אַנטפלעקט. און אַזוי ווי ער איז געווען וואָכן פאַר זיין באַפרייאונג, האָט ער געוואָלט אין זיינע לעצטע טעג פון זיין זיין דאָ וואָס מער אַריינכאַפּן — און זאָל דאָס אַלץ גיין אויפן חשבון פון זיין מיליטער־דינסט.

און ווי אַ שיכור, וואָס קען אַליין נישט טרינקען, האָט ער געוואָלט אויך מיך מהנה זיין מיטן זינד־געטראַנק. אין צווייען איז פריילעכער, האָט ער, ווייזט אויס, גע־טראַכט. און ער האָט אַזוי לאַנג אין מיר אַריינגעטענהט, ביז ער האָט מיך גענומען און איך בין מיט אים מיט־געגאַנגען, נישט ווּיסנדיק רעכט ווו און צו וואָס.

ער האָט מיך געפירט איבער געסלעך, ביז ער האָט מיך ערגעץ אַריינגעפירט אין אַ איין־צימערדיקער כאַטע, ווו די טיר האָט געעפנט אַן עלטערע קריסטין, וואָס איז ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך געבליבן אַזוי שטיין אויף איר

אָרט מיט אַ קאַטשערע אין האַנט, ווי היטנדיק איר אוצר, אָדער איינציקן שפּייזער...

אין צימער איז אויף אַ בעטל געלעגן אַ יונג שיקסל פון אַ יאָר 14־15. אָפּגעדעקט, אין איין העמד, איז זי גע־לעגן אַ גרייטע, אַ פּאַרטיקע, ווי אַ צערייפטע צייטיקע פרוכט.

אָבער ווי נאָר וואַלקאָוויטש האָט זיך צו איר דער־נענטערט, האָט זי ווי אַ ברוגזע גלייך זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַרויסשטעלנדיק אים דעם אַנ־דערן טייל...

איך האָב אין מיין אומדערפאַרונג נישט געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר. און נאָך איידער איך האָב באַשלאָסן ווי צו האַנדלען, איז די קריסטין צו צו וואַלקאָוויטשן און, סטראַשענדיק אים מיט דער קאַטשערע, אים געהייסן פאַרלאָזן די כאַטע.

און ער, דער שטאַרקער און גלוסטנדיקער וואַלקאָ־וויטש, האָט מיטן זעלבן רויען געלעכטערל, ווי אַ חדר־ייִנגל, וואָס לאָזט זיך פאַרטרייבן פונעם רבין, זיך גע־לאָזט פאַרטרייבן פון דער באַבע מיט דער קאַטשערע. און מיר האָבן זיך ביידע צוריק אומגעקערט אויף דער קוואַר־טיר אַזוי אומבאַרירט, ווי מיר זיינען אַרויס.

ייִדישע זעלנער זיינען דאָ געווען ביי אַ מאַן זעכציק. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַ שפּאָר ביסל ייִדישע אונטער־אָפיצירן, צו וועלכע מען האָט געהאַט אַ רעספּעקט־פולע באַציאונג. די קריסטן זיינען דאָ געווען אין דער מינדערהייט. און מיט אַזאַ „דאָווודצאַ" קאָמפּאַניע, ווי מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר זיך דאָ געקענט פילן גענוג היימיש.

איך האָב זיך דאָ באַלד פאַרשריבן צום ראַפּאָרט אויף

מונדוראַוואַניע, וואָס איך האָב טאַקע גלייך געקראָגן. די אָרדענונג איז דאָ געווען גאָר אַ גוטע. עס האָט געוואַכט אויף אונדז דאָס אויג פונעם ליבן „דאָוודצאַ״, פּאָרוטש־ניק קאָזשעניעווסקי.

איבונגען זיינען נאָר געווען ביז עלף פרי. נאָכמיטאָג איז מען געווען פריי פון איבונגען און מען האָט נאָר געהאַט אַ „וויקלאַד״, אָדער מען פלעגט לערנען שרייבן, ווייל אויך דאָ האָבן נישט געפעלט קיין האַלבע אַנאַלפאַבעטן.

אַן אָנגעזעענעם אָרט האָבן פאַרנומען די יידישע עלטס־טע: אַ סאַניטאַר־קאַפּראַל, אינסטרוקטאָר, ביוראָ־שריי־בער און אַנדערע. אַפילו אַ „שר המשקים״ און אַ „שר האופים״ האָבן מיר געהאַט יידישע.

ווי באַליבט דער יידישער קאַפּראַל איז געווען, באַווייזט דער פאַקט, וואָס אַפילו נישט קענענדיק מער ווי זיך אונטערשרייבן (אויף פויליש), האָט ער זיך דערדינט אָן קיין שום פּראָטעקציע, צו צוויי בענדלעך און איז געווען פון די הויפּט־אינסטרוקטאָרן אין דער קאָמפּאַניע, נאָר אַדאַנק זיין באַזונדער העלדישקייט, וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן אויפן פראָנט.

ס׳איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען די איינגעפירטע דעמאָקראַטישע קיך־אָרדענונג. אַלס פּראָוויאַנטירונג־קאָ־מיסאַר האָבן די זעלנער אַליין אויסגעוויילט פון צווישן זיך אַ ייד, מענדעלסאָן, וועלכער האָט שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז דער קעסל זאָל זיין פול און געדיכט. מיטן געזאַנג האָט אָנגעפירט אַ לובלינער יידישער בחור, וועל־כער האָט מיט די פוילישע קאַזאַרמע־געזאַנגען שוין אויך מיטגעשלעפּט זיינע יידישע פאָלקלאָריסטישע. מיר האָבן באַהערשט דאָס דאָרף און אונדזערע באַפעלן פלעגן די פּויע־רים אויספירן פּינקטלעך.

די לאַגע פון דעמאָלסטיקן מיליטער

עס האָט דאַן געהערשט דער דייטשער מוסטער אין גימנאַסטיק און מיליטער־איבונגען. אונדזער דריטער באַאַן האָט זיך געפונען אין דאָרף גראַניאַן, ווו עס זיינען געווען צוויי יידישע פאַמיליעס.

הגם ס׳איז שוין געווען שלום מיט די באָלשעוויקעס, דאָך איז מען נאָך אַלץ געווען קאַמפּס־גרייט. אויך דאָס שטיין ביי די גרענעצן האָט געפאָדערט אַ באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט. דערפאַר איז אויך שווער געווען צו באַ־קומען אורלויב.

אין די קאָמפּאַניעס האָט מען זיך אויך שטאַרק פאַר־נומען מיט בילדונג. אין יעדן אָרט איז געווען אַ ספּע־ציעלער בילדונג־רעפערענט, און אַ „מקום תורה״, וואָס האָט געהייסן „שוויעטליצאַ״.

פּאָרוטשניק קאָזשעניעווסקי

אונדזער דאָוודצאַ קאָזשעניעווסקי איז געווען אַ גו־טער מענטש. כאָטש אויסערלעך נישט קיין שיינער, ווייל אַ קליין־ווקסיקער און פולער, האָט ער אָבער אויסגעזען ווי שענקעוויטשעס „פּאַן וואָלאָדאָיאָווסקי״ מיט דער לאַנ־גער שווערד פון „אָגניעם אי מיעטשעם״ — כאָטש די שווערד איז שוין דאַן אַרויס פון דער מאָדע, און זיין העל־דישקייט האָב איך נישט באַוויזן צו זען.

ער האָט אָבער געהאַט אַ פּאַוואַזשנעם אויסזען און ערנסטן בליק, און אין קאָפּ האָבן זיך אים שוין דורכ־געוואָרפן זילבער־ווייסע האָר. ער איז געווען דער עלטסטער אָפיציר אין פולק.

מיט אַ געפעפערטן קאַזאַרמע־אויסדרוק פלעגט ער זיך

באַנוצן זייער זעלטן, און דאָס אויך אין אַ זייער געמיטלעכן טאָן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

פּאָרוטשניק ק. פלעגט אויך פאַרטרעטן דעם באַאָנפירער, בעת יענער איז געווען אָפּוועזנד. געוווינט האָט ער אין הויף, ווו ער האָט זיך געשדכנט צו די פּריצישע טעכטער. און מיר האָבן פון זיין דאָזיקן ליובען זיך נישט ווייניק גענאָסן.

ער האָט איינמאָל געמאַכט אין הויף אַ גאַנצן באַל, אַן עכט פּריצישן באַל, ווו זיי, די פּריצישע געסט, האָבן זיך געבאַוויעט און געטרונקען. און אין דער דאָזיקער שמחה האָט ער אויך אין אונדז נישט פאַרגעסן.

מיר זיינען געווען זיינע געלאַדענע געסט. ער האָט זיך מיט אונדז, אורחי פּרחיניקעס, נישט געשעמט. און „כטוב לב הפּריצים ביין", האָבן מיר זיי געלאָזט זיך באַווייען וויפל זייער האַרץ האָט געגלוסט. און מיר האָבן זיך דערווייל צוגעכאַפּט אין קיך צו די געבראָטענע קאַטשקעס און קוראָפּאַטוועס און זיי פאַרשלונגען צוזאַמען מיט די איבעריקע פּריצישע מעדנים. און ער, קאָזשעניעווסקי, האָט אונדז אַפילו נאָכן אויסניכטערן זיך אַ וואָרט נישט געזאָגט.

מיר האָבן זיך בעת מעשה געוווּנטשן, אַז דער באַל זאָל זיך וואָס לענגער ציען. „טרינקט, טרינקט, קינדערלעך, פאַרשיכורט זיך און פאַרגייט זיך אין אייערע צעכוואַליעטע טענץ.

„נעמט שאַרמאַנט אַרום, קאַוואַליערן, אייערע דאַמען און זאָלן זיך הויבן זייערע פיס און צעפּאָכען און צעשאַרזשען זייערע קליידער, ווי באַוועגט פון אַ כישוף־ווינט.

„פאַרזיסט אייערע העלדזער מיטן רויטן באָרדאָווין, מיטן צעשוימטן שאַמפּאַניער און מיט אייער יחוסדיקן אַלט־פּריצישן מעד.

„פליסטערט, פליסטערט אין אייערע דאַמעס אויערן צעצונדענע רייד פון ליבע און תאווה און פאַרגייט זיך אין אייערע מאַזורקעס ביז צו אַ פאַרגאַפּטן פאַרגעסן. מיר ווינטשן דאָס אייך, אייך וויל־געבוירענע, באַזונדערס דיר, אונדזער גוטן דאַוודזאַ, פּאַן וואָלאָדאַיאָווסקי, פונעם גאַנצן האַרצן."

ווי אַ געטרייער פּאַטער, האָט ער שטענדיק געזאָרגט ווי אַזוי צו מאַכן באַקוועמער דאָס לעבן פונעם זעלנער. ער האָט געזען, אַז די פּראָדוקטן זאָלטן שטענדיק זיין פריש, דער קעסל געדיכט, די פּאָרציעס ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אויך דעם זעלנערס מונדיר זאָל זיין גאַנץ.

אויף די קריסטלעכע חגאות האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות איינצואָרדענען דעם יום־טוב פאַר די זעלנער וואָס שענער און בעסער. ער האָט אַוועקגעשיקט דעם פּראָוויאַנטירונגס־קאָמיסאַר איינצוקויפן די בעסטע אַמע־ריקאַנער מעל און פעטס, און ווען דער גלח האָט עס שפּעטער „געהייליקט", האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט אַ באַזונדער הנאה, אַז מיר האָבן די בעסטע פּראָדוקטן פונעם גאַנצן פּולק.

אויף חגא האָט מען אויך פאַר אונדז איינגעאָרדנט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג און מען האָט געגעבן יעדן זעל־נער צו פלאַש בראָנפן.

שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַן אינצידענט צווישן אונ־דזער פּאָרוטשניק מיטן אָנפירער פון באַאן און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ק. זאָל פון אונדז אַוועקגיין.

אָבער נישט אים און נישט אונדז האָט זיך געגלוסט שיידן איינער פון אַנדערן. די קאָמפּאַניע האָט דעריבער אָנגעשריבן צום פּולקאָווניק אַ פּעטיציע, אונטערגעשריבן

פון אַלע זעלנער, ווו מיר האָבן אויסגעדריקט אונדזער קעגנזייטיקע טריישאַפט און פאַרבונדנקייט.

ביי אַן אַלגעמיינעם „פשעגלאָנד" פון פולק האָט ק. איבערגעגעבן די ביטע דעם פולקאָווניק. ס'איז אים אָבער נישט געלונגען. דער סוף איז געווען, אַז אונדזער גוטער „דאָוודצאַ" קאָמפּאַניע, פּאָרוטשניק קאָזשעניעווסקי, איז איינגאַנצן פון אונדז אַוועק און אַריבער אין רעזערוו.

דער צווייטער פסח אין גאַרניזאָן

הגם אין קאַזאַרמע קריכט די צייט זייער פּאַמעלעך, דאָך איז זי אויך אַוועק. ס'איז אָנגעקומען דער פּורים און מען האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן פסח. מיר האָבן נאָר געהאַפּט אויפן דאָרף, ווו עס זיינען געווען צוויי יידישע פאַמיליעס.

גייענדיק אין דער „קאָמיסיא גאָספּאָדאַרטשאַ" האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך משתדל געווען ביי איינער פון די צוויי יידישע פאַמיליעס, ה' י. ל., ער זאָל זיך באַמיען איינצואָרדענען פאַר אונדז א געמיינזאַמע זעל־נערישע קיך.

כאָטש אונדזערע יידישע זעלנער אַליין האָבן זיך דער־פון מייאש געווען, בין איך פונדעסטוועגן צוזאַמען מיט ה' י. ל. געגאַנגען צו אונדזער קאַפּיטאַן זיך משתדל זיין וועגן דעם ענין, און מיר האָבן טאַקע אויך געפועלט.

מיין פרייד איז געווען גרויס. אַ קליינִיקייט, האָבן אַן אייגענעם בציבורדיקן פסח, אַ פסח, איינגעאָרדנט פון זיך און פאַר זיך אַליין, ווו מיר וועלן זיך פילן פריי און היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים. האָבן מיר זיך טאַקע צו דעם אַ נעם געטאָן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט.

נאָך אַ שטיק פאַר פסח האָט מען אָפּגעלאָזן אייניקע

יידן, וועלכע זאָלן זיך פאַרנעמען מיט די הכנות צום יום־טוב. זיי האָבן אַרויסגעקראָגן דעם פּראָוויאַנט פאַר די גאַנצע אַכט פּסח־טעג און עס איבערגעביטן אויף פּסח־פּראָדוקטן.

אַביסל צושטייער האָבן מיר אויך געקראָגן פון אי־וואַנישקער רב און אַביסל האָט זיך יעדער פון אונדז באַ־שטייערט, אַזוי אַז מיר האָבן געפייערט אַ פריילעכן און כשרן פּסח.

אַלע יידישע זעלנער פון דריטן באַאָן האָבן זיך אויס־געזעצט אַרום די טישן ביי ה׳ י. ל. אין שטוב און דאָרטן פאַרבראַכט געמיטלעך און חירותדיק. עס איז געווען לרוב, כיד המלך, און ס׳איז נאָך אַפילו געבליבן.

ס׳איז אונדז אָבער נישט באַשערט געווען צו פאַר־ענדיקן דעם גאַנצן פּסח אומגעשטערט. פּלוצים האָבן מיר חול־המועד באַקומען אַ פאַראָרדענונג אַרויסצומאַרשירן.

אַן אומעט איז אונדז באַפאַלן. ווי שלעפּט מען זיך מיטן גאַנצן פּסחדיקן פּראָוויאַנט? ווי אַזוי לייגט מען אַריין די „עוגות מצות" אין די זעלנערישע טאָרניסטערס? און וואָס טוט מען מיטן קעסל פּסחדיקע רייז?... און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו נעמען די מצות און די זעקלעך פּראָוויאַנט אויף די אַקסלען, ווי ביי יציאת מצרים.

מיר האָבן אָבער געפּועלט ביים קאַפּיטאַן, אַז נאָכן באַקענען זיך מיטן נייעם אָרט, וווהין מיר האָבן צוזאַמען מיט אַלע מאַרשירט, זאָלן מיר זיך צוריקקערן אין גאַרניזאָן, כדי צו פאַרענדיקן דעם פּסח.

דער אַרויסמאַרש קיין מאָלאָדעטשנע

אַט אַזוי האָבן מיר ביסלעכווייז מאַרשירט פון אָרט צו אָרט. אָפּגעגעסן די פּויערים אַביסל די ביינער אין איין

דאָרף, זיינען מיר געגאַנגען אין אַ צווייטן, ביז מיר זיינען צוגעפאָרן מיטן באַן קיין מאָלאָדעטשנע, וווּ עס איז געשטאַנען די ניינטע דיוויזיע.

מיר זיינען געשטאַנען פיר וויאָרסט הינטער מאָלאָדעטשנע, אין דאָרף בורקאָוו. מיר פלעגן גיין צו דער דיוויזיע אויף „וואַרטע", ווו מיר זיינען געשטאַנען ביי אַלע גאַרניזאָנאָווע פאָסטנס.

נאָך אייניקע וואָכן האָט מען אָנגעהויבן פונאַנדערצעוואַרפן אין די קאָמפּאַניעס די יאָרגענג 1899 און 1900. כ'בין אַריבער אין דער ניינטער קאָמפּאַניע אונטער דער אָנפירונג פון פּאָרוטשניק בירא.

קאַפּיטל עלף

אין דער ניינטער קאָמפּאַניע — פּאָרוטשניק בירא — מען ריכט זיך אויפן „דזשאַדעק" — אין פּאָלאָוון שפּיטאָל — „אוזשאָנד גאָספּאָדאַרטשי" — אין דער אַכטער קאָמפּאַניע.

דעם 20־טן מאַי בין איך שוין געווען אַ תושב אין דער פרישער קאָמפּאַניע, אינעם דאָרף סיעליעניאָווקע. מיר האָבן זיך באַמיט צו זיין אין איין שטוב, נאָר נישט געפינענדיק קיין פּאַסיקע דירה, האָבן מיר זיך צעטיילט אין צוויי הייזער.

אויף מיין חלק איז אויסגעפאַלן אַן אַלט חרוב הויז, און דער בעל־הבית האָט אויף דעם שטאַרק פּראָטעסטירט, אַראָפּברענגענדיק צוליב דעם דעם מאָלאָדעטשנער סטאַראָסטע. אַ חוץ די צוויי הייזער האָבן מיר נאָך צוגענומען אַ דריט' נישט־פאַרענדיקט הויז, ווו מיר האָבן געמאַכט

אַ „שוויעטליצע״, וואָס איז געווען די שענסטע אינעם גאַנצן פולק.

דאָ האָבן מיר זיך ווידער אָנגהויבן צו עוסקן מיטן ביקס אויפן רעקרוטישן שטייגער. עס האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן אַ פרישע סדרה פון די אַלערליי „טשוויטשעניעס״, ווייל ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דער פראַנצויזישער מוסטער, און פונעם אַלטן דייטשן מוסטער האָבן מיר זיך אָפּגע־טרייסלט.

אַלע אָן אויסנאַם זעלנער, אונטעראָפיצירן און אַפילו סערזשאַנטן, האָבן, נעבעך, געמוזט גיין צוריק אין חדר אַריין און אָנהויבן אויפסניי פון בראשית. זיי האָבן געמוזט שטיין צו דער דיספּאָזיציע פון אַן אינסטרוקטאָר, אָפטמאָל קלענער אין ראַנג פון זיי.

דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ שטיקל טרייסט. דאָס שטיין צוזאַמען מיט די עלטסטע אויף איין פּלאַץ און סאָלידאַריש מאַכן דעם „נאַ טעמפּאָ כוויטש בראָן״, „פּאָ פראַנצוסקו״, האָט אַביסל פאַרגרינגערט דאָס געמיט...

עס זיינען אָנגעקומען נייע אינסטרוקטאָרן. די אַלטע זיינע אַצינד אַלע געגאַנגען לערנען. מיר האָבן געמאַכט כסדרדיקן פאָרשריט. מען האָט געטריבן וואָס גיכער זיך אויסצולערנען די נייע תורה. און הגם דער מלחמה־מאַרק האָט שוין נישט געפאָדערט קיין סחורה, האָט מען אָבער געוואָלט ביים באַפרייען די עלטערע יאָרגענג זיי אַוועקשיקן פאַרטיקע מומחים, אַזוי אַז די נייע פראַנצויזישע „תורה״ זאָל זיך איינקריצן אין מוח אויף לאַנגע יאָרן.

די צייט האָט זיך גערוקט. מיר האָבן געציילט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, וואַרטנדיק אויף די יידישע יום־טובים, וואָס דאַרפן קומען, כדי דורך זיי צו כאַפּן אַ לענגערע פויזע.

מיר זיינען שוין געווען האַרט פאַר ראש־השנה. עס

איז אָנגעקומען אַ באַפעל צו באַפרייען די יידישע זעלנער אויף יום־טוב. מיר האָבן געקראָגן אַ „פשעפוסטקע" אויףביידע טעג ראש־השנה. כ'בין געגאַנגען אין שטאָט אַריין. איך האָב שוין דאָרט געהאַט אַ באַקאַנטן, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויף יום־טוב. פונדעסטוועגן איז מיר געווען שווער זיך צו דעצידירן צו גיין צו אַ פרעמדן טיש עסן און כ'האָב געפירט מיט זיך אַן אינערלעכן געראַנגל.

ענדלעך האָב איך באַשלאָסן גיין צו מיין באַקאַנטן, ווייל אַזוי אַרום וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו זיין כאָטש צוויי טעג חוץ לתחום פון די קאָשאַרן. איך בין אָבער געזעסן ביים טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נאַאיוו, שעמעוודיק, און נישט געקענט קוקן מיין גאַסטגעבער גלייך אין די אויגן אַריין.

מיין פאַנטאַזיע האָט מיך אַוועקגעטראָגן אין עבר. איין בילד נאָכן אַנדערן איז פאַרביי פאַר מיינע אויגן, וואָס האָבן כסדר געזען בילדער פון דער היים און סביבה, פון וואַנען איך בין געוואָרן אַרויסגעריסן. אויף אַזאַ אופן האָב איך פאַרבראַכט ראש־השנה ביי מיין באַקאַנטן, ווו איך האָב פאָרט געהאַט אַ מין ערזאַץ־היים.

דער ראש־השנה איז אויך אַוועק. עס איז אָנגעקומען דער אָוונט, און מען האָט געדאַרפט צוריקגיין אין די קאָשאַרן. און ס'איז געוואָרן נישט גוט אויפן האַרצן. עס האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט גיין צוריק. און דער יצר־הרע האָט געאַרבעט מעשים. נאָר פאַרפאַלן, נישטאָ קיין ברירה, מ'מוז גיין צוריק.

יום־כיפור בין איך אויך געווען פריי. דערפאַר אָבער, ווען איך בין אויף סוכות ווידער געקומען בעטן ביים פּאָרוטשניק אַ „פשעפוסטקע", האָט ער מיר שוין גע־ענטפערט בייז און פאַרקרימט: „איר האָט צופיל יום־

טובים. וועסט נישט קריגן!" בין איך טאַקע דאָס מאָל געבליבן סוכות אין דאָרף, הגם פון אַנדערע קאָמפּאַניעס האָט מען יאָ באַפרייט.

פּאָרוטשניק בירא

אויבנאויפיק וואָלט מען אונדזער „דאָוווּדצאַ" גע־קענט אָננעמען פאַר אַ שלעכטן מענטש. ער איז עס אָבער אין דער ווירקלעכקייט נישט געווען, ווי ער איז אויך נישט געווען קיין גוטער.

געווען איז ער אַ „סלוזשביסטער", ווי בכלל אַ מענטש, וואָס האַלט זיך שטרענג ביים מיליטערישן „שולחן ערוך" מיט אַלע זיינע פּיטשעווקעס און איז פון אים נישט אָפּ־געטראָטן אויף קיין האָר. צו זיין שבח מוז מען אָבער זאָגן, אַז דאָס זעלבע האָט ער געפאָדערט סיי פון זיינע זעלנער און סיי פון זיינע אונטעראָפיצירן, און אַפילו אָפיצירן.

טשוויטשען, איבן זיך, האָט מען זיך ביי אים געדאַרפט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט געמאַכט גוט. אויב מען האָט נישט געקענט, פלעגט ער אָפּטמאָל אָפּהאַלטן די קאָמפּאַניע ביז נאַכט. פאַרן קלענסטן אָפּנויג פון דער פאָרמעלער דיס־ציפּלין פלעגט ער אויך שטרענג באַשטראָפן. דער זעלנער האָט ביי אים געמוזט זיין פּינקטלעך, ווי אַ זייגער.

דערפאַר אָבער וואָס איז נוגע דעם זעלנערס באַדער־פעניש, האָט ער זיי אויך אַזוי פּינקטלעך באַפרידיקט אויפן בעסטן אופן. ער האָט שטענדיק אַכטונג געגעבן אויפן קעסל. איידער ער האָט פאַרזוכט דעם מיטאָג, האָט מען אים נישט געטאָרט אַרויסגעבן; האָט געשאַפן אַ וואַר־שטאַט אויף צו פאַריכטן די מונדירן און די שיך. זומער פלעגט ער איינקויפן אויבסט און עס שפּעטער פאַרקויפן די זעלנער צו ביליקע פרייזן, און יעדן זונטיק פלעגט ער

איינאָרדענען פאַר זיין קאָמפּאַניע אַ טאַנץ־אָוונט, ווו עס האָט אויך געשפּילט אַ גראַמאָפאָן.

ער האָט אויך געזאָרגט וועגן בילדונג פאַר זיינע זעל־נער. און פאַרן קלענסטן מיסברויך לגבי די זעלנער, פון וועמען עס זאָל נישט זיין, פלעגט ער שטרענג באַשטראָפן.

אַפילו צו זיין פאַרטרעטער, אַן אָפיציר, האָט ער זיך באַצויגן אַזוי ווי צו אַלע. אין איינעם אַ פרימאָרגן, בעתן מאַכן גימנאַסטיק, ווען זיין פאַרטרעטער איז אַרומגעגאַנגען אין פלאַשטש, און דאָס אין אַ ביטערער קעלט, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן : אפשר וואָלט דער הער פּאָרוטשניק אויסגעטאָן דעם פלאַשטש ?"

געווען איז ער אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ שטאָלצער אַטלעטישער פיגור, אַן ערנסטן שטרענגן גע־זיכט, געגאַנגען גלייך ווי אַ סטרונע און האָט זיך פלינק באַוועגט.

אַזוי, האָט ער אויך געוואָלט, זאָלן אויסזען זיינע זעלנער.

מען ריכט זיך אויפן „דזשאַדעק"

אין איינעם אַ טאָג האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער „דזשאַדעק" פּילסודסקי קומט אַהער אויף אַ באַזוך.

די לעגענדע פּילסודסקי איז דאַן געווען אין איר פולער הויך, בפרט תיכף נאָכן זיג ביי דער ווייסל. דער מלוכה־שעף יוזעף פּילסודסקי איז געווען געשעצט און געערט נישט נאָר ביי די ציווילע מאַסן, נאָר אויך, און נאָך מער, ביי דער אַרמיי. דאָס וואָרט „דזשאַדעק", וואָס האָט געהאַט אַ באַ־זונדערן צויבער־קלאַנג, האָט נאָך פאַר מיר געקלונגען יידישלעך און געמיטלעך.

איך האָב זיך דערמאָנט אין אַלע יידישע זיידעס, ווי

אברהם אבינו, אליהו הנביא, שפּאַלער זיידע, מענדעלע מוכר ספרים און אַנדערע. ווייל שוין זיין געשטאַלט האָט געגאָסן פון אַ וואַרעמער סימפּאַטיע פון אַלע זעלנער, אָן חילוק פון גלויבן.

יעדער זעלנער, ווען מען האָט אין קאַזאַרמע דער־צויגן צו העלדישע טאַטן, האָט ליב געהאַט פּילסודסקין, ווען דאָס פאָלק האָט אַרומגענומען מיטן אָרעאָל פון העלדישקייט. בפרט נאָך ווען אין דער אַרמיי האָבן זיך אַרום אים געוועבט לעגענדעס וועגן זיין אויסערגעוויינלעכער פּאָלקסטימלעכער באַציאונג און שטאַרקער ליבע צו די זעלנער.

זיין איינפאַך, באַשיידן בילד, וואָס האָט זיך געפונען אין די קאַשאַרן, ווי ער שטייט מיט זיין קורטקע און פּראָסטן היטל, האָט דעם מאַסן־סאָלדאַט באַגייסטערט.

ביי די יידישע זעלנער האָט נאָך זיין נאָמען אַרויס־גערופן מער רעספּעקט. זיין קרבנות־גרייטקייט, געמישט מיטן געפיל פון אַ קעמפער קעגן אונטערדריקונג, האָט פאַר אונדז געמיינט צו געפינען אין אים אַ באַשיצער פון אונדזערע רעכט — און מאַכן אים פאַר אונדזער העלד.

אין דאָרף האָט געהערשט אַ יום־טוב שטימונג. דאָס דאָרף האָט זיך געקליבן מקבל פּנים זיין פּילסודסקין אויף זיין שטייגער, און מיר — אויף אונדזער שטייגער. דעם גאַנצן וועג האָט מען גערייניקט און אים באַשאָטן מיט פרישן זאַמד, און ביים סאַמע אַריינגאַנג אין דאָרף האָט מען אויפגעשטעלט אַ טויער. און אַלע האָבן געוואַרט מיט שפּאַנונג אויפן גרויסן גאַסט.

מען האָט אונדז אויך מכבד געווען לכבוד דעם מיט אַ פעטן מיטאָג און מיט חזיר־פלייש, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט פאַרזוכט. מיר זיינען אויך געווען דעם טאָג פריי.

דער „דזשאַדעק" איז אָבער נישט געקומען. באַשערט געווען אַן אומזיסטער יום־טוב און אַן אומגעריכטער גולאַש־מיטאָג.

אין פּאַלאָוון שפּיטאָל

דערווייל האָב איך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו ליידן אויף די אויערן.

איך בין אַוועק צום באַטאַליאָן דאָקטאָר, וועלכער איז אינגאַנצן געווען נישט מער ווי אַ פעלדשער.

נאָכדעם ווי ער האָט מיר אַריינגעקוקט אין אויער און אַריינגעטאָן אַ שטיקל וואַטע, האָט ער מיך דערקלערט פאַר אַ געזונטן. געווען, ווייזט אויס, אַ מבין, ווי „אַ חזיר אויף הייוון". און פאַר דער העזה פון מאַכן זיך קראַנק, האָב איך נאָך געדאַרפט גיין אין פּאַקע.

איך האָב אָבער נישט רעזיגנירט. וויסנדיק ביי זיך, אַז איך בין באמת קראַנק, בין איך נאָך אַמאָל געגאַנגען צום דאָקטאָר, דאָס מאָל צום פּולקאָווון, וועלכער האָט שוין פאַראָרדנט מיך צו שיקן אין שפּיטאָל.

איך בין אָנגעקומען אין פעלד־שפּיטאָל נומער 204, הינטער לידע. הגם אין שפּיטאָל האָט מען שוין געגלויבט אין מיין קרענק, האָט מען מיר דאָך נישט געגעבן קיין רפואות.

אַז מען האָט מיר איינמאָל אַוועקגעלייגט נעבן בעט די פּאַפּירן וועגן מיין קראַנקהייט, ווייל עס האָט געזאָלט זיין אַן אינספּעקציע פונעם גענעראַל־דאָקטאָר, האָב איך געכאַפּט אַ קוק אין זיי און בין געוואָרן נשתומם. דאָרטן איז געווען געשריבן, אַז איך האָב אַן אָנצינדונג אין מיטלסטן אויער, און אָט דערפאַר האָט מען מיר עטלעכע מאָל געגעבן „טשובע" פאַר מאַכן זיך קראַנק.

זעענדיק, אַז פון אַזאַ היילן, וואָס מען גיט מיר דאָ, וועל איך אַזוי גיך צו זיך נישט קומען, האָב איך שוין אין שפּיטאָל לענגער נישט געוואָלט בלייבן און האָב זיך פאַר־נומען, נאָכן אַרויסקריגן מיינע פּאַפּירן, צוריק אין קאָמ־פּאַניע אַריין.

אָנקומענדיק אין קאָמפּאַניע, האָט מיך דער פּאָרוטש־ניק ביים ערשטן ברוך־הבא גלייך געפרעגט, צי איך בין שוין געזונט. הערנדיק פון מיר, אַז דערווייל איז נאָך אַלץ ווייט דערפון, האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי איינער זאָגט: אויב אַזוי, קענסטו גיין ווייטער.

מען האָט טאַקע באַלד צורעכט געמאַכט מיינע דאָקו־מענטן און מיך אָפּגעשיקט אין „אוזשאָנד גאָספּאָדאַרטשי" פון דער ניינטער דיוויזיע.

„אוזשאָנד גאָספּאָדאַרטשי"

האַרט ביי דער סטאַציע מאַלאָדעטשנע נעבן באַן־הויף, אַ צוואַנציק טריט פון די שינעס, האָט זיך געפונען דער „אוזשאָנד גאָספּאָדאַרטשי", ווו ס'איז אויך געווען די ביוראָ און „פּאָדאָדזיאַל" (אונטער־אָפּטייל).

אין צוויי באַזונדערע צימערן, איינער נעבן אַנדערן, זיינען געווען צעלייגט די זעלנער מיט זייערע אונטער־אָפיצירן. דער בעל־הבית איז געווען אַ „פּלוטאָנאָווי", וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט פון אויסלאַדעווען און אָנלאַדעווען דעם פּראָוויאַנט און אַנדערע מיליטערישע חפצים פאַר דער גאַנצער דיוויזיע.

דערנעבן האָבן זיך אויך געפונען די סחורה־סקלאַדעס, ווו מען פלעגט צופירן די סחורה מיט אַ מין וועגעלע, וואָס איז געגאַנגען אויף שינעס.

חוץ דער אַרבעט, וואָס איז פאַר פיזיש־געזונטע האַרע־

פּאַשניקעס געווען נישט שווער, און מען פלעגט דערביי אויך עפּעס טועם זיין, — האָט מען נאָך דערצו געדאַרפט היטן ביינאַכט די מאַגאַזינען און די ביוראָ.

אויפן זעלבן פלאַץ האָט זיך אויך געפונען די בעקעריי פון דער דיוויזיע. איך האָב דאָ געטראָפן אַ וויטן קרוב, וועלכער האָט זיך ביי מיין אָנקומען באַפרייט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיר. ער האָט זיין גאַנצע דינסט דאָ פאַרבראַכט.

איך בין אָנגעקומען אין קאַנצעלאַריע אַלס „לאַנטשניק" און ס'איז מיר דאָ געגאַנגען זייער גוט. חוץ מיין אַרבעט בין איך אויך, בעת די קאַנצעלאַריע איז געווען פאַרמאַכט, געווען דער גאַנצער בעל־הבית איבער אַלע סחורות, וואָס זיינען דאָרט געווען אין רעזערוו.

איך בין געשלאָפן אַליין אין אַ צימער, וואַרעם, ליכטיק און ריין. איך האָב כמעט נישט געפילט, אַז כ'געפין זיך אין מיליטער.

די צייט איז מיר דאָ געלאָפן גיך, ווי נישט פאַרגינענדיק מיר דאָס ביסל רו און באַקוועמלעכקייט. נאָר דווקא, ווייל ס'איז מיר דאָ געווען גוט, ווייל איך בין געווען פריי פון די זאָרגן פון גוף, האָבן זיך אין מיר דערוועקט אַנדערע פאַרלאַנגען.

עס האָט זיך אין מיר צעברענט אַ חשק צו קריגן אורלויב און מיט אַלע מיטלען אים צו באַקומען. און די דאָזיקע גלוסטונג און בענקעניש נאָך דער היים האָט מיר קיין רו נישט געגעבן.

איך וואָלט אַלץ מוחל געווען, אַבי מען זאָל מיך לאָזן כאָטש אויף אייניקע טעג זיין אין דער היים. און איך האָב באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז זיך צו דערווערבן דעם דאָזיקן אורלויב, זאָל זיין וואָס ס'איז.

עס האָבן זיך דערנענטערט די קריסטלעכע חגאות. איך האָב זיך פֿאַרשריבן צום ראַפּאָרט צו באַקומען אורלויב. די קריסטלעכע זעלנער זיינען אָבער דאַן געווען בילכער, ס'איז דאָך זייער יום־טוב. און איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, דעם אורלויב נישט באַקומען.

פֿאַרלירנדיק דאָס געדולד צו וואַרטן, האָב איך זיך דעציִדירט אויף אַ געוואַגטן שריט. איך האָב אָנגעשריבן אַ ביטע וועגן דעם דירעקט צום „דאָוודצאַ דיוויזי", גענעראַל טראַיאַנאָווסקי, אַז מען זאָל מיר גלייך געבן אורלויב.

מיין טענה האָב איך מאָטיווירט דערמיט, וואָס נישט־קוקנדיק אויף דעם וואָס איך בין אַ פֿראָנט־זעלנער, און דין שוין אַ לאַנגע צייט, האָב איך נאָך אַלץ קיין אורלויב נישט באַקומען.

הגם איך האָב געוווּסט, אַז לויטן מיליטערישן רעגו־לאַמין קומט מיר אַ שטראָף פֿאַר ווענדן זיך אָן רשות צו דער העכערער מאַכט, בין איך דאָך געווען גלייכגילטיק און אַפּאַטיש צום גאַנצן ענין.

ווי מעכאַניש און אָן איבערלייגונג האָט די האַנט געשריבן און אַזוי אויך אַריינגעוואָרפֿן די ביטע אין פּאָסט־קעסטל. די קריסטן האָבן געקוקט אויף מיין „אַרבעט" ווי אויף אַ „ברכה לבטלה" און איראָניש, רייצנדיק זיך מיט מיר: „דער ייד וויל זיך קליגן".

עס איז אַוועק אַ צייט און איך האָב אין דער גאַנצער זאַך שוין אינגאַנצן געהאַט פֿאַרגעסן. און אַז איך האָב זיך וועגן אין דעם דערמאָנט, איז עס געווען צו לאַכן פֿון זיך אַליין.

מיטאַמאָל אָבער רופֿט מען מיך צום „קאַרנעם ראַ־פּאָרט". און דער „שעף", וואָס גיט מיר צו וויסן וועגן

דעם ראַפּאָרט, שטייט אַ פאַרוואונדערטער און איז נייגעריק צו וויסן אין וואָס מיין זינד באַשטייט.

און אויך איך שטיי אַ פאַרוואונדערטער און וויל וויסן „מה פשעתי ומה חטאתי״. און נישט נאָר וויל איך וויסן, נאָר איך ווייס נישט וואָס איך זאָל זאָגן ביים שטעלן זיך צום ראַפּאָרט. ווייל עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דער ראַפּאָרט זאָל עפּעס האָבן אַ שייכות מיט מיין ביטע וועגן אורלויב.

בין איך דעריבער געשטאַנען ביים ראַפּאָרט מיט אַ מינע פון אַ „תם״, זיך אויסגעצויגן ווי אַ סאָסנע, פייניקנדיק זיך אַליין צו דערגיין די סיבה פונעם דאָזיקן ראַפּאָרט. איך האָב צו דער סיבה זיך נישט געקענט דער־טראַכטן און איך האָב ווי ס׳איז אָנגעהויבן מיין מעלדונג.

דעם קאַפּיטאַן, וואָס איז דאָ אַ צייט נישט געווען, איז די גאַנצע מעשה געווען אומבאַקאַנט. און היות ער האָט פון מיר אויך גאָרנישט געקענט דערגיין, האָט ער זיך דעריבער נאָכגעפרעגט ביי זיין פאַרטרעטער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ערשט דערוויסנדיק זיך ביים פּאָרוטשניק וועגן מיין מוראדיקן חטא, איז ער צו צו מיר, מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, און אַזוי שטייענדיק קעגן מיר אַ פרעג געטאָן: „איר האָט עס געשריבן אַ בריוו צום דאָוודצאַ דיוויזי ?״

— יאָ, — ענטפער איך פעסט, און דערפיל איינ־צייטיק אַ פאַרלייכטערונג פון דער אויפגעקלערטער רע־טעניש.

— צי ווייסט איר נישט, אַז דאָס איז נישט דער־לויבט ?

— איך ווייס, הער קאַפּיטאַן.

— פאַרוואָס זשע האָט איר דאָס געטאָן ?

— ווייל איך האָב אַנדערש נישט געקענט קריגן קיין אורלויב און האָב זיך געפילט באַעוולט.

— האָט איר זיך געשטעלט צום ראַפּאָרט וועגן דעם און איך האָב אייך אָפּגעזאָגט ?

— איר האָט מיר צוגעזאָגט, איך האָב אָבער נישט געקראָגן. און איך האָב מער נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, הער קאַפּיטאַן.

זיין פּנים האָט זיך אָנגעבלאָזן, איז געוואָרן פולער און אַ רויטקייט האָט אים איינגאַנצן באַדעקט. און אויפ־געצאָרנט און אויפגעשטורעמט, האָט ער געמאַכט אַ טריט נענטער צו מיר, ביז איך האָב זיין צעבייזערטן אָטעם אויף מיר געפילט. און צעפּאַכענדיק זיך מיט זיין רעכטער האַנט, האָט ער אויף זיין גאַליציאַנישן פּויליש אַ ריטשע געטאָן :

— איך וואָלט דיר אַזוי דערלאַנגט, אַז מען וואָלט דיינע ביינער אין אַ זאַק געקליבן... „פּערצן טעג שטרענגן אַרעסט !‟

„הדבר יצא‟, און איך בין באַלד איבערגעגאַנגען אין קאָמפּאַניע, ווו איך בין צוריק געוואָרן אַ פּראָסטער „חי וקים‟, געמוזט טראָגן די זעק מיט תבואה אויף די קאַסטאַנעס, אונטער וועלכע איך בין געפאַלן, און גיין אויף וואַרטע. איך וואָלט פונדעסטוועגן באין ברירה אַלץ אַראָפּגעשלונגען, נאָר וואָס וועט זיין מיט מיין אוירלויב ?

נאָר אָנשטאָט אויף אורלויב, בין איך דערווייל אַוועק אין „חד־גדיא‟, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן איינפאַך תבואה־שפּייכלערל, גרויס ווי אַ „טל ומטר‟, מיט לעכער צווישן די ברעטער און אַ קליין אויוועלע, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז עס האָט שוין ווער דאָ אַמאָל געוווינט.

דאָס אייזערנע אויוועלע, וואָס פלעגט איינשלינגען גאַנצע פּערטלען האָלץ, האָט אָבער נישט געקענט פאַר־שפּרייטן קיין קאַפּ וואַרעמקייט אין צימערל, וואָס איז געווען גרויס דלת על דלת. און ס׳איז געווען אַ פינף־און־צוואַנציק גראַדיקער פראָסט. דער ווינט פלעגט דורך די צעלעכערטע ברעטער אַרייניאָגן גאַנצע הויפנס שניי. און אַזוי האָב איך דאָ געדאַרפט פאַרברענגען מיין „אורלויב" גאַנצע פערצן טעג.

איך האָב אָבער אין דער „אכסניה" נאָר טיילווייז און לפנים פאַרבראַכט. ווייל זייענדיק פריער אַ שטיקל „נאַטשאַלניק" (אַ קאַנצעלאַריע־פאַרבינדלער), האָב איך זיך צווישן די פונקציאָנאַרן אַביסל פאַרהיימישט. און דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

פלעג איך בייטאָג אין די פרעסט אַוועקגיין אויף דער מאַלאַדעטשנער סטאַציע, וואָס איז נישט געווען ווייט פון מיין „פּאַקע". און אויף מיטאָג פלעג איך, טראָץ דעם פאַר־באָט, דווקא קריגן טאָפּלטע פּאָרציעס. די פונקציאָנאַרן, אונטעראָפיצירן און אַפילו דער כאָראָנזשע, האָבן געוווּסט מיין „חטא" און זיי זיינען געווען גוט צו מיר, ווי די לייבן צו דניאלן אין זיין לייבן־גרוב.

און אַז דער וועכטער האָט געזען ווי די פונקציאָנאַרן און דער כאָראָנזשע באַזוכן און באַדינען מיך, איז ער אויך פון זיי נישט אָפּגעשטאַנען, און האָט אָפּטמאָל געהיט די ליידיקע ווענט.

איך האָב אָבער אין זיך געפילט די חרפה פון אַ גע־פּאַלענעם „העלד", און דאָס רייצן זיך פון די איבעריקע חברים, די נישט־פונקציאָנאַרן. האָב איך באַשלאָסן זען מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך פון דאַנען אָפּטראָגן.

עס וואָלט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן, ווען דער

קאַפּיטאַן זאָל אויך נישט באַשליסן דאָס זעלבע. מער ווי איך אַליין האָב דאָ שוין נישט געוואָלט זיין, האָט מיין קאַפּיטאַן מיך גיכער נאָך נישט געוואָלט האָבן ביי זיך אין דער קאָמפּאַניע. און אונדזערע שטרעבונגען זיינען זיך צונויפגעקומען, הגם מיט פאַרשידענע כוונות.

און ווען איך האָב זיך, לויט די אָנגענומענע כללים, אַרויסגייענדיק פון „פּאַקע" געמאָלדן צו מיין דאָוודצאַ, אַז איך בין אַ „חוזר בתשובה", האָט ער מיר פעסט געענט־פערט: „אַזעלכע פייגל דאַרף איך נישט. איר קענט צוריק־גיין פון וואַנען איר זענט געקומען".

ער האָט מיך טאַקע געהייסן וואַרטן אויף די פּאַפּירן און תיכף ומיד האָט מען מיר אַרויסגעבראַכט אַ פאַר־חתמעטן קאָנווערט, פאַרזען פון אַלע זייטן מיט טריוואַקס־שטעמפּלען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ חוץ מיין אָפּגעקומענער שטראָף וועט ער מיך נאָך מאַכן „פּאָפּולער" אין פּולק אויך... האָט מיך די נייגעריקייט געוואַלדיק גערייצט צו וויסן וואָס ער שרייבט דאָרטן וועגן מיר. איך האָב זיך דעריבער אַ גאַנצע צייט געראַנגלט מיטן יצר הרע, צי איך זאָל עפענען דעם בריוו, צי נישט. מיין נייגעריקייט האָט אָבער נישט אויסגעפירט און איך האָב זיך גובר געווען.

אין דער אַכטער קאָמפּאַניע

אין דריטן באַאָן פונעם צוויי־און־צוואַנציקסטן פּולק, ווו איך האָב זיך געדאַרפט ווענדן, האָט דער שעף פון קאַנצעלאַריע געעפנט מיין סודותפולן בריוו, ווו עס איז געווען אַ צושריפט: „פאַרוואָס שיקט איר אונדז אַזעלכע פייגל ?"

פאַר אַ זעלנער איז אַזאַ באַמערקונג שוין גענוג צו באַשטימען זיין גורל „לעולם ועד".

ס'איז מיר אָבער אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. ענדלעך איז דער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן און מיין נייגעריקייט האָט זיך געשטילט.

דער קאַפּראַל מ., וואָס איז געווען אַ האַלבער בעל־הבית איבער דער קאַנצעלאַריע, האָט מיר געגעבן דאָס רעכט זיך אויסצווויילן אַ קאָמפּאַניע.

איך האָב זיך אויסגעקליבן די אַכטע, ווייל אין די איבעריקע בין איך שוין געווען, און איך האָב זיך דעריבער געשעמט, טאָמער ווייסט מען שוין דאָרטן דעם רעזולטאַט פון מיין ביטע וועגן אורלויב. עס האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן, אַז אויך אין דער אַכטער קאָמפּאַניע האָט מען שוין וועגן דעם געוווּסט, און דאָס איז טאַקע דאָרטן געווען דאָס געשפּרעך פונעם טאָג.

אַנטוישט און פול מיט רעזיגנאַציע, בין איך אַרומ־געגאַנגען ווי אַ שאָטן, אויסהערנדיק די שפּאָטישע געלעכ־טערס אויפן אַדרעס פון אַ יידישן חכם, וואָס וויל זיין קליגער פון אַלע.

עס האָט זיך אָבער אַלץ אויסגעלאָזט לטובה. דורך אַן אומגעריכטן סיורפּריז בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי די זעלנער אַלס העלד, און מיט דער זעלבער לייכטקייט, וואָס איך בין פריער ביי זיי געוואָרן צום נאַר, בין איך אַצינד פלוצלינג געוואָרן אַ פאָלק־חכם. אַלץ מיטן כוח פון דערפאַלג. און איך האָב געטראַכט: „נישטאָ קיין גרעסערער דערפאַלג, ווי דער דערפאַלג אַליין״.

נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג אין קאָמפּאַניע, אין אַ מאָ־מענט וואָס איך האָב זיך אויף דעם צום ווינציקסטן געריכט, איז געקומען צו לויפן דער לאָנטשניק פון פּולק און מיר געבראַכט אַ קאַרטע צו פאָרן אויף אורלויב.

איך האָב מיינע אויגן און אויערן נישט געקענט גלויבן.

איז עס טאַקע אמת? נאָך מיין פאַרשעמונג און „פאַקע" זאָל איך קריגן דעם אמתן אורלויב, און דווקא אויף גאַנצע איין־און־צוואַנציק טעג, וואָס איז דאַן געווען שווער צו קריגן אַפילו פּאַר יחסנים?

עס איז אָבער פּאָרט געווען אמת. ס'איז געווען „כתוב וחתום" לויט אַלע מיליטערישע נאָרמען. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט ספּעציעל טעלעפאָנירט פון דיוויזיע מיר צו געבן דעם אורלויב. איך האָב נאָר נישט געקענט וויסן, צי די שטראָף פאַרן שרייבן די ביטע איז געווען אין הסכם מיט דער דיוויזיע, אָדער צי האָט עס מיר דער קאַפּיטאַן די שטראָף אַליין געגעבן, אָן וויסן פון דער דיוויזיע.

מיין קאָמפּאַניע־שעף האָט מיר געגעבן אַ צעטל אין שטאַבאָוון באַאָן, ווו איך האָב גלייך געקראָגן אַ רייזע־בילעט און אויסגעצאָלט פאַר דריי וואָכן באַשפּייזונג, און בין תיכף ומיד אָפּגעפאָרן פון מאָלאָדעטשנע.

ענדלעך, ענדלעך, נאָך אַלע דערוואַרטונגען, פיל מי, אַנטוישונגען און אויסגערונענע האָפענונגען, איז מיר דער אורלויב געקומען אומגעריכט. אַ התלהבותדיקע פרייד האָט מיך באַהערשט. איך בין געפאָרן, און דער צוג, האָט זיך מיר געדאַכט, גייט אַזוי פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, און די שטרעקע איז צו ווייט. מיט פליגל וואָלט איך געפלויגן, אַבי וואָס פריער אַריינצוקומען אין שטוב.

מיין האַרץ, פּונקט ווי אַלע זעלנערישע הערצער — וואָס איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון יעדן מענטשלעכן געפיל און אויסגעדרעסירט דורך צוואַנג און געוווינהייט, האָט אין פאַרלויף פון דער דינסט־צייט זיך אַליין אויס־געליידיקט פון דער מוטער, שוועסטער, ברודער, פאַמיליע, און זייער אָרט האָט פאַרנומען: דער „דרוזשינאָווי", אונטעראָפיציר, שעף, „דאָוודצאַ קאָמפּאַני" א. א. וו.

פאַרנדיק איצט אויף אורלויב האָבן די אַרויסגע־שטויסענע פערזאָנען פון מיין האַרץ, וועלכע איך בין געווען ווי געצוווּנגען צו פאַרגעסן, צוריק אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרנעמען זייערע פלעצער.

מיין מוח האָט צוריק אָנגעהויבן צו טראַכטן — נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה — וועגן דער גאַנצער משפחה, און פאַר מיינע אויגן זיינען פאַרבייגעפלויגן פאַרשידענע היי־מישע בילדער.

איך האָב זיך געפילט מיד און צעבראָכן. עסן און שלאָפן האָבן אויסגעפילט אַלע מיינע מחשבות. איך האָב באַשלאָסן, אַז ווי נאָר איך וועל איבערטרעטן די שוועל פון דער היים, וועל איך זיך גוט אָנעסן פאַר דער גאַנצער צייט און זיך אויסשלאָפן, כאָטש... אויף אַ וואָך צייט, פאַר אַלע נישט־אויסגעשלאָפענע נעכט.

וועגן קיין אַנדערע זאַכן האָב איך גאָרנישט געטראַכט. פאַר זעלנער באַשטייט דאָס לעבן פון: רו און חומרדיקע באַדערפענישן, וואָס דריקט זיך אויס, דער עיקר, אין באַ־פרידיקן די נידעריקסטע פאַרלאַנגען, פון וועלכע אַ טייל איז עסן און שלאָפן.

קומענדיק אָבער אַהיים, איז מיר דער גרויסער חשק צום עסן ווי פאַרשוווּנדן. ס'איז פאַר מיר בלויז געווען גענוג עטלעכע טעג, אַז איך זאָל זיך שוין פילן ווי אַ ציווילער.

די ערשטע טעג בין איך געווען דער העלד פון טאָג. פריינט און פיינט האָבן מיך נייגעריק געפרעסן מיט די אויגן און זיך אויסגעפרעגט ווי אַזוי ס'איז מיר געגאַנגען. מען האָט געקענט לייענען זייערע געדאַנקען. די אָנגע־שטעלטע בליקן האָבן ווי גערעדט: זעט וואָס מיליטער מאַכט? דוכט זיך, אַ נעבעכדיק בחורל געווען, און איצט — אַ גאַנצער סאָלדאַט, מיט זעלנערישן געשטעל און פעסטן טראָט.

אויפן זעקסטן טאָג האָב איך דערפילט, אַז צו ציוויל איז נאָך דערוויַיל וויַיט און איך טאָר נישט פאַרגעסן ווער איך בין. גייענדיק מיט אַ מיידל שפּאַצירן אויפן שאָסיי, שטאָלץ און זיכער, דערפאַר וואָס אַלע אינטערעסירן זיך מיט מיר, האָב איך עפּעס נישט געהאַט קיין חשק צו סאַלוטירן דעם פאַריסענעם יעפרייטער, וועלכער האָט נאַרישעוואַטע און גנביש געקוקט, צי איך וועל אים אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד.

ער האָט מיך דערפאַר אָפּגעשטעלט, אויסגעשייגעצט, ווי אַ רבי זיין קליינעם תלמיד, געהייסן נאָך אַמאָל פאַר־בייגיין פאַר אים און סאַלוטירן.

עס האָט מיך שרעקלעך אויפגערעגט. אַזוי מיך באַ־ליידיקן אין קעגנוואַרט פון אַ מיידל? און נאָך ווער? אַ גאַנצער יעפרייטער (איין־בענדלדיקער), ווו אין ערגעץ מאַכט מען פון אים נישט קיין צימעס — און נאָר דאָ אין „קאַדרע" (נאָרמאַלן גאַרניזאָן) איז ער אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם".

איך האָב אים נישט געפאָלגט און זיך געמוזט דערפאַר מטריח זיין אין גאַרניזאָן, ווו מען האָט מיך געוואָרנט, אַז אַ צווייט מאָל זאָל איך זיך אַזוי נישט אויפפירן און פאַרן אַוועקפאָרן זאָל איך זיך קומען מעלדן.

די געשיכטע האָט מיך מוראדיק דענערווירט. איך האָב זיך קיין אָרט נישט געפונען. פונעם גאַנצן אינצידענט האָב איך געמאַכט אַ סוד, כדי קיינער זאָל כאַטש נישט וויסן פון מיין זעלנערישן דורכפאַל.

די טעג זיינען געלאָפן. איידער איך האָב זיך אומ־געקוקט זיינען זיי פאַרשוווּנדן. מען האָט געדאַרפט פאָרן צוריק, וואָס איז אָנגעקומען זייער שווער. עס איז בלויז געווען אַ שטיקל טרייסט, וואָס מען האָט געהאָפט אין קורצן באַפרייט צו ווערן.

אָנקומענדיק צוריק אין קאָמפּאַניע, האָט מען מיך אין עטלעכע טעג אַרום געגרופן צום „דאָוווּדצאַ באַאָנו״, וווּ עס האָט מיך דערוואַרט אַ נייער אומגעריכטער סיור־פּריז.

דעם קאַפּיטאַן, וואָס איז געווען באַקאַנט די געשיכטע פון מיין אורלויב, בין איך, ווייזט אויס, געפעלן געוואָרן. ער האָט מיך גענומען אויף אַ שטיקל פאַרהער, פריינטלעך און היימישלעך, און מיך איינגעלאַדן צו ווערן אַ שרייבער ביי אים אין דער באַאָנאָווער קאַנצעלאַריע.

מיין גאַנצע איינוועענדונג און באַשיידנקייט האָט נישט געהאָלפן. אויף מיין טענה, אַז איך האָב אין דעם אינגאַנצן נישט קיין דערפאַרונג, האָט ער מיר געהייסן עפּעס אָנ־שרייבן, פון וואָס איך בין אים נאָך מער געפעלן געוואָרן. ער איז אַנטציקט געוואָרן פון מיין געדאַנק און קאַליגראַ־פישן פויליש. און דעם דרייסיקסטן מערץ 1922 בין איך שוין אָפיציעל געווען באַשטימט אַלס שרייבער פונעם דריטן באַאָן.

אויך דאָ בין איך נישט פאַרבליבן צו לאַנג, און אַוודאי נישט ביזן סוף פון מיין דינסט.

קאַפּיטל צוועלף

אין קאַנצעלאַריע פון דריטן באאן — דער דריטער פסח אין מאַלאַדעטשנע — דער גראַדנער ש. שמדט זיך — דער איבערגאַנג אין דער פערטער קאָמפּאַניע.

גלייך אין אָנהויב האָב איך געהאַט אַביסל מער אַרבעט. צוליבן באַפרייען די פּריוויליקע האָט מען זיי געדאַרפט אויסשרייבן פון די עווידענציע־ביכער. טעכניש האָבן מיר די גאַנצע אַרבעט אַליין צוגעגרייט, דער קאַפּיטאַן פלעגט עס נאָר דאַרפן אונטערשרייבן.

די הויפט־אַרבעט מיינע פלעגט באַשטיין פון צונויפ־שטעלן ראַפּאָרטן, עווידענציעס, פירן די קאָרעספּאָנדענץ און אַנדערע אַרבעטן פון קלענערער וויכטיקייט.

נאָך דער אַרבעט בין איך געווען פריי און נישט געפילט אויף זיך קיין שום פליכט און דיסציפלין. די שרייבער פון קאַנצעלאַריע האָבן אויך געהאַט אַן אָרדינאַנס, וועלכער פלעגט שוין זאָרגן פאַר זייערע אַלע מאַטעריעלע באַדערפענישן.

אין פּולק איז אויך געווען אַ „שוויעטליצע" מיט אַ ביבליאָטעק, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ שפּאָר ביסל ביכער, צווישן וועלכע עס האָבן נישט געפעלט קיין אַנטי־סעמיטישע בראָשורן.

מיין בעסטער פאַרגעניגן איז געווען אויסצוזוכן אָט אַזעלכע יידיש־פרעסערישע אַרבעטן, איבערלייענען זיי און מאַכן ביי די זייטן הערות. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָב איך געמאַכט אין געהיים.

פאַר קיין גאָר ווילן זעלנער־יאַט האָט מען מיך נישט געהאַלטן. מען האָט מיך באַטראַכט פאַר אַ פאַרביסענעם ייד, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן, אַמווייניקסטן כאָטש שווייגן ביי יידיש־קריסטלעכע וויכוחים, וואָס פלעגן זיך נישט איינמאָל אויסלאָזן מיט אַ סקאַנדאַלעכל.

די קריסטן פלעגן זיך שטיצן אויף די אַנטיסעמיטישע „ווערק", וואָס זיינען פאַר זיי געווען אַ מין „הלכה למשה מסיני". ס'איז טאַקע דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַדאַנק אַזאַ מין ליטעראַטור האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די יידישע און קריסטלעכע חברים, הגם די העכערע מיליטערישע קרייזן איז עס צוליב געוויסע טעמים נישט געווען לרצון.

אויב אַ קריסטלעכער זעלנער פלעגט געפינען, למשל,

אין אַ בראַשור אַזעלכע „פערל״, ווי לויטן תלמוד זיינען נאָר די יידן גאָטס פאָלק, דאַקעגן אַלע אַנדערע — גאָטס פיינט, און סאיז דעריבער אַ מצווה זיי אָפּצונאַרן, א. א. וו., וואָס ער האָט עס אָנגענומען פאַר גוט געלט, איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ער האָט שוין נישט געקענט האַלטן דעם יידישן זעלנער פאַר זיין פריינט.

דער דריטער פסח אין מאָלאָדעטשנע

עס איז אָנגעקומען ערב פסח. איך האָב אָנגעהויבן איינטענהן מיטן שעף וועגן גיין אין שטאָט אַריין. ער האָט שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט מיך אָפּצולאָזן, ערשטנס, צוליב ביוראָ־שוועריקייטן, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל מיך פאַרטרעטן, און טיילווייז אויך צוליב אַנדערע טעמים.

איך בין געווען פאַרצווייפלט. איך האָב אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז איך קען נישט איבערלאָזן די ביוראָ אַליין. פונדעסטוועגן האָב איך זיך נישט מייאש געווען און גע־פרווט אָנווענדן אַלע מיטלען צו באַקומען אַ זיבן־טאָגיקן אורלויב.

אויף מיין גליק איז אָנגעקומען אַ ביוראָליסט פון דער קאַדרע, וואָס האָט מיך געקענט פאַרטרעטן און איך בין שוין דעריבער געגאַנגען אין שטאָט.

אין מאָלאָדעטשנע, ווו איך האָב פאַרבראַכט דעם יום־טוב, איז געווען צוגעגרייט אַ קיך פאַר אַלע זעלנער, הגם נישט אַזוי גלענצנד איינגעאָרדנט. צו דער גראַניאַנער קיך איז זי נישט געקומען. אפשר דערפאַר, וואָס דאָ אין מאָלאָדעטשנע זיינען געווען פיל מער זעלנער. חול־המועד האָט מען אונדז געגעבן טרוקענע פאָרציעס.

דער פסח איז אַוועק און מיר האָבן זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט.

דער גראָדנער ש. שמדט זיך

אין דער זיבעטער קאָמפּאַניע איז געווען אַ פרומער גראָדנער בחור, אַ שניידער. אויף „טשוויטשעניעס" איז ער נישט געגאַנגען, ווייל ער האָט געאַרבעט אין שניידערשן וואַרשטאַט.

פון אַן איינפאַכער משפחה, פלעגט ער אָבער אָפּהיטן אַלע אינדערפרי דאָס דאַווענען, וואָס ס'איז אים, צוליבן וואַרשטאַט, נישט אַנגעקומען שווער, און זיך אויפגעפירט פרום.

פונדעסטוועגן האָט אים די פרומקייט נישט געשטערט אַריינצוגיין אין די פרייע שעהן צו אַ דאָרפיש מיידל, ווו ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט, און אין דאָרף האָט מען שוין אַפילו אָנגעהויבן צו מורמלען, אַז פון דעם פּאָרל וועט זיך עפּעס אויספּיקן.

פון זיינע יידישע חברים האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן. ער פלעגט אַרומגיין פאַרקלערט, ווי באַהאַלטנדיק אין זיך דעם גרויסן סוד, פירנדיק נאָך, קענטיק, אַ קאַמף מיט זיך אַליין, פאַרן לעצטן באַשלוס.

ער איז געווען פאַרליבט אין דער קריסטין ביז איבער די אויערן. מען האָט געדאַרפט קומען צו אַ רעזולטאַט. זי האָט אים צוגערעדט זיך צו שמדן. און ער האָט געהאַלטן, אַז אויב שוין יאָ שמדן זיך, איז נישט גענוג דאָס ביסל טויף־וואַסער, וואָס ער וועט דאַרפן אין זיך איינזאַפּן, נאָר פונקט ווי ער האָט פריער געטריי געדינט זיין יידישן גאָט, אַזוי דאַרף ער איצט טריי דינען דעם קריסטלעכן גאָט.

איז ער צו דעם צוועק עטלעכע וואָכן געגאַנגען צום פּולקאָווען „קאַפּלאַן", ביי וועמען ער האָט זיך מיט גרויס התמדה געלערנט די ברכות, תפילות און דעם קאַטעכיזיס.

מען האָט שוין פאַר אים אויך באַשטימט אַ טאָג, ווען עס זאָל פאָרקומען די שמד־צערעמאָניע.

פאַרן אָננעמען די נייע אמונה האָט מען באַשלאָסן אים צו געבן אורלויב, כדי ער זאָל צופאָרן אַהיים און ליקווידירן אַלע זיינע באַציאונגען מיט די עלטערן, ווייל דערנאָך וועט ער שוין נישט האָבן מיט זיי קיין שום מגע ומשא.

די פאַפּירן זיינען אָנגעקומען צו אונדז אין ביוראָ. הגם אין קאָמפּאַניע האָט מען שוין לאַנג געוווּסט וועגן זיין שריט, דאָך איז עס פאַר מיר געווען אַ סיורפּריז און די ידיעה האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער.

איך האָב אָנגעהויבן איבערקוקן זיין קאָרעספּאָנדענץ און בין געוואָרן דערשטוינט דערוויסנדיק זיך, אַז זיינע עלטערן ווייסן פון קיין שום זאַך נישט און זיי שרייבן זיך אַזעלכע וואַרעמע בריוו, נישט האָבנדיק קיין אַנונג וואָס זייער זון קלויבט זיך דאָ אָפּצוטאָן.

איך האָב באַשלאָסן מודיע צו זיין זיינע עלטערן וועגן דעם. כ'האָב געוווּסט, אַז איך טאָר דאָס נישט, אַז מען קען מיך דערפאַר אַרויסטרייבן פון קאַנצעלאַריע, און כ'קריך דאָ „מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט" — אָבער זיין אָפּנאַרן די עלטערן האָט מיך נישט געלאָזט צו רו.

איך האָב זיך כסדר פאָרגעשטעלט, ווי זיינע עלטערן זיצן זיך ביים טיש, לייענען יעדן בריוו זיינעם און טרייסטן זיך, אַז אָט־אָט, נאָך עטלעכע חדשים אַרום, וועט ער קומען צוריק אַהיים, זיך נעמען צו דער אַרבעט און שפּייזן כמקודם די אַלטע צעבראָכענע עלטערן — און פּלוצלינג וועלן זיי גאָר באַקומען אַ ידיעה, אַז זייער זון האָט אויף אייביק איבערגעריסן דעם פאָדעם, וואָס זיינע עלטערן האָבן געשפּינט.

עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג, זיינע עלטערן זיינען געקומען פּונקט אין דער שעה, ווען מען האָט אים געדאַרפט אָפּשמדן. דער שמד איז דעריבער געוואָרן אָפּגעלייגט. מען האָט באַשטימט אַ צווייטן טערמין. איך האָב זיי נאָך אַמאָל וועגן דעם געשריבן, אָבער דאָס מאָל זיינען זיי שוין ליידער געקומען צו שפּעט.

איך האָב נאָך, ווי אַ באַאַנאָוועער שרייבער, געדאַרפט זיין אַ שטיקל מחותן אויף דער שמחה, וואָס איז פאַר־געקומען אויפן גרויסן איבונג־פּלאַץ, ווו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די שמד־צערעמאָניע. ביים צוגעגרייטן טויער זיינען געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן, פאַרפּוצט, געפלאָכטן מיט גרינס, און אַרום איז געווען אויסגעשאָטן מיט פרישן זאַמד.

זעלנער און אונטעראָפיצירן האָבן יום־טובדיק געוואַרט אויפן אָנקומען פון די מחותנים מיטן „חתן". אין די זעלנערישע מיילער איז שוין אַרויס די סלינע, ריידנדיק וועגן פעטן יום־טובדיקן מיטאָג, וואָס מען וועט באַלד באַקומען.

די זון האָט געשיינט מיט אירע שטראַלן, וואַרפנדיק פריילעך און לוסטיק אירע שפּיזן, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּיגלט אין די גלאַנצנדיקע אָרדערס, קנעפּ און דאַשקעס. די אָפיצירן האָבן אַרומגעשמייעט אין די ווייסע הענטש־קעס, גאַלאַ־מונדירן מיט ווייסע פאַסקעס, מיט אַזעלכע אויסדרוקספולע פנימער פון אַן אָפּגעטוענער זייער נוצ־לעכער אַרבעט.

אין עטלעכע מינוטן אַרום איז שוין געווען נאָך אַלע־מען. פון דער ווייטנס האָבן זיך אַרויסגערוקט די קאָנטורן פון צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט, פאַר־גרעסערנדיק וואָס ווייטער אַלץ מער זייערע פאַרנומענע פּונקטן אויפן האָריזאָנט.

ער — אַ מיטל־ווּקסיקער ייד, אַ ברייטלעכער, פולער, לויטן אויסזען אַ יאָר זעכציק, מיט אַ זעקל אויף די פּליי־צעס, האָט מען פון זיין פנים געקענט אַראָפּלייענען טרויער, געמישט מיט עקל, אויפרעגונג און אַביסל הכנעה...

זי — דעם זעלבן ווּקס, אַ ביסל מער איינגעבויגן, אַ רויט־פאַרפלאַמט פנים, אַראָפּגעלאָזענע בליקן און אויס־געלאָשענע אויגן.

פאַרטראַכטע, האָבן זיךביידע געשאַרט ווי שאָטנס, אָנמאַכנדיק אַרום זיך אַ גרויסן שטויב.

קומענדיק שוין נאָך אַלעמען, זיינען די עלטערן אַוועק אין דאָרף אַריין גלייך צום זון. זיי האָבן אים דאָרט נישט געפונען. די קריסטלעכע זעלנער האָבן זיי לשם רחמנות אַוועקגעפירט אין אַ צווייטן אָרט, ווו דער משומד האָט געגעסן מיטאָג.

זיצנדיק מיט אַן אויסגעטוענער בלוזע, צוליב דער גרויסער היץ און נאָך דער אָפּגעטוענער „שווערער אַרבעט", האָט אים פון האַלדז אַראָפּגעשיינט דער נאַר־וואָס גע־שענקטער גאָלדענער צלם.

פריער האָט די מאַמע אָנגעהויבן רעדן וויינענדיק, אים געבעטן ער זאָל זי נישט פאַרלאָזן אויף דער עלטער, ווייל זי וועט נישט אויסהאַלטן; האָט אַרויסגענומען אירע נאַקעטע ברוסטן, אים געשטופּט אין פּנים און געשריען: „נאַ, זע, פון זיי האָסטו געזויגן, זיי האָבן דיך דערנערט — און אַצינד וואַרפסטו זיי אַוועק. צעשנייד זיי! דערהרגע מיך! נאָר זאָל איך כאָטש שטאַרבן וויסנדיק, אַז דו ביסט צוריק אַ ייד."

דער פאָטער האָט אויך אַריינגעוואָרפן זיינע תחנונים, פריער מיט ווייכע רייד: „מער ווי דיך האָב איך נישט, ביסט מיין איינציקער. איך האָב אַ גאַנץ לעבן אויף דיר

געהאַרעוועט, זיך איינגעשטעלט צווישן די גויים אין די דערפער, אַבי דיך צו דערנערן און דערציען, מאַכן דיך פאַר אַ מענטש; און אַצינד וואַרפסטו אונדז אַוועק?"

ערשט זעענדיק, אַז זיינע ווייכע רייד ווירקן נישט, איז ער איבערגעגאַנגען צו האַרטערע דיבורים.

— צוליב וועמען האַסטו זיך געשמדט, צוליב אַ דאַר־פישער ציגאַנקע? וועסט זען, זי וועט דיך נאָך שפּעטער אַוועקוואַרפן אויך!

דער פאָטער איז אַוועק, קענטיק זיך מייאש געווען. די מאַמע איז נאָך געבליבן. און ווי מאָדנע, ווי די נישט איבעריק פריינטלעכע קריסטן האָבן זיך מיט אַ באַזונדער רחמנות און דרך־ארץ אַצינד באַצויגן צו איר. זיי האָבן נאָך אַפילו אויסגעדריקט פאַרדרוס קעגן זיין פאַרעטערי־שער האַנדלונג.

און צעבראָכן, פאַרשעמט, פאַריאושט און אויפגערעגט האָט די מאַמע פאַרלאָזט די פויערישע כאַטע מיטן געפיל, אַז איר זון איז שוין אויף אייביק פאַר איר פאַרלוירן.

ש. איז געוואָרן אַ פרומער קריסט און איז געווען פון די ערשטע אין קאָשטשאָל.

דער משומד האָט שפּעטער אָנגעקלאָגט דעם קאַנצע־לאַריע־שעף, אַז ער האָט עס דערציילט זיינע עלטערן וועגן זיין שמדן זיך, אַז ער פלעגט איבערקוקן די קאָרעספּאָנדענץ א. א. וו. דער שעף האָט זיך ביים ראַפּאָרט פאַרענטפערט, אַז ער מישט זיך נישט צו דער קאָרעספּאָנדענץ. ס'איז דעריבער געפאַלן דער חשד אויף מיר, וואָס כ'האָב עס אָגב פאַרויסגעזען. כ'האָב פאַרלוירן דעם חן און כ'האָב געמוזט צוריקגיין צו דער אַקטער קאָמפּאַניע.

דער מצב איז שוין דאָ אַצינד געווען לחלוטין אַן אַנדערער. מען האָט אַהער געשיקט רעקרוטן פון 1901,

פאַזנאַנטשיקעס, און מיר האָבן ווייטער געמוזט מיטמאַכן מיט זיי דעם רעקרוטישן קורס. די פאַזנאַנטשיקעס האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין דער קאָמפּאַניע. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַן אַנטיסעמיטישע שטימונג, און דעם גאַנצן צאָרן פאַר די רעקרוטישע יסורים האָבן די פאַזנאַנטשיקעס געוואָלט אויסלאָזן צו די יידישע זעלנער.

דער איבערגאַנג אין דער פערטער קאָמפּאַניע

עס זיינען שוין דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז אין קאַדרע האָט מען די זעלנער פון 1900 באַפרייט. האָב איך אָנגעהויבן צוליב דעם מער צו בענקען נאָך קאָנגרעס־פוילן, וויסנדיק, אַז דאָ וועט מען אונדז אַזוי גיך נישט באַפרייען.

נאָר זעענדיק, אַז מען האָט דאָ פאָרמירט אַ באַזונדערע קאָמפּאַניע פון אַלע זעלנער פון 1900, האָבן מיר שוין גענומען האָפן, אַז דאָ איז אונדזער לעצטער עטאַפּ און מיר וועלן באַלד באַפרייט ווערן. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ טעות.

נאָכדעם ווי מען האָט אונדז עטלעכע וואָכן געלאָזט צורו, האָבן מיר נאָכן האַניק־חודש ווידער באַקומען אַ טראַנספּאָרט רעקרוטן, פאַזנאַנטשיקעס, מיט וועלכע מיר האָבן ווידער געמוזט דורכמאַכן די מיליטערישע תורה. די נאָכגעלאָזטע פּעטליע פון מיליטערישן דרוק איז ווידער צוגעצויגן געוואָרן און מיר האָבן צוריק אָנגעהויבן צו קרעכצן „מקוצר רוח ומעבודה קשה". אין די פרייע מינוטן האָבן מיר געהאַט „וויקלאַדן" (רעפעראַטן).

מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל אַרויסצופאָרן קיין זאַמבראָווע, לאָמזשער קרייז.

אָנקומענדיק דאָס מאָל קיין מאַלאַדעטשנע, האָט שוין די שטאָט געמאַכט אויף מיר אַן אַנדער איינדרוק ווי

דעם ערשטן מאָל. אָנשטאָט די קופּעס צעוואָרפענע ציגל ביי דער סטאַציע, איינגעפאַלענע הייזער אין צענטער שטאָט און פאַרברענטן יידישן קוואַרטאַל — האָב איך איצט געזען אויפגעבויטע שיינע הייזער.

די יידישע באַפעלקערונג איז שוין צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן איינאָרדענען. די רייכערע האָבן שוין געהאַט באַקוועמע דירות און ס׳איז געווען קענטיק אַ פאַרשטאַרקטע בוי־באַוועגונג, וואָס האָט אַ סך צוגעזאָגט.

קאַפּיטל דרייצן

קיין זאַמבראָווע —אין זאַמבראָווע — דער זעלבסט־מאָרד און מורא פאַר בייזע רוחות — די באַפרייאונג פון 1900 — אין שטעדלעך — זיבן געשעענישן — אַהיים.

לאַנג, לאַנג האָבן מיר זיך געקוויקט מיט דער האָפע־נונג פּטור צו ווערן פון די שוין פאַרמיאוסטע דערפער און פאָרן קיין קרוין־פּוילן. דאָס, צוזאַמען מיט דער דערוואַר־טעטער באַפרייאונג, האָט פאַרגרינגערט אונדזער געמיט און געגעבן כוח צו וואַרטן אויפן געווונטשענעם טאָג פונעם אָפּפאָר.

דעם דריטן אָקטאָבער 1922 זיינען מיר שוין געווען צו פופצן מאַן אין אַ וואַגאָן און אָפּגעוואַרט דעם לעצטן לאָקאָמאָטיוו־פייף. איך בין אַוועק אין שטאָט זיך צו געזעגענען מיט מיינע באַקאַנטע.

קומענדיק צוריק האָב איך שוין מיין טראַנספּאָרט נישט געפונען. איך בין געוואָרן אומרואיק און זיך געווענ־דעט צו דער זשאַנדאַרמעריע, זי זאָל מיר אַרויסגעבן אַ בי־לעט צו פאָרן. די זשאַנדאַרמעריע אָבער האָט זיך מיט מיר

גאַרנישט געוואָלט פּאַראינטערעסירן, טענהנדיק: „האָסט זיך נישט געדאַרפט אַרומשלעפּן".

דערהערנדיק אַזאַ ענטפער, בין איך געוואָרן אַנטוישט. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויב די זשאַנדאַרמעריע האָט מיך נישט פאַרהאַלטן, וועט מען מיך שוין נישט טשעפּען. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַריינצוזעצן זיך פּשוט אין אַ פּאַסאַזשיר־צוג און פאָרן קיין זאַמבראָווע אויף גאָטס באַראָט.

אינעם צוג האָב איך געטראָפן אַ היימישן קאַפּראַל פון אונדזער באַטאַליאָן, וועלכער האָט מיך באַלד איינ־געאָרדנט אויף זיין שטייגער. און איך בין אַזוי געפאָרן קיין זאַמבראָווע, זוכנדיק אויף יעדער גרעסערער סטאַציע מיין טראַנספּאָרט. דער קאַפּראַל האָט מיר אַפילו געראָטן צו־צופאָרן דערווייל אַהיים אויף „קבר אבות", נאָר דאָס האָב איך זיך שוין נישט געוואָלט דערלויבן.

ערב ראש־השנה בין איך אָנגעקומען קיין זאַמבראָווע. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, בין איך אָנגעקומען נישט שפּעטער פון מיין גאַנצן באַאָן, וועלכער איז אָנגעקומען אינגאַנצן מיט אַ האַלבן טאָג פריער.

אין זאַמבראָווע

קומענדיק אין די קאַשאַרן פריילעך, מונטער, מיט פעסטע טריט, האָב איך זיך געוווּנדערט פאַר וואָס מען האָט גאַרנישט געמאַכט קיין חקירה ודרישה צוליב מיין באַזונדערן אָנקומען. ס'האָט מיר שוין אָנגעהויבן צו פאַר־דריסן פאַר וואָס איך האָב נישט געפאָלגט דעם קאַפּראַל, וואָס האָט מיר געראָטן צו מאַכן אַ „פּאָלסקי אורלאָפּ".

מיין קאָמפּאַניע איז נאָך דערווייל געווען צעוואָרפן איבערן פּלאַץ. חברה האָט גערייניקט די קאַשאַרן. עס

האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, ווי די קאַשאַרן זיינען געווען אין אָרדענונג און דער עולם האָט זיך שוין אַרויפּ־געפּעקלט אין דער הויך. איך האָב באַלד גענומען אַ „פּשע־פּוסטקע" אין שטאָט אַריין.

ראש־השנה זיינען מיר געווען באַפּרייט. עשרת ימי תשובה האָבן מיר נאָך קיין איבונגען נישט געהאַט. מען האָט זיך נאָך אַלץ עוסק געווען מיט די קאַשאַרן. יום־כיפּור זיינען מיר אויך געווען פריי. די האָניק־וואָכן זיינען אָבער גיך אַוועק און מיר האָבן זיך צוריק גענומען צו דער געוויינלעכער אַרבעט.

מיטן אָנקומען פון די פּאָזנאַנטשיקעס איז אַריינ־געטראָטן אַן אַנדער שטימונג. מיר האָבן אַלע איבונגען געמוזט אַדורכמאַכן אויפּסניי גלייך מיט זיי. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט גימנאַסטיק. פלעגן מיר דעריבער האָבן די זעלבע צרות וואָס די רעקרוטן, לויטן כלל: „איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם"... חוץ איבונגען האָבן מיר אויך געהאַט „וואַרטע".

זאַמבראָווע איז געווען אין דער זעלבער לאַגע ווי קאָמאַראָווע. פון ביידע זייטן שאָסיי — געמויערטע קאַ־שאַרן מיט אַלע מיליטערישע איינריכטונגען. די אָפיצירן האָבן געהאַט אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ גאָרטן־שטאָט, אַרומגענומען מיט הויכע באַ־בלעטערטע ביימער. צום שטאָט איז געווען ביי אַ האַלבן קילאָמעטער.

נאָך אונדזער אָנקומען האָט זיך דער 41־טער פּיע־כאָטע־פּולק געקליבן אַוועקצוגיין. די פּולק־קאַשאַרן זיי־נען אָבער, ווי חורבות, געשטאַנען ליידיק, פאַרבאַהאַלטנ־דיק אין זיך די פאַרבאָרגענישן פון די שכנים זעלנער, וואָס האָבן דאָ אַזוי פיל יאָרן פאַרבראַכט. בלויז עטלעכע היל־

צערנע הייזער זיינען געווען פאַרנומען אויף אַ פּאַלקס־שולע, און די איבעריקע, וואָס זיינען צוליב זייער פאַר־וואַרלאָזטקייט נאָך ערגער געוואָרן רואינירט, האָט מען געדאַרפט היטן די שויבן פאַר ציווילע גנבים.

דער זעלבסטמאָרד און די מורא פאַר בייזע רוחות

מיר האָבן אָפּגעהאַלטן עטלעכע חדשים וואַרטע און קיין אויסערגעוויינלעכעס איז נישט פאַרלאָפן. ביז די פּאַלגנ־דיקע געשיכטע האָט אויפגערודערט די נאַאיוו־אַבערגלויבע־רישע סאָלדאַטסקע מוחות.

הינטער די קאַשאַרן איז געווען אַ הייזל פון אַ פאַר־מעגלעכער אלמנה מיט אַ טאָכטער, ווו ס'פלעגן פאַרברענ־גען די אונטער־אָפיצירן, צווישן וועלכע עס איז אויך גע־ווען אַ כאַראַנזשי (ערשטע מדרגה נישט העכער שטייגנדי־קער אָפיציר) מיט אַ קאַפּראַל־„זבראָימיסטש״ (געווער־פאַרוואַלטער פון דער קאָמפּאַניע).

די שטוב אויפגערוימט, די לאָמפּן העל צעצונדן און אויפן געדעקטן טיש, וואָס איז געווען פול מיט געטראַנ־קען און מטעמים, איז אויך געווען צוגעגרייט אַ טאַליע קאָרטן. אין ווינקל איז זיך געשטאַנען די אַלטע און דער־ווייל געפירט אַ שמועס מיט דער טאָכטער מאַריאַ, אַ בלאָנדע מויד, שוין אין די יאָרן, מיט בלאָע אויגן און אַ פאַריסן נעזל, וועמענס ווייס דורכזיכטיקע בלוזקעלע האָט אַנטפּלעקט אירע פולע שטייפע ברוסטן.

מאַריאַ וואָלט שוין לאַנג חתונה געהאַט. לויט איר שטאַנד און ביסל פאַרמעגן וואָלט זי געקענט טאָן אַ גוטן ציווילן שידוך. זי האָט אָבער וויניקער ווי אַן אָפיציר נישט געוואָלט נעמען. און די אָפיצירן וואָלטן זיך מיט איר גאַנץ פיין געבאַוויעט. אַ ווייבלעכע און אַ פלאַמיקע,

איז זי געווען אין זייער גוסט. נאָר אויף חתונה־האָבן האָבן זיי געוואָלט אַ ייִנגערע און אַביסל מער געבילדעטע.

— איך וואָלט דיר געזאָגט, מאַריאַ, זאָלסט זיך בעסער אויפהערן צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיטן כאַראַנזשי! דו ווייסט נישט, אַ זעלנער בלייבט אַ זעלנער! ער וועט דיך שפּעטער איבערלאָזן אויפן פליישבאַנק און צום אַלטאַר וועט ער דיך נישט פירן. ווי זינגט זיך דאָרט: „היינט דאָ און מאָרגן דאָרט"...

— מאָמע, דו מיינסט, אַז איך נעם אים ערנסט? צו וואָס זאָל איך אָנמאַכן אַ קריג? אָט, איך שאַר זיך גלאָט אַזוי צווישן זיי ביידע. האָב קיין מורא נישט, איך האַלט פאַסאָן...

עס האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און אַ פריילעכע כאַליאַסטרע איז אַריין מיט אַ ברייטן גוטן־אָוונט. מען האָט זיך געזעצט אַרום טיש, גענומען צו כוסה'ס און אָנגעהויבן שפּילן. דער בראָנפן און דאָס שפּילן האָט זיי צעוואַרעמט. דער קאַפּראַל האָט געהאַלטן אין איין פאַרלירן. ביז ער האָט פאַרשפּילט דעם לעצטן גראָשן.

און צעהיצט און באַטרונקען, האָט מען נישט באַמערקט ווי עס האָט זיך ווער אַריינגעשאַרט אינעם צווייטן צימער און אַראָפּגערוימט אַ פּאָר טייערע פינגערלעך פונעם בעט. ערשט ווען די אלמנה האָט זיך געכאַפּט, איז געוואָרן אַ טומל, און דער כאַראַנזשי האָט געזאָגט, אַז ס'איז דעם קאַפּראַלס אַרבעט.

אויף צו מאָרגנס, ווען אויפן פּלאַץ האָט דער גאַנצער באַאָן געטשוויטשעט, צעשטעלט לויט די קאָמפּאַניעס, האָט מען אַדורכגעפירט דעם אַרעסטירטן קאַפּראַל. דורכגייענדיק נעבן דער „זבראַיאָווניע", האָט ער פּאַר חרפה אָנגעהויבן צו לויפן.

ס'איז געוואָרן אַ געשריי: פּאַרהאַלטן! די קאָמפּאַ־ניעס האָבן אָנגעהויבן אַרומצורינגלען דעם פּלאַץ. זייענדיק אין דער קלעם, איז דער קאַפּראַל אַריין צו זיך אין געווער־מאַגאַזין, פאַרהאַקט די טיר און אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן (שיסן).

מען האָט אַרומגעשטעלט פון אַלע זייטן וועכטער, וועלכע האָבן מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן צו דער קעלער־טיר פון געווער־מאַגאַזין.

ערשט אַז ס'איז געוואָרן שטיל, האָט מען זיך פּאַרזיכטיק, מיט געציילטע טריט, צוגערוקט צום פענצטער פון מאַגאַזין און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד: אין מיטן צימער איז דער קאַפּראַל געלעגן אויסגעצויגן אין אַ קאַלוזשע בלוט, איין פוס באַרוועס און נעבן אים איז געלעגן אַ פראַנצויזישע ביקס. אַ טריט ווייטער, אַן אויסגעשאָסענע קויל. אונטערשטעלנדיק די ביקס אונטער דער גאָמבע און אראָפּדריקנדיק דאָס צינגל מיטן גראָבן פינגער, איז אים די קויל אַריין אין קאָפּ.

מען האָט אים אַזוי געלאָזן ליגן ביז עס זיינען אַראָפּגעקומען זיינע עלטערן און אַ קאָמיסיע. ער איז אַזוי געלעגן אַ צייט.

דערווייל האָבן די „פּאָסטערונקאָוויס" (וועכטער), וואָס זיינען געשטאַנען נעבן אים אין שכנות, „געהערט", ווי דער טויטער קאַפּראַל קלאַפּט אָן אויפהער און „געזען", ווי אַ שוואַרצער הונט באַווייזט זיך אַלע מאָל, ברומענדיק מיט מוראדיקע טענער.

די קלאַנגען וועגן די בייזע רוחות זיינען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און אַ שרעקלעכער פּחד איז אָנגעפאַלן אויף אונדזערע „העלדישע" זעלנער. קיין שום וועכטער האָט דאָ נישט געוואָלט שטיין, כדי ער זאָל, חלילה,

נישט טעראָריזירט ווערן פון די העכערע גייסטער. יעדער איינער האָט אַלץ געוואָלט אַוועקגעבן, אַבי מען זאָל אים נישט שטעלן אויף קיין „וואַרטע".

אין איינעם אַן אָוונט, אַרום דריי בייגאַכט, איז גע־שטאַנען אַ יונגער רעקרוט האַרט צוגעשפּאַרט צו דער טיר, באַוועגלאָז, פאַרשטאַרט, און אין זיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַרשידענע פאַנטאַסטישע בילדער.

די טיר פון מאַגאַזין איז געווען האַלב־אָפן. די ביקס — אָנגעשפּאַרט נעבן דער האַלב־אָפענער טיר. פאַרטיפט, צו־ליב שרעק, אין זיינע היציקע דמיונות, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. אַ שטאַרקער ווינט האָט האַסטיק צוגעהאַקט די טיר, צעברעכנדיק דערביי די קאָלבע פון ביקס.

דער רעקרוט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין האַלב־דרימלענדיקער פאַרשמאַכטקייט, איז אַוועק אויף דער „וואַרטאָווניע" און דערציילט: אַ שוואַרצער הונט מיטן קאַפּראַלס געשטאַלט איז ווילד צו אים געלאָפן. ער האָט געוואָלט שיסן, האָט אים דער הונט צעבראָכן די ביקס.

פון אַ ווינקל האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט: „איך האָב אויך געזען דאָס זעלבע, און אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שיסן, איז זיך דער הונט צעפלויגן אין דער לופטן.

דערהערנדיק די מעשיות, האָבן זיך אַ טייל איבער־געצלמט, נאָר אייניקע האָבן פאַרטאַיעט געשמייכלט.

די בהלה אין דער „קאָמפּאַניע וואַרטאָווניטשע" (וואַרטע קאָמפּאַניע) האָט זיך דערוייל פאַרשטאַרקט, ביז מען האָט אינדערפרי באַטראַכט דאָס אָרט און מען האָט פאַר זיך געזען אַזאַ מין בילד: די קאָשאַרן זיינען געווען צעבראָכן, די פענצטער אַרויסגעריסן, דער קוימען אומ־געפאַלן און די טירן אָפן. ס'איז געווען קלאָר, אַז נישט דער בייזער גייסט פון קאַפּראַל, וואָס איז זיך געלעגן ווי

אַ טויטער אויף זיין אָרט, האָט געשטורעמט, נאָר די נאַ־טירלעכע צעבייזערטע קראַפט פונעם ווינט.

פונדעסטוועגן זיינען נאָך אַלץ די „פּאַסטערונקאָוויס" (וועכטער) געשטאַנען אין איין ציטער ביז מען האָט צו־גענומען דעם טויטן קאַפּראַל און אים באַערדיקט אָן קיין שום מיליטערישן פּאַראַד

די באַפרייאונג פון ניינצן־הונדערט

עס איז אָנגעקומען סוכות. מען האָט אונדז באַפרייט אויף די ערשטע און לעצטע טעג. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַפילו נישט צו שטאַרק מטפל געווען מיט אונדז. ס'איז אָבער פאַר אונדז געווען גענוג דאָס פאַרווילן זיך אין אַ יידישער סביבה, טרעפן זיך מיט באַקאַנטע און זיך קוויקן מיט די ידיעות וועגן אונדזער נאָענטער באַפרייאונג.

נאָך סוכות איז אין שכנותדיקן פולק אָנגעקומען אַ באַפעל צו באַפרייען מיין יאָרגאַנג. הגם ביי אונדז האָט מען נאָך פון אַזאַ באַפעל נישט געוווּסט, זיינען שוין אָבער אָנגעקומען צוגרייטונגס־באַפעלן. פון אַנדערע פולקן האָט מען שוין אַפילו דערלויבט צו פאָרן אַהיים נאָך ציווילע זאַכן. ביי אונדז אָבער — נישט.

די לעצטע טעג זיינען מיר פרייוויליק געגאַנגען אין הויף אַריין גראָבן קאַרטאָפל. דער הויף איז געווען אַ פינף קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. נישט באַווייזנדיק אויסצוגראָבן אַליין די קאַרטאָפל, האָט דער פּריץ גע־מוזט אָנקומען צו דער הילף פון גאַנצן באַאָן. מיר האָבן דערפאַר באַקומען טאָפּלטע פּאָרציעס ברויט און עטלעכע זלאָטעס.

די אַרבעט האָט אונדז אָבער בעסער געשמעקט ווי „טשוויטשעניעס". ביי אונדזערע זעלנער־פּויערים איז עס אויך געווען אַ מין צוגרייטונג צום ציווילן לעבן.

דער באַפּרייאונגס־באַפעל איז שוין אויך געווען ביי אונדז אין פולק. די שמחה איז אונדז אָבער אַביסל פאַר־שטערט געוואָרן צוליבן איבערבייטן אונדזערע אַלטע מונ־דירן אויף נאָך ערגערע. מיר האָבן גדאַרפט אַהיימפאָרן ווי אָפּגעריסענע שלעפּערס.

איך בין דערפון געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ס'איז אַפילו ווגן דעם אַנטשטאַנען אַ שאַרפער אינצידענט צווישן מיר מיטן כאַראַנזשי. נאָר זיין זאָג: „צי ווילט איר שוין טאַקע נישט אָנקוקן אייער היים?" — האָט מיך איינגע־שטילט.

אין שעדלעץ

מיר האָבן אָפּגעגעבן אַלע זאַכן, חוץ דאָס, וואָס מיר האָבן געטראָגן אויף זיך. דערביי האָבן מיר זיך אונטערגע־שריבן, אַז אויך די לאַכעס וועלן מיר תיכף צוריקשיקן.

ביינאַכט האָבן מיר אַלע אַרויסגעמאַרשירט צו דער באַן, ווו דער קאָמפּאַניע־שעף האָט זיך מיט אונדז האַרציק געזעגנט.

די לבנה איז פריי אַרומגעשווומען איבערן הימלישן ים. אויפן הימלישן געוועלב איז נישט געווען צו זען קיין קנייטש פון קיין וואָלקן־כוואַליע, פון קיין ווינטל. דער גאַנצער אויסגעשפּרייט האָט מיר אַצינד אויסגעזען אַזוי רואיק, שלווהדיק, און דער רוים־שפּיגל, וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט בריליאַנטן, האָט מיך באַגלייט אויף מיין וועג צו דער פרייהייט.

מיר זיינען געגאַנגען לויז, אַנאַרכיש, פריי פון מיליטער־רישן עול, פריי דערווייל אויך פון ציווילן, דיסציפּלינלאָז און צעוואָרפן.

אין אַ פרימאָרגן זיינען מיר אָנגעקומען קיין שעדלעץ.

זיבן געשעענישן

אין שעדלעץ זיינען מיר גלייך אַוועק אין די קאַשאַרן, וועלכע זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט דעמאָביליזירטע. אַ טייל פון זיי האָבן זיך שוין דאָ אַפילו געוואַלגערט צו עטלעכע וואָכן.

איך האָב שוין אָנגעהויבן אַריינצופאַלן אין יאוש. ווער ווייסט, אפשר איז מיר אויך אַזוי באַשערט ? מיין שוואַרץ־זעעריי האָט זיך אָבער נישט באַשטעטיקט. מען האָט מיך אַלץ אויסגעפרעגט, פּאַרטיק געמאַכט מיין מיליטעריש ביכל מיט דער דעמאָביליזאַציע־קאַרטע, און איך בין געווען זיכער, אַז כ׳פאָר אַהיים.

איך האָב זיך אפילו געראַנגלט מיט דער דעה צו באַזוכן די שטאָט, אין וועלכער איך בין שוין דאָ צום דריטן מאָל און אין וועלכער איך האָב זיך אויף אַ ווייל אַריינגעכאַפּט בעת מיין פאָרן קיין אָסטראָוו־קאָמאַראָוו, און האָב דאַן געמוזט איבעררייסן מיין שפּאַציר. שעדלעץ איז אויך מיין וואָיעוואָדישע שטאָט (אַמאָל מיין גובערניע). איז ווי באַזוכט מען זי נישט ביי דער זעלבער געלעגנהייט ? נאָר די בענקעניש און די תשוקה צו זיין וואָס גיכער אין דער היים האָט גובר געווען.

וואַרטנדיק אויפן באַן־בילעט, זיינען מיר, אַ גרופּע פון אַ מאַן זיבן, אַריין אין אַ יידישער קנייפּע, ווו מיר האָבן, לויטן מנהג, ביי אַ טרונק, באַשלאָסן צו דערציילן זיך פאַרשידענע מיליטערישע געשעענישן.

לויט דער ריי האָט אָנגעהויבן אַראָנאָוויטש, וועלכער האָט דערציילט : ביי בערעסטעטשקאָ, איבערלויפנדיק אַ דערפל, איז קאַרטשינסקי אָפּגעשטיגן אין אַ פויערשער כאַטע, ווו אין אַ ווינקל איז אין איין שרעק געשטאַנען אַ יונג מיידל פון אַ יאָר פערצן, בלוט און מילך.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט און, נישט קוקנדיק אויף דער קאַנאַנאַדע, האָט זיך אין אים צעקאָכט די הינטישע „יוכע", ביז ער האָט זי פאַרפייניקט. זי האָט נאָך געשעפּטשעט „באַזשע פאָמילאַיס", ווען אַ שראַפּנעל איז אַריין און זיי ביידן צעשמעטערט.

בערנאַצקי דערציילט: אין ביאַלאַ־ביעלסק, בעת מיר זיינען געגאַנגען הינטערן שטאָט פון די „טשוויטשעניעס", האָט זיך איין שערגאַוויעץ פאַרגלוסט פאַרויכערן אַ פּאַפּי־ראָס. דער פּאָרוטשניק האָט עס דערזען, האָט ער באַפוילן אַן אונטער־אָפיציר אַרויסצונעמען דעם זינדיקן פון דער קאָמפּאַניע און געבן אים איבערן גאַנצן וועג „פּאַדני־פּאָור־סטאָן" (פאַלן און אויפהויבן זיך). איידער ער האָט נאָך באַוויזן גוט אויסצוציען זיך, האָט ער זיך שוין געדאַרפט אויפהויבן.

פונדעסטוועגן האָט עס אַ „שלאָנזאַק" דערזען. איז ער צו צום פּאָרוטשניק און צו אים אָנגעהויבן שרייען: „דו הינטישער נפש, אַזוי מוטשעט מען עס אַ ברודער?" ס'איז געוואָרן אַ טומל. דער פּאָרוטשניק האָט באַפוילן אייניקע אונטער־אָפיצירן אים צו אַרעסטירן. נאָר דער שלאָנזאַק, אַ הויכער, אַ פלינקער, האָט גענומען שטעלן פּיס, און די אונטער־אָפיצירן האָבן זיך אים געמאַכט יאָגן און נישט דעריאָגן... און דער בייזער פּאָרוטשניק איז געבליבן מיט אַ נאָז.

צעלקאָוויטש דערציילט: הינטער ווילנע האָבן זיך די פויערים צעבונטעוועט, נישט געלאָזן רעקווירירן קיין פּראָוויאַנט, און האָבן אַפילו דערהרגעט אַ קאַפּראַל. מ'האָט באַשטימט אַ שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס האָט געהאַט פרייע הענט.

קודם האָט מען אַרויסגעטריבן דאָס גאַנצע דאָרף אויף איין אָרט, און ווער עס איז אַנטלאָפן, האָט מען

אים דערשאָסן. די איבעריקע האָט מען געשמיסן און דאָס גאַנצע דאָרף פאַרברענט. אונדזערע ייִנגלעך האָבן שוין איינמאָל געלעבט אַ טאָג מיט די דאָרפישע מיידלעך.

אין לובלין, דערציילט דעמבטשוק, האָט מען דערשאָסן אַ זעלנער פאַרן אַנטלויפן פון פראָנט. איך האָב אים געקענט, אַ ווילער יונג געווען, אַ קליינער, יונג און גרינג ווי אַ פעדער.

איך גלויב בשום אופן נישט, אַז ער זאָל האָבן במזיד אַנטלאָפן. אפשר האָט זיך אים פאַרגלוסט טרינקען, איז ער ערגעץ צוגעלאָפן.ביים שיסן האָט ער, נעבעך, דער אָרעמער, איינגעבויגן דעם קאָפּ, וועלנדיק אויסמיידן די קויל. עס האָט זיך אים זייער נישט געוואָלט שטאַרבן, אַזוי יונג געווען. ער האָט יאָמערלעך געוויינט.

עי, איר הינטישע בלוטן — האָט זיך אָנגערופן עקימאָוויטש — וואָס האָקט איר אַ טשייניק מיט אַזעלכע טרויעריקע מעשיות! אָט וועל איך אייך בעסער דערציילן עפּעס פריילעכערס: ביי די וואַרטע־„וויקלאַדן" האָב איך מיך אַלץ אָנגעהערט, אַז מען זאָל זיין פאַרזיכטיק ביי די געווער־מאַגאַזינען, קיינעם נישט צולאָזן, ווייל עס זיינען דאָ איבערגעקויפטע שפּיאָנען, א. א. וו. האָב איך דעריבער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויב עס וועט זיך מיר מאַכן עפּעס אַזאַ געלעגנהייט, זאָל איך זי שוין אויסנוצן נישט אויף קאַטאָוועס... און געוואָלט האָב איך זיך אָפּשפּילן דווקא אויף אַ גאַנצן אָפיציר...

ויהי הלילה, שטיי איך אַזוי אויף דער וואַרטע אין דער פינצטער און איך באַמערק ווי פון דער ווייטנס טויכט עפּעס אויף ווי אַ שוואַרץ פינטל, וואָס ווערט אַלעמאָל גרעסער און גרעסער.

איך האָב גענומען די ביקס אויף „גאָטוי בראָן" (גרייט

מאַכן ס׳געווער) און שריי ספּעציעל נישט הויך: „האַס־לאָ!״ און אַז קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָב איך שוין העכער אַ געשריי געטאָן: „ווטיל זווראָט! פּאַדני!״ (אומקערן זיך אויף הינטן און פאַלן).

יענער האָט זיך נעבעך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אין שניי, איז אָפּגעלעגן אַ שטיק צייט און גענומען זיך בעטן איך זאָל רופן דעם קאָמענדאַנט, ווייל ער ווערט געפרוירן. איך האָב אים צוליב געטאָן און אַלאַרמירט.

נו, ווער מיינט איר איז עס געווען? נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אַלטער גענעראַל, וואָס איז קוים געקראָכן אויף די פיס. קוקנדיק אויף זיינע איינגעמאַכטע צעקנייטשטע הויזן, האָב איך ממש געקייכט פאַר געלעכטער.

דערציילט פּייטלאָוויטש: אויף די קרעסן אַרום מאַ־לאַדעטשנע זיינען דאָ אַ סך וועלף. שטייט זיך אַזוי דער „פּאָסטערונקאָווי״ אין אַ פינצטערער נאַכט, פאַרקלערט, און טראַכט וועגן וועלף. אויפן פינצטערן האָריזאָנט רוקט זיך אַרויס אַ שוואַרצער פלעק, וואָס קומט צו אים אַלעמאָל נענטער און נענטער, ביז ער דערזעט ווי צוויי בלישטשענ־דיקע פייערלעך.

ער כאַפּט זיך פאַרן ביקס און שרייט פון געוווינהייט צום וואָלף: שטיי! איך שיס! דער כלומרשטער וואָלף הערט אים ווי דעם קאָטער. טראַך! טראַך! און אַלע זיינען זיך גלייך צונויפגעלאָפן אַ קוק טאָן, וואָס דאָ איז געשען. ערשט מען גיט אַ קוק, אויף דער ערד ליגט אויס־געצויגן בראָקס, דעם פּאַרוטשניקס הונט. די זעלנער אַרום אים האָבן אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער דערשטיקט צו ווערן.

דער זיבעטער, פיינשטיין, פאַרענדיקט: ביי אונדז אין פּולק — איך זאָג פּולק, ווייל די „אָפּערמע״ האָט מען

געקענט אין גאַנצן פולק — איז זיך געווען אַ גאַנץ ווילער יידישער סאָלדאַט, נאָר שפרינגען, לויפן איז פאַר אים גע־ווען דער טויט. אַ שוואַך האַרץ, ווייזט אויס, געהאַט. האָט געהאַלטן ביי אַ „ביעג" (געלויף), פלעגט ער אַנידערפאַלן און אָטעמען אויף אַ שעה צייט.

האָט זיך אונדזער פּאָרוטשניק געדאַרפט פאַרגלוסטן מאַכן אַ ראָוו פון דריטהאַלבן מעטער די ברייט, און דער עולם זעלנער זאָל אים אַריבערשפּרינגען. וואַרטנדיק אַויף אַ „נס", איז די אָפּערמע געבליבן די לעצטע.

מען מוז דאָך אָבער פאַרט שפּרינגען. האָט ער זיך צעוואָרעמט, צוגעגרייט זיך און אָנגעהויבן צו לויפן מיטן גאַנצן אימפּעט צום ראָוו. האַלטנדיק אָבער ביים סאַמע ראַנד פון ראָוו, איז ער געבליבן שטיין, כאַטש נעם און טראָג אים אַריבער.

האָט ער ס'צווייטע מאָל געפּרוווט אָפּלויפן נאָך אַ גרעסערע שטרעקע, מיט מער אימפּעט זיך אָנגענומען, גיך, גיך, אָנגעהויבן צו לויפן און... באַץ אין סאַמע ראָוו אַריין. ער האָט זיך אָפּגעצוואָגן פון קאָפּ ביז די פיס, און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט אַרויסגעשאָסן ווי פון אַ האַר־מאַט. פאַר רחמנות האָט מען אים אַ נאַסן געלאָזט גיין עסן פרישטיק פריער פאַר אַלע.

אַהיים

דעם 22־טן אָקטאָבער 1922 זיינען מיר אָפּגעפאָרן אַהיים. איך בין נישט בכוח צו באַשרייבן יענע פרייד און באַגייסטערונג, וואָס האָט דעם אָוונט באַהערשט מיין נשמה. מיין כוח הדמיון קען גאָרנישט איבערמאָלן יענע פריידיקע בילדער, וואָס האָבן אַדורכגעבליצט אין מיינע פאַנטאַזיע־קעמערלעך. נאָכן אָפּזיין דריי יאָר פאַריאָגט אין

אַ פרעמדער סביבה, געשמידט פיזיש און גייסטיק, האָב איך שוין, ווי אַ קעמל אין מדבר נאָך וואַסער, געלעכצט נאָך אַביסל פרייהייט. און ענדלעך איז דער טאָג געקומען, ווען דו ווערסט פריי.

אַ מישמאַש פון געדאַנקען און בילדער האָט זיך גע־נומען וועבן אין מיין מוח. מיין האַרץ, וואָס האָט דריי יאָר נישט געוווסט פון קיין פרייד־געפיל און איז געווען אָנ־געפילט נאָר מיט מרה־שחורה, יאוש און אַנטוישונג, האָט צוריק אָנגעהויבן צו חלומען פריי און פאַנטאַסטיש וועגן דער צוקונפט.

אויסטייטש (גלאָסאַר) פון פרעמדווערטער
און מיליטערישע אויסדרוקן

פּאָבאָראָווע קאָמיסיע — מיליטערישע קאָמיסיע, וואָס נעמט אויף רעקרוטן.
פּריזיוווניקעס — געהערנדע צו מיליטער.
פּייפער — אַ קראַנקער אויער, וואָס פּייפט ביים אָנדריקן די נאָז.
פּ. ק. או — פּוילישע מיליטערישע קאָמיסיע.
זבאַדאַניע — אונטערזוכונג.
זבאָרנע סטאַציע — אַ צייטווייליקער מיליטערישער אויפהאַלט.
פּאָפּיסאָווצעס — רעקרוטן.
קאָמענדע — באַפעל.
פּאָווסטאַנצעס — אויפשטענדלער.
פּאָסטערונקאָווי — וועכטער.
באַגנעט — שטיקע, מיט וועלכער מען גייט צו אַן אַטאַק.
אויאַזדאָווסקי שפּיטאָל — מיליטערישער שפּיטאָל אויף אויאַזדאָווסקי אין וואַרשע.
פּראָוויאַנט — שפּייז.
זאַפּאַס — שפּייז־פּאַרגרייט.
בריונים — ווילדע ברואים.
ליאַמפּעס — מיליטערישע אָפּצייכענונגען.
פּאָבודקע — אויפוועקן פון שלאָף.
אַפּעל — קאָנטראָלירן דורך אויסרופן די נעמען פון די זעלנער.
פּראָנטאָווע קראַנקע — קראַנקע, געקומענע פון פראָנט.
סטאָטש ! — שטיין בלייבן !
קאָמיסיע־לאָזשיקעס — קריכער, וואָס ווילן נישט דינען.
האַלערטשיק — אַ זעלנער פון גענעראַל האַלערס אַרמיי.
טשוויטשעניעס — איבונגען.
פּאַקע — צונאַמען פון אַרעסט.
פּאַלסקי אורלאָפּ — אַליין־גענומענער אורלויב.
סאַליע — גרויסער זאַל.
עסקאָרט — אַ וואַך.
קאַפּראַל — צוויי־בענדלדיקער.
קאָמאַנדעוועט — געגעבן באַפעלן.
דרוזשינאָווי — אָנפירער פון אַ דרוזשינע (קלענסטע מיליטערישע איינהייט)
דאָוודסטוואָ — העכערע אָנפירונג
ווסטאַטש ! — אויפשטיין !
מאָדליטווע — תפילה.

קאָלאַציע — נאָכט־עסן.
סקאָק — שפּרונג.
פּאָדני־פּאָווסטאַן — פאַלן־אויפשטיין (גיך)
טשאַנגגי־שיען — ציען זיך אויף די עלנבויגנס.
נאַרעס — פּריטשעס צום שלאָפן.
קאַדרעס — שטייענדיקע גאַרניזאָנען.
באַאָן — צווייטע גרעסערע איינהייט (נאָך דער קאָמפּאַניע).
פּולק — גרעסערע איינהייט פון באַאָן (באַטאַליאָן).
קאַנטינע — בופעט צו קויפן פּראָדוקטן.
קאָכאַנקע — געליבטע.
באַטשנאָשטש — אַכטונג (שטיין אויסגעצויגן, שטייף).
מענאַשקע — מיליטערישע כלי צו נעמען מיטאָג.
אינספּעקציע — קאָנטראָלע.
פּאַנטעאיסטישע פילאָזאָפיע — אַז גאָט און נאַטור זיינען איינס.
הלכות אכילה — דינים פון עסן.
בשר־קוויטש — חזיר־פליישׂ.
אַ פּשעלאָזשאַנעם — עלטסטן.
סאַמאָוואָליע — זעלבסט־האַנדלונג (אָן רשות פון די עלטסטע)
מונדוראָוואַניע — מיליטערישע באַקליידונג.
פּשעפּוסטקעס — דערלויבענישן.
קאָשאַרן — מיליטערישע דירות (קאַזאַרמעס).
בסבר פנים יפות — מיט אַן אַנגענעם פריינטלעך פּנים.
אָסאָבע — גוט־אויסזעענדיקע פּערזאָן.
פּאָליאָווע טשוויטשעניעס — פעלד־איבונגען.
פּלאַצוּוקעס — פּראָנט־וואַרטע (פּאַטראָלירן דעם שונא אונטערן פּראָנט).
פּולן שיק — אין פולער באַוואָפענונג.
פּליעצאַק — טאָרניסטער.
שווינקע — אַ געשווילעכץ אונטער דער גאָמבע.
טערמאָמעטער — אַ גלעזל, אָנגעפילט מיט קוועק־זילבער, וואָס מעסט היץ.
אָקאָפּעס — גרובן פאַר סאָלדאָטן צו שיצן זיך.
פּיעכאָטע־דיוויזיעס — פוסגייער־דיוויזיעס.
קאָנטר־אָפענסיווע — קעגן־אָנגריף.
פּלוטאָן — אַ דריטל פון אַ קאָמפּאַניע.
פּאַלוואַרק — פּריצישער הויף.
פּאָסטערונעק אַלאַרמאָווי — אַלאַרם־וועכטער.
אָכאָטניקעס — פרייוויליקע.
זשאָלד — זעלנערישער געצאָלט.
פּלען — געפאַנגענשאַפט.
אָפּערמעס — זעלנערישע טויגעניכצן.
פּלאַנקן — זייטן.
בודיענינס קאַוואַלעריע — מאַרשאַל בודיענינס רייטער־קאַזאַקן.
באָזשע פּאָמילאָיס — גאָט, דערבאַרעם זיך.

סוויאַטאַיאַ מאַריאַ — הייליקע מרים, „גאָטס מוטער״.
סוויאַטאָאי פּאַוועל — הייליקער פּאַוועל.
טאַבאָר — פורן וואָס גייען נאָך דעם מיליטער.
זביורקע — צונויפזאַמלונג.
מאַסקאַליעס — מאָסקווער (צונאָמען פאַר די רוסן).
קאַזלע בראָן — דאָס אַוועקשטעלן די ביקסן איינע קעגן די אַנדערע.
תוכחה — די שטראָף־רייד פון חומש קעגן די זינדיקע.
רעוויזיעס — זוכונגען.
רעוויזיאָניסטן — רעוויזיע־מאַכער.
אַ קאַדרע — אַ שטייענדיקער גאַרניזאָן.
אַ נאָמאַד — אַ וואַנדערער.
פראָנטאָוויק — פראָנט־קעמפער.
מעטראָפּאָליע — הויפּט־שטאָט.
סמאָק — מאָנסטער.
מאַטקאַ־באָסקאַ — „גאָטס (יעזוסעס) מאַמע״.
קירקעס — פאַרשפיצטע גראַב־אייזנס.
לאָפּאַטעס — ריגלען (צום גראָבן)
עבודת פרך — אַ שווערע אַרבעט.
שעבוד של מצרים — מצרישע פאַרקנעכטונג.
וואַכמישטש — רייטער־סערזשאַנט.
זאַפּאַסניקעס — רעזערוויסטן (זעלנער פון עלטערן יאָר־גאַנג)
יעלות — געשרייען.
משנה תורה — איבערגעחזרטע תורה.
כיד המלך — קעניגלעך.
כי המקום קדוש הוא — ס׳אָרט איז הייליק.
וויקלאַד— לעקציע.
שעיר לעזאזל — דער זינד־באָק, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן פונעם באַרג.
יומא דפגרא — יום־טוב.
זשאַבקי סקאָק — זשאַבע־שפרונג (אַ שטראָף אַזאַ).
קאַרנע טשוויטשעניעס — שטראָף־איבונגען.
פּאַליש — פירהויז.
קרוציפיקס — אַ געקרייציקטער יעזוס.
אָלטאַזש — „הייליקסטער״ אויבנאָן פון דער קירכע.
אַמען — אמן.
קרעסן — ראַנד־געביטן אין מזרח־פּוילן.
קאַרטי טאָזשסאַמאָשטשי — אידענטיטעט־קאַרטן (אַ מין פּאַס)
שלאַכטשיץ — פּריץ.
חקירה ודרישה — אויספאָרשונג.
פּלוטאָנאָוון — אַ דריי־בענדלדיקן.
פּאַניע פּלוטאָנאָווי ! — הער פּלוטאָנאָווי !
פּראַוויטשקעס — בתולה׳ס.
אַנאַלפאַבעטן — עם הארצים.

פּאַסונעק — ברויט־פּאָרציע.

וואַרטאָווניע — וואַרטע־הויז.

האַנאַראָווע פּאָסטערונקעס — ערן־וועכטער.

פּשעגלאָנדן — איבערקוקן.

פּולקאָווע אָפּערמע — פּולקאָווע שלים־מזל (גרויסער).

גאַרניזאָנאָווע קוכטעס — גאַרניזאָן־נקבות.

לאַזשיק, סמאַראָוואָזניק — צונעמען פאַר אַ זעלנער אַ טויגעניכטס.

פּאַניע יאַנעק — הער יאַנעק.

קאַפּראַל — צוויי־בענדלדיקער.

אַ מעבע — איין־קעמערלדיק באַשעפעניש.

פּולן רינשטונעק — מיטן ראַניעץ און געווער.

רעפּעטע — מיטאָג־צוגאָב.

מענאַשקעס — מיטאָג־כלים.

אַ פּראַוויטשעק — אַ בחור אין זיין אומשולד.

אַ סאַניטאַר — קראַנקן־באַדינער.

אינסטרוקטאַר — מיליטערישער איבונג־לערער.

פּראָוויאַנטירונג־קאָמיסאַר — פּראָוויאַנט־אויפזעער.

אַ פּאָוואַזשנעם — ערנסטן.

געבאַוויעט — געווײַלט.

קאָמיסיאַ גאָספּאָדאַרטשאַ —ווירטשאַפטס־קאָמיסיע.

עוגות־מצות — צונאָמען פאַר מצות (קיכל־מצות).

דזשאַדעק — (זיידע) צונאָמען פאַר יוזעף פּילסודסקי.

פּאָלאָוון שפּיטאָל — פעלד־שפּיטאָל.

אורזשאָנד גאָספּאָדאַרטשי — ווירטשאַפט־אַמט.

נאַ טעמפּאָ כוויט בראָני — איבונג מיטן ביקס (פלינק אַ כאַפּ טאָן די ביקס).

פּאָ פּראַנצוזקו — אויפן פראַנצויזישן שטייגער.

אַ סלוזשביסטער — אַ דינסטלער (טרעט נישט אָפּ פון רעגולאַמין).

פּלאַשטש — מיליטערישער אויבער־מאַנטל.

טשובע — איינער פון די צונעמען פאַר אַרעסט.

פּאָדאָדזשיאַל — אונטער־אָפּטייל.

לאָנטשניק — פאַרבינדלער.

דאָוודצאַ דיוויזי — דיוויזיע־אָנפירער.

אַ ברכה לבטלה — אַ זאַך וואָס איז גאָרנישט ווערט.

קאַרנעם ראַפּאָרט — שטראָף־ראַפּאָרט.

הדבר יצא — דער באַפעל איז אַרויס.

חד גדיא — אַרעסט־הויז.

יעפרייטער — אַן איין־בענדלדיקער

יאַ טיעביע דאַם — אַ קנאַקער.

קאַנצעלאַריע — ביוראָ.

עווידענציע־ביכער — רשימה־ביכער.

אָרדינאַנס — אַ זעלנער־באַדינער.

פּולקאָוון קאַפּלאַן — פּולקאָוון גלח.

קאַנצעלאַריע־שעף — ביוראָ־פאַרוואַלטער.

קבר־אבות — אויף אורלויב.

זבראָימישטש — פאַרוואַלטער פון געווער־מאַגאַזינען.

כאָראָנזשי — אַ נישט העכער שטייגנדיקער אָפיציר.

זבראָיאָווניע — געווער־מאַגאַזין.

אַ שלאָנזאַק — אַן איינוווינער פון שלעזיען.

האַסלאָ — אָפגערעדטער סימן (צו וויסן אַז ער איז אַן אייגענער)

ווטיל זווראָט! — אומקערן זיך אויף הינטן.

זוכצעטל פון נעמען און ערטער

אברהם, אברהם אבינו
איוואַנישקער רב
איוואַשקעוויטש וו.
איינשטיין
אליהו הנביא
אַנטעק
אָסטראָוו־קאָמאַראָוו
אָסטראָוו
באַרטאָש
בוג
בודיענין
בורקאָוו
ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאַ
ביאַלאַ
ביאַלאַ־ביעלסק
ביאַלער
ביעלסק
ביילין
בירא
בעסקידן
בערעזינע
בערעסטעטשקאָ
בראָקס
גאַווריליוק
גאַרוואָלין
גערזאַניאַן
גראָדנער ש.
דאָווּבור־מושניצקי, גענעראַל
דזשאַדעק
דניאל
דעמאַשוק
דעמביצקי, סערזשאַנט
דעמבטשוק
דעמבלין
דראָגאָטשין
האַלער, גענעראַל
הדס
וואַרשע
ווייגאַנד, גענעראַל
ווייסל
וויעפּש
ווילנע
וולאָדאַווע
ווענגראָוו
וועסאלאווסקי, פּאָרוטשניק
זאַמבראָווע
זשיטאָמיר
זשילאַך
זשעליגאָווסקי, גענעראַל
טוכאַטשעווסקי, גענעראַל
טראַיאַנאָווסקי, גענעראַל
טשענסטאָכאָוו
טשערעמכע
יאבלאָנע
יאָכע
יאַנעק
יוזשקע
יעזוס כריסטוס
יעקב
יצחק
כמיעלעווסקי, פּאָרוטשניק
כעלם
לובלין
לוטאַנסקי, מאַיאָר
לוסטאָווסקי, גענעראַל
ליאָנדרין הויף
לידאַ
לעמבערג
מאַלאָדעטשנע
מאַנקע

מאַלקין
מאַקסימאָוויטש
מאַריאַ
מיכאַלאָווטשיזשנע
מילער
מעזריטש
מענדעלע מוכר ספרים
מענדעלסאָן
מרים
נאָוואָמיאַסטאָ
נאַפּאָלעאָן
סאָסנקאָווסקי, גענעראַל
סאָקאָלאָוו
סיעליענאַווקע
סלאָוואַטיטש
סקאַלאָן, גענעראַל
עקימאָוויטש
פּאַוועל סוויאַטאַי
פּאַן וואָלאָדאַיאָווסקי
פּיוסק
פּילסודסקי
פּינסק
פּיטלאָוויטש
פּין
פיינטוך
פיינשטיין
צאַר
צוקער
ציגיינער־וואַלד
צעלקאָוויטש
קאָדניע
קאָזשעניץ
קאָזשעניעווסקי, פּאָרוטשניק
קאָמעניעוו
קאָצקער שטיבל
קאַרפּאָטן
קאַרטשינסקי
קיעוו
קראָכאָווסקי
קראַקוס
קרעמפּל יאַנקל
קרעסן
ראַדזין
ראַזוואַדאָווסקי, גענעראַל
ראַדזימין
ראָקיטנע
רידז־שמיגלי
שעדלעץ
שענקיעוויטש
שעפּטיצקי, גענעראַל
שפּאָלער זיידע
שיקאָרסקי, גענעראַל
שפּינאָזאַ

ביכער פון יעקב כהן

„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (מעמואַרן)
„פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1930.

„אין און אַרום ציוניזם (עסייען)
„פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1931.

„פון אייגענעם גאָרטן" (אַפּאָריזמען און לידער)
„אַבעצע", פּאַריז, 1949.

„אויף די וועגן פון יידישן קיום" (עסייען)
פאַרלאַג „צעראַטאַ", פּאַריז, 1950.

„לאַבירינטן פון געדאַנק" (אַפּאָריזמען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1951.

„פאָלק, גייסט און לאַנד" (עסייען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1952.

„צו אַ ניי לעבן" (דערציילונגען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1953.

„לעבן און טראַכטן" (עסייען)
פאַרלאַג „בידערמאַן", ניו־יאָרק, 1957.

„דער גורל פונעם ייד" (ראָמאַן)
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1960.

„אונטער די סאָוויעטישע הימלען" (שילדערונגען)
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1961.

„די משפחה ערליך" (ראָמאַן)
פאַרלאַג „ניי־לעבן", תל־אביב, 1964.

„**אין פלאַם פון דאָרן**" (פּאָעמעס און לידער)
פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1965.

„**בין השמשות**" (לידער אין פרייען פערז)
פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1966.

„**דריי יאָר אין פוילישן מיליטער**" (מעמואַרן, 2־טע פאַרבע־סערטע אויפלאַגע)
פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1967.

☆

פאַרפאַלן געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

„**פון זיך**" (לידער אין פּראָזע), ביאַליסטאָק.

„**מיט די כוואַליעס פון לעבן**" (ראָמאַן), ביאַליסטאָק.

„**ערשטע פרוכטן**" (לידער) ביאַליסטאָק.